YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i34

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 34
September 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 34)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/33

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אומגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר נים אפלאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. No. 34. | New York, Friday, Sept. 5, 1919. | פרייטאג, דער 5טער סעפט. | PRICE 3 CENTS

סטרייק פון די נויארקער לײדיס טיילארס דערנעהנטערט זיך

מאנטאג אווענד וועט זיין א מאנסטער מאס-מיטינג אין מענער כאר האל, 203 איסט 56טע סט. — אויף דעם מיטינג וועט ענטשיידען ווערען וועגען א גענעראל-סטרייק אין דער אינדוסטריע.

מאנטאג, דעם 1טען סעפטעמבער, האט זיך געענדיגט דער אגרימענט צווישען די ניו יארקער לײדיס טיילארס און אלטערײשאן שניידער יוניאן לאקאל 80 און זייערע בעלי בתים, און צו דער געלעגענהייט פון דער באנייאונג פון דעם אגרימענט, האט די יוניאן ארויסגעשטעלט נייע פאדערונגען. די הויפט-פאדערונגען זיינען, ווי מיר האבען שוין געמעלדעט לעצטע וואך, וואך-ארבייט, א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך און א מינימום וויידזש סקייל פון 50 דאלאר א וואך.

די לײדיס טיילאר באסעס האבען איצט נים קיין אסאסיאיישאן, מיט וועלכער די יוניאן זאל קענען האנדלען קאלעקטיוו, און דער אגרימענט, באזירט אויף די נייע פאדערונגען, איז דעריבער צוגעשיקט געווארען צו יעדער לײדיס טיילאר פירמע פון גרוים ניו יארק און פון יעדער פירמע ווערט באזונדער ערווארט אן ענטפער.

דעם מאנטאג אווענד, דעם 8טען סעפטעמבער, וועט די יוניאן אפהאלטען א גרויסען מאס-מיטינג אין מענער כאר האל, 203 איסט 56טע סט. דער מיטינג וועט זיך אנפאנגען פונקט 6 אזייגער פארנאכט און עס וועט דארט אפגעגעבען ווערען א באריכט וועגען דעם ענטפער פון די בעלי בתים אין באצוג צום אגרימענט און די נייע פאדערונגען. און קיים וועט דער ענטפער פון די בעלי-בתים נים זיין קיין גינסטיגער, וועלען די אנוועזענדע מיטגליעדער זיכער באשליסען צו רופען א גענעראל-סטרייק צו צווינגען די לײדיס טיילאר באסעס די פאדערונגען פון די ארבייטער נאכצוגעבען.

אויף דעם מאס-מיטינג וועלען, נאטירליך, אויך געהאלטען ווערען רעדען און די פאלגענדע באוואוסטע רעדנער וועלען דעם מיטינג אדרעסירען: ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט"; סעקרעטער אב. באראף; דזשאדזש דזשייקאב פענקין; מאקס פיין, סעקרעטער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען; וויים פרעזידענט עלמאר ראזענבערג און דער באוואוסטער איטאליענישער אגיטאטאר, ארטורא דזשיאוואניטי. דער טשערמאן פון דעם מיטינג וועט זיין וויים-פרעזידענט סעמועל לעפקאוויטש, דער הויפט-פיהרער פון דעם גאנצען קעמפיין.

די לײדיס טיילארס יוניאן מאכט איצט א באזונדער אנשטרענגונג צו ארגאניזירען די אלטערײשאן-שניידער פון די דעפארטמענט סטארס און די לײדיס טיילארס וואס ארבייטען אין די ברוקלינער שעפער. די לײדיס טיילארס יוניאן איז איצט פעסט ענטשלאסען צו העלפען די אלטערײשאן שניידער פון די דעפארטמענט סטארס ארויסצוגעהן פון דער שקלאפעריי, אין וועלכער זיי געפינען זיך! דיעזע ארבייטער, כאטש זיי זיינען טיילווייז די זעלבע קינסטלער ווי די לײדיעס טיילארס, ארבייטען אבער אונטער א סך ערגערע באדינגונגען. די לײדיעס טיילארס יוניאן איז איצט פעסט ענטשלאסען, דאס אין דעם גאנצען פאך זאל זיין איין סטאנדארד, די זעלבע ארבייטס-באדינגונגען פאר אלעמען, פאר אלע ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין דער אינדוסטריע, צו זיי ארבייטען אין א שאפ אדער אין א דעפארטמענט סטאר, אין ניו יארק אדער אין ברוקלין. און עס איז צו האפען, דאס די אלטערײשאן שניידער וועלען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט, וואס די יוניאן גיט זיי איצט זיך צו פארבעסערען די לאגע.

די זעלבינע געלעגענהייט האבען איצט אויך די לײדיעס טיילארס און אלטערײשאן שניידער, וועלכע ארבייטען אין ברוקלין. זאלען זיי איצט אלע אריינקומען אין דער יוניאן און צוזאמען, מיט פאראייניגטע קרעפטען, זיך פארבעסערען די לאגע.

וועלען זיי דאס טאן? מיר האפען אז יא.

אינטערנעשאנאל ארגאניזאציאנס ארבייט אין ניו יארק

א חוץ די ארגאניזירטע טריידס אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטרי פון ניו יארק, זיינען נאך דא פאראנען מאנכע ברענטשעס וואס זיינען נאך נים ארגאניזירט. פיעלע טויזענדע ארבייטער, מענער און פרויען, זיינען אין יענע ברענטשעס באשעפטיגט.

עס איז אמת, אז דורך דעם וואס אין די ארגאניזירטע טריידס ווערט געהעכערט דער סטאנדארד פון שכירות, דורך די קעמפע פון די ארבייטער אין דיזע טריידס, האט דאס אינדירעקט א ווירקונג אויף אויף יענע טריידס וואס זיינען נים ארגאניזירט און אויך דארט ווערט דער סטאנדארד פון פרייזען איייניגער מאסען געהעכערט. דאך אבער, די ארבייטער פון די נים-ארגאניזירטע טריידס בלייבען אלץ הינטערשטעליג. זייערע פארדינסטען בלייבען אלץ קלענער, און זייערע ארבייטס-שטונדען לענגער, ווי אין די ארגאניזירטע טריידס. און עס פרעגט זיך:

ווארום זאלען אויך דיזע ארבייטער נים זיין ארגאניזירט און האבען די זעלבע ארבייטס-באדינגונגען ווי די ארבייטער פון די אנדערע צווייגען אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע וואס זיינען ארגאניזירט?

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשיאנאל האט געענטפערט אויף דער פראגע גאנץ פראקטיש. נעמליך, אנצושטעלען געניגנ ארגאנייזער צו העלפען די ארבייטער פון די צוריקגעשטאנענע צווייגען אין דער אינדוסטריע זיך ארגאניזירען. דאס ווערט איצט געטאן נים בלויז אין ניו יארק, נור איבער'ן גאנצען לאנד אומעדום וואו עס זיינען באשעפטיגט ארבייטער אין דער לײדיס אינדוסטריע און זיי זיינען נים ארגאניזירט.

וואס אנבעלאנגט אין ניו יארק גופא, האבען מיר שוין לעצטע וואך געמעלדעט, דאס ברודער מאיר ווײנשטיין, דער גע-

טאראנטא'ער קלאוק מאכער סטרייק

סעקרעטער אב. באראף איז לעצטע וואך געווען אויף א באזוך אין טאראנטא, קענעדע, און האט דארט אדרעסירט די סטרייקענדע קלאוקמאכער. ווי ברודער באראף גיט אונז איבער, זיינען די סטרייקער דארטען פונקט אזוי מוטיג און קאמפפס-לוסטיג, ווי דער סטרייק וואלט ערשט נעכטען אויסגעבראכען! די סטרייקער — זאגט ער — זיינען פול מיט מוט; קיין סקעבס זיינען ניטא אפילו אויף א רפואה, און די סטרייקער זיינען פעסט ענטשלאסען צו קעמפפען אזוי לאנג ביז די איינגעשפארטקייט פון די בעלי בתים וועט דארט ענדליך געבראכען ווערען.

ווי די לאגע פון דעם סטרייק איז דארט יעצט, האט זיך דער גאנצער קאמף קאנצענטרירט כמעט ארום איין פונקט: וועגען דער אנערקענונג פון דער יוניאן. די אומפארשעהמטע באסעס טענה'ן העכסט היפאקריטיש, אז נעגען יוניאנס האבען זיי אייגענטליך גארנים אויסצוזעצען. מעהר נים מיט דער קלאוקמאכער יוניאן ווילען זיי נים האנדלען.

זייער אונפארשעהמטקייט געהט נאך ווייטער; זיי זאגען גאנץ אפען, דאס זיי זיינען צופרידען צו פארהאנדלען מיט א קאמיטע פון יעדען שאפ באזונדער. זיי זעהען נים איין, טענה'ן זיי היפאקריטיש, צו וואס די קלאוקמאכער אין טאראנטא דארפען האבען א י י ן גרויסע יוניאן. זאלען זיך, שלאגען זיי פאר, די ארבייטער פון די שעפער מאכען באזונדערע יוניאנדלאך און מיט דיעזע שאפ-יוניאנס וועלען זיי האנדלען.

אין אנדערע ווערטער הייסט עס, דאס די דארטיגע באסעס ווילען ליבערשט האנדלען מיט שאפ-קאונסילס, איידער האבען צו טאן מיט איין קלאוקמאכער-יוניאן! פאר שאפ-יוניאנס האבען זיי קיין מורא נים, אבער איין קלאוקמאכער יוניאן שטעקט זיי ווי א ביין אין האלז, נים אויסצושפייען און נים ארונטערצושלינגען!

די דארטיגע סטרייקער פארשטעהען אבער אויסגעצייכענט די היפאקריטישע רייד פון די בעלי בתים. זיי ווייסען גוט וואס די באסעס מיינען, ווען זיי זאגען, אז זיי זיינען „צופרידען צו פארהאנדלען מיט באזונדערע שאפ-קאמיטעס" און זיי זיינען פעסט ענטשלאסען צו סטרייקען ביז דיעזע באסעס וועלען מוזען פארהאנדלען מיט די ווירקליכע פארשטעהער פון די ארבייטער, מיט די בעאמטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

עס איז כדאי צו באמערקען, דאס סעקרעטער באראף האט אין טאראנטא באקומען א זעהר שעהנע און ווארימע אויפנאהמע נים נאר פון די סטרייקער, זאנדערן אויך פון דער פרעסע אין יענער שטאדט. די צייטונגען דארטען האבען וועגען זיין באזוך געהאט ארטיקלען מיט גרויסע קעפ און דאס האט דעם סטרייק געמאכט נאך פאפולערער און לעבעדיגער ווי ער איז עס געווען ביז איצט.

אינהאלט-פארצייכניס

נומער 34 „גערעכטיגקייט".

זייט 2. דער קומענדער מעמבער מיטינג פון לאקאל 1 — פ. קאטלער.
זייט 3. וויכטיגע פאסירונגען אין דער ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 17 — דזש. העללער. באסמאנער נאטיצען — דזש. ווייט און ב. קורלאנד.
זייט 4. ארגאניזאציאנס ארבייט אין קאנעטיקוט סטייט — סאול זיידמאן. דריי עקזעקוטיוו באארד מיטינגען פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ.
זייט 5. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען — א. באביטש און יעקב בליימאן. דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 6. דער לעצטער קאמף — דזשוליעס ס. פוינטץ.
זייט 7. די לײדיס טיילארס יוניאן אמאל און היינט — ל. סאלאוויאף. בריוועלאך פון פילאדעלפיא — א. קראפעווע.
זייט 8. דער קוש (ערצעהלונג) — טאמאס קראג. אידיש — זישא לאנדוי.
זייט 9. וואס הערט זיך אין דער טשילדרענס דרעסמייקערס יוניאן. — ה. גרינבערג.
זייט 10. פון רעדאקטארס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר — ש. יאנאווסקי.
זייט 12. דער פלאמב פלאן פאר די ריילראודס — נ. בוכוואלד. אין דער לופטען (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. קאנגרעסלייט מיט יוניאן ביכלאך אין קעשענע — ב. מיימאן.
זייט 14. א ווערטער-בוך פאר קבצנים (געדיכט) — א. ל. וואלפסאן. נו, א וואך! — דר. ק. לעא.
זייט 15. בעני — אברהם ליב שווארצבורג.
זייט 16. א בריעף פון ארגענטינא — מאקס הילער. קורצע שמועסען.
זייטען 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. די פרויען-וועלט — ראזע בעררינקבלינדער. צו אלע קלאוקמאכער און וויסטמאכער!

אונזער אינטערנעשאנאל אין קאנעטיקוט סטייט

די לײדיס טיילארס פון ניו הייווען און הארטפארד שטעלען ארוים נייע פאדערונגען. — זיי פארלאנגען א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך און א 50 פראצענטיגע העכערונג אין שכירות. — עס ווערען דארט אפגעהאלטען גרויסע מאס-מיטינגען.

קאנעטיקוט סטייט, הויפטזעכליך די שטעדט ניו הייווען, הארטפארד, ברידזשפארט און דענבורי, איז לעצטענס געווארען א לעבעדיגער צענטער פאר אונזער אינטערנעשאנאל, וואו עס ווערט אנגעפיהרט א גאנץ לעבעדיגער ארגאניזאציאנס קאמפיין צווישען אלע ארבייטער אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע, ווי ווייסט און דרעסמאכער, קארסעטמאכער, לײדיס טיילארס און אלטערײשאן שניידער.

ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין פון פריהער, ארבייט איצט אויף דער טעריטאריע בר. סאול זיידמאן, אונזער וויים-פרעזידענט און אינטערנעשאנעל ארגאנייזער. ברודער זיידמאן איז לעצטע וואך געווען אין ניו יארק און האט געבראכט גוטע נייעס פון דער ארגאניזאציאנס ארבייט אין די דערמאנטע שטעדט פון קאנעקטיקוט סטייט.

אויף א צווייטען פלאץ אין דעם היינטיגען נומער וועלען די לעזער געפינען א ספעציעלע קארעספאנדענץ פון ברודער זיידמאן גופא, וואו ער גיט אן מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם ארגאניזאציאנס-קעמפיין אין יענעם שטאאט.

אין דער שטאדט ניו הייווען זיינען שוין ארגאניזירט ארום 3,000 קארסעטמאכער, און עס איז דארטען, אזוי גוט ווי אין הארטפארד און ברידזשפארט, אויך גאנץ לעבעדיג צווישען די לײדיס טיילארס און אלטערײשאן שניידער.

די לײדיס טיילארס און אלטערײשאן

(שלוס אויף זייט 17)

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א סטעף רעפארטער.

פרעזידענט שלעזינגער א „פארדעכ־טיגער" מענש.

אין ראדיקאלע קרייזען האט מען שוין לאנג צוריק געוואוסט, אז די רעגירונג האלט אן „אפען אויג" אויף אלע ראדי־קאלע מענשען אין לאנד און עס ווערט נאכגעקוקט וואס זיי טוען. מען האט אבער ניט געוואוסט גענוי ווי ווייט די זאך געהט.

דער „ניו יארק קאל", די ענגלישע, טעגליכע, סאציאליסטישע צייטונג קומט קרעדיט פאר אויפדעקען דיזע אנגעלעגענ־הייט. דער „קאל" איז נעמליך געלונגען ערגעץ צו באקומען די ליסטע פון פערזא־נען וואס די דעטעקטיווס האבען צוגע־שטעלט דער רעגירונג אלס „פארדעכטיגע" מענשען און די „קאל" האט אנגעפאנגען מיט א וואך צוריק פארעפענטליכען דעם גאנצען ליסט.

ווי עס איז צו זעהן פון די פאר־עפענטליכטע פערזאנען וואס איז שוין גע־דרוקט געווארען אין דער „קאל", האבען די „געשייטע" פאליציי־שפיאנען אין דער ליסט אריינגעשטעלט די סאמע גע־אכטעסטע בירגער פון איבער'ן גאנ־צען לאנד. אין דער ליסט ווערען פאר־רעכענט אלס „פארדעכטיגע" מענשען ניט נאר אלע אנגעזעהענע, באוואוסטע סא־ציאליסטען און אויסגעשפראכענע ראדי־קאלען. דארט געפינען זיך אויך פרים־מער פון גרויסע קירכען, רעדאקטערע פון ענגלישע צייטונגען — א חוץ די פון דער „קאל" זעלבסט, — און צווישען אלע דיזע „פארדעכטיגע" מענשען געפינען זיך אויך דער נאמען פון אונזער פרעזידענט, בענדזשאמין שלעזינגער.

שלעזינגער'ס נאמען מיט זיין בילד, איז געווען פארעפענטליכט אין דער „קאל" לעצטען פריי־טאג, דעם 22טען אויגוסט. צוזאמען מיט איהם זיינען יענעם טאג פארעפענטליכט געווארען נאך אנדערע „פארדעכטיגע" מענשען, וועלכע אונזערע לעזער קענען געוויס.

אט זיינען איינינע פון זיי:

מאריס הילקוויט. א. שיפליאקאף, דער עדיטאריעל שרייבער פון די „קאל", רושיימס א'ניעל, ראבערט מיינאר, א באַ־וואוסטער קארטוניסט מיט ראדיקאלע אי־דעען, וואס מאכט קארטונס פאר די גרעס־טע זשורנאלען אין אמעריקא, מרס. ראוז פאסטאר סטאוקס און נאך אזעלכע „פאר־רעכטיגע מענשען".

ווי איהר זעהט, אלזא, געפינט זיך אונזער פרעזידענט שלעזינגער אין א גאנץ גוטער קאמפאניע. עס איז ווירקליך א גרויסער כבוד צו ווערען פאררעכענט אלס א „פארדעכטיגער" מענש, צוזאמען מיט נאך אזעלכע „פארדעכטיגע" וואס געפי־נען זיך אויף יענער ליסט.

קאמענטירענדיג וועגען דעם ווי אזוי עס קומט, וואס פרעזידענט שלעזינגער געפינט זיך אויף יענער ליסט, שרייבט די „קאל" פון 22טען אויגוסט:

„בענדזשאמין שלעזינגער, דער פרע־זידענט פון דער גרויסער אינטערנע־שאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, געפינט זיך אויף דער ליסט מסתמא דערפאר, ווייל די יוניאן וואס ער האט דאס פריווילעגיום צו פיהרען איז באוואוסט אלס א ראדיקאלע אר־גאניזאציאן. א פונקט אין דער קאנסטי־טושאן פון דער ארגאניזאציאן לויטעט, דאס דער ארבייטער איז בארעכטיגט צו די פולע פרוכט פון זיין ארבייט, און דאס איז געוויס א טיפעלשער פאר־ברעכען אין די אויגען פון יענע וואס לעבען בארויבענדיג די ארבייטער. שלעזינגער איז אויך א סאציאליסט און עס איז קיין וואונדער וואס ער באַ־קומט דעם כבוד דארטען דערמאנט צו ווערען".

* * *

די שטאט שיקאגא איז צו די מיט־דער פון אונזער אינטערנעשאנאל גוט קאנט דורך די קאורט־„אינדזשאנק־שאנס", מיט וועלכע עס האט דארט, מיט א פאר יאהר צוריק, איינפאך גערעגענט געגען אונזער יוניאן. און ווי עס שיינט, איז נאך דארט די „איג־דזשאנקשאן" מגפה ווייט ניט פאראיבער.

מיר האבען שוין איינינע מאל אנגע־מערקט, אז לאקאל 100 פון שיקאגא בא־גנוגענט זיך ניט מיט דעם זיעג וואס דער לאקאל האט דארט געחאפט דורך דעם קא־לעקטיוון סעטעלמענט מיט די צוויי אסאסיאיישאנס פון די סקוירט און דרעס שעפער. דער לאקאל געהט ווייטער אן מיט זיין ארגאניזאציאנס־ארבייט און סטרייקס ווערען גערופען געגען איינצעל־נע פירמעס, וועמעס שעפער זיינען נאך ניט יוניאניזירט געווארען. און ווי מיר זעהען, פון'ם שיקאגא'ער „פארווערטס" האט זיך שוין דארט ווידער אנגעפאנ־גען די „אינדזשאנקשאן"־מגפה.

מיטוואך, דעם 20טען אויגוסט, דרוקט דער שיקאגא'ער „פארווערטס" מיט א גרויסער קאפ אויף דער ערשטער פיידזש, ווי פאלגט:

„נעכטען האט דזשאדזש דייוויד, פון סופיריאר קאורט, ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן אין דעם נאמען פון דער פירמע פיליפ קלאסטער פון 134 סויט מארקעט סטריט, געגען ארגאניזער דזשוליוס האכמאן, געגען דעם פרעזי־דענט פון לאקאל 100 און געגען אלע מיטגלידער פון דער דרעס און ווייסט מייקערס יוניאן.

„דיזער אינדזשאנקשאן ווערט פאר־רעכענט צו זיין איינער פון די שרעק־ליכסטע, וועלכע זיינען ווען עס איז ארויסגעגעבען געווארען געגען סטריי־קענדע ארבייטער אפילו אין שיקאגא.

„דזשאדזש דייוויד וועלכער איז א פראמינענטע פערזאן אויף דער אידי־שער גאס און וועלכער איז באקאנט אין ציוניסטישע קרייזען, האט דיזען אינ־דזשאנקשאן ארויסגעגעבען.

„ביי דער פארהאנדלונג, איידער דער אינדזשאנקשאן איז ארויסגעגעבען גע־ווארען, איז ערשיענען דזשוליוס האכ־מאן און האט געבעטען דעם דזשאדזש ער זאל אבלעגען זיין אורטייל אויף א טאג אדער צוויי, ביז ער וועט האבען א געלעגענהייט צו קריגען א לאיער, וועלכער זאל רעפרעזענטירען לאקאל 100. אלס אורזאכע האט האכמאן אנ־געגעבען, אז דער לאיער פון דער יוניאן איז איצט אין קאליפארניא און קען ניט זיין ביים טרייעל. אין אזעלכע פעלע זיינען דזשאדזשעס ליבעראל און נאכ־געבענד, דאך האט דיזער דזשאדזש זיך ענטזאגט נאכצוגעבען דעם פארלאנג פון דעם פארטרעטער פון דער יוניאן.

„די גאנצע היערינג האט ניט גע־דויערט מעהר ווי א 30 מינוט, אין וועלכער צייט האכמאן האט געקראגען ווייניג געלעגענהייט צו פארטיידיגען די יוניאן און דער דזשאדזש האט באווי־ליגט דעם פארלאנג פון די באסעס.

„נאכדעם ווי דער דזשאדזש האט צו־פרידענגעשטעלט די בעלי־בתים, האט ער זיך געווענדעט צו דזשוליוס האכמאן און האט איהם געזאגט:

"אלס פארטרעטער פון דער יוניאן וויל איך אייך ווארענען דאס אויב דער ארדער פון קאורט וועט נישט געפאלגט ווערען נאכדעם ווי דער אינדזשאנקשאן וועט ארויסגעגעבען ווערען, וועט ניט זיין קיין געלד־שטראף, איך וועל געבען אירגענד וועלכע פערזאן וואס וועט אי־בערטרעטען דעם אינדזשאנקשאן די העכסטע שטראף".

האכמאן האט אויף דעם געענטפערט, אז די פיקעטס זיינען פרידליך, און פרידליך פיקעטען מעג מען.

„זיי טארען דארטען אין גאנצען ניט ארומגעהן", האט דזשאדזש דייוויד גע־ענטפערט. „אויב דיזע רעגירונג זאל אנהאלטען".

צו א פארטרעטער פון „פארווערטס" האט געגעבען דזשוליוס האכמאן ער־קלערט אז די יוניאן האט אנגעשטעלט דעם באקאנטען לאיער מר. מאקס שול־מאן צו באקעמפען דעם אינדזשאנקשאן פון דזשאדזש דייוויד אין די העכערע קאורטס, און אויב נויטיג וועט מען די פראגע ברענגען צו דער סופרים קאורט."

מיט צוויי טעג שפעטער,־אין דעם „פארווערטס" פון פרייטאג דעם 22טען, לעזען מיר, אז פאר דעם זעלבען אידישען דזשאדזש איז פארגעקומען א צווייטע „היי־רינג" וועגען דעם „אינדזשאנקשאן", און לאיער שולמאן האט גאנץ פעהיג פארטיי־דיגט די יוניאן. דער „אינדזשאנקשאן" געגען לאקאל איז געמאכט געווארען אבי־סעל מילדער, אבער... פיקעטען קלאפ־טערס שאפ ערלויבט נאך אלץ ניט דער אידישער דזשאדזש. אלס איד שטעהט אפנים דער דזשאדזש דייוויד פאר „פריי־דען", ער קען אודאי ניט פארלײַדען דעם קריעג וואס געהט אן צווישען קאפיטאל און ארבייט און ער וויל מסתמא, עס זאל זיין שלום... טאקע אין דער אמת'ען, צו וואס דארפען זיך ארבייטער דרעהען א קאפ מיט סטרייקען, מיט פיקעטען און נאך אזעלכע רעוואלוציאנערע שמאכטעס זאלען זיי בעסער זיצען רוהיג און ארביי־טען. און ווי' באלד, רעכענט ער, — ער וועט ניט ערלויבען צו פיקעטען, וועלען זיך גלייך 'ענדיגען אלע סטרייקס.

אין דעם „אינדזשאנקשאן" פון דזשאדזש דייוויד איז דא א פונקט אז די מיטגלידער פון לאקאל 100 טארען ניט געהען אויף דער זעלבער גאס וואו עס געהען צו דער ארבייט די סקעבס פון קלאפסטערס שאפ. אבער אזוי ווי די סקעבס מעגען דאך געהען צו דער ארבייט דורך וועלכער גאס זיי ווילען, קומט אויס, דאס די מיטגלידער פון לאק. 100 טארען ניט געהען אויף קיין גאס פון שיקאגא.

די מיטגלידער פון לאק. 100 אין שי־קאגא האבען אלזא, צוויי ברירה'ס, ענט־וועדער אין גאנצען ארויסמופען פון שי־קאגא, אדער זיך קויפען לופט־שיפען און פליהען איבער די שיקאגא'ער גאסען. ווייל נאר דאן וועלען זיי זיך קאנען אויסהיטען ניט ווידערצושפעניגען דעם שטרענגען אינדזשאנקשאן פון זייער שלום זוכענדען דזשאדזש דייוויד.

זעהר כאראקטעריסטיש איז אויך וואס ביים צווייטען „היערינג" האט זיך דער דזשאדזש אויסגעדריקט, אז לויט דער קאנסטיטושאן פון די פאראייניגטע שטאאטען מעג מען יא אין אמעריקא סטרייקען, כאטש מאנכע דזשאדזשעס דיינקען, אז סטרייקס בכלל זיינען אומגע־זעצליך... ער דענקט, אלזא, אז סטריי־קען מעג מען יא, נאר דער סטרייק טאר ניט געפיהרט ווערען „צו שעדיגען די ביז־נעס פון דעם באס, געגען וועלכען מען סטרייקט."

אבער ווי איז אזא זאך מעגליך? ווע־מען שטעלט נאר אפ דעם באס שאפ שע־דיגט עס שוין זיינע ביזנעס! יעדען טאג פון סטרייק פארלירט דער באס געלד און דאס שעדיגט זיינע ביזנעס. ווי עס שיינט, האט דער דזשאדזש געמוזט האבען אין זינען אזעלכע „סטרייקס" ווי מיר האבען דא געהאט לעצטענס אין ניו יארק געגען דער „אינטערבארא קאמפאניע"... וואו די ארבייטער פון דער קאמפאניעס „יוניאן" זיינען ארויסגעגאנגען „סטרייקען",—אז פארבעסערען דער קאמפאניעס געשעפטען. לויט דער מיינונג פון דזשאדזש דייוויד, מעג מען, אלזא, רופען בלויז אזעלכע סטרייקס, ווייל נאר אזעלכע פייק־סטרייקס ווערען גערופען ניט צו שעדיגען דעם באס ביזנעס. דער דזשאדזש האט געמענט ווייסען, דאס ווי באלד סטרייקס וואלטען ניט שעדיגען די ביזנעס פון די מאנופעקטשורער, וואלט קיין־סטרייק קיין מאל ניט געוואונען געווארען. דאן וואל־טען די באסעס לאזען זייערע ארבייטער סטרייקען אפילו אייביג און וואלטען קיין מאל מיט קיין יוניאן ניט געמאכט איר־גענד וועלכען סעטעלמענט. אזעלכע זא־כען האט־אפילו א דזשאדזש אויך גע־מענט ווייסען.

* * *

ווי אונזערע לעזער ווייסען פון לעצ־טען נומער „גערעכטיגקייט" איז אין ניו יארק אפגעהאלטען געווארען א לייבאר יוניאן קאנפערענץ. און עס איז געשאפען געווארען א לייבאר יוניאן קאנפערענץ קאמיטע פון וועלכער אונזער סעקרעטער אב. באראף איז ערוועהלט געווארען טרע־זשורער. די קאמיטע האט זיך פארגענו־מען צו שאפען אין דער טרייד יוניאן־וועלט, 100 טויזענד דאלער פאר א פאנד צו העלפען דער רענד סקול און די סאציא־ליסטישע פארטיי, זיך צו פארטיידיגען געגען דער פינסטערער רעאקציע וואס האט אויסגעשטרעקט איהרע נעגעל געגען דער פרייהייטליכער באוועגונג אין ניו יארק און אנדערע שטעט. אן אויפרוף פאר דעם פאנד האט די לייבאר יוניאן קאמיטע לעצטע וואך פארעפענטליכט אין די „גע־רעכטיגקייט".

אין צוזאמענהאנג מיט דער טעטיג־קייט שרייבט די „ניו יארק קאל" פון לעצטען שבת, ווי פאלגט:

„די לידיס ווייסט מייקערס יוניאן לאקאל 25, איינע פון די שטארקסטע ארבייטער ארגאניזאציאנען אין דער נידעל אינדוסטרי' פון ניו יארק, האט שוין אנגעפאנגען אן אקטיוועז „דרייוו" צו העלפען דער לייבאר יוניאן קאנפער־רענץ קאמיטע אין דעם קאמפיין צו שאפען דעם 100 טויזענד דאלער פאנד, צו פייטען די רעאקציע".

און די „קאל" דערצעהלט אזוי איה־רע לעזער, ווי אונזער ווייסט און דרעס מאכער יוניאן לאק. 25, איז געווען די ערשטע יוניאן אין ניו יארק, ארויסצו־שיקען איבער די שעפער סובסקריפשאן ליסטען צו זאמלען תיכף געלד פאר דעם פאנד.

די „קאל" לויבט מיט די העכסטע ווערטער די שנעלע האנדלונג פון לאקאל 25 און פארענדיגט, דאס זי האפט אז אלע אנדערע ארבייטער ארגאניזאציאנען וועלען טאן דאס זעלבע.

לאמיר האפען אז עס וועט טאקע זיין אזוי, דאס אלע אנדערע יוניאנס וועלען טאקע ווירקליך טאן דאס זעלבע און העל־פען וואס גיכער שאפען דעם פאנד, וועל־כער איז ווירקליך פיעל נויטיגער פון אלע אנדערע פאנדס וואס ווערען געקליבען. די רעאקציע דארף באקעמפט ווערען פריהער פון אלץ.

* * *

אויף דער טאגעס ארדנונג פון אונזער אינטערנעשאנאל שטעהן איצט די לידיס טיילארס יוניאנס אין פילע שטעט. ווע־גען דער איצטיגער טעטיגקייט פון אונ־זער ניו יארקער לידיס טיילארס יוניאן, לאקאל 80, וועלען די לעזער געפינען אויף דער ערשטער זייט פון דעם נומער. דא ווילען מיר איבערגעבען וואס ברודער היימאן שנייד, דער ארגאנ יזער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אין שיקאגא, שרייבט וועגען אונזער לידיס טיילארס יוניאן, לאקאל 104 פון יענער שטאדט.

אונטער דער קעפעל: „טעטיגקייטען אין דער שיקאגא'ער טרייד יוניאן באוועג־גונג", שרייבט ברודער שנייד אין שיקא־גא'ער „פארווערטס" פון'ם 23טען אוי־גוסט:

„די סדרה 44 שטונדען און 44 דא־לער א וואך געהט איצט ביי די לידיס טיילארס יוניאן אין שיקאגא.

„די לידיס טיילארס יוניאן וועלכע איז א טייל פון דער לידיס גארמענט ווארקערס אינטערנעשאנאל, האט שוין די 44 שטונדיגע וואך איינגעפיהרט מיט עטליכע מאנאטען צוריק, אבער זייערע שוועסטער לאקאלען, די קלאוק מאכערס, האבען זיי דערפאר אריבער־געיאגט, און האבען ניט נאר איינגע־פיהרט 44 שטונדען א וואך ארבייט, נאר זיי האבען אויך אוועקגעשטעלט 44 דאלער אלס א מינימום ווידזש סקייל און דאס האבען שוין די לידיס טיילארס ניט געקענט פארטראגען. סטייטש! זיי זיינען די „קינסטלער", דאס אויבערשטע פון שטייפעל, און די קלאוק מאכער זאלען זיי אריבעריאגען! און דער „צארן" האט זיך ביי זיי צו־ברענט. איצט ארבייטען זיי אויס ווי אזוי די נייע פאדערונגען פארצוברענ־גען, און מיט געטעס הילף וועלען זיי מן הסתם קריגען וואס זיי ווילען.

„דער לאקאל פון די לידיס טיילארס איז־איצט אין בעסטען צושטאנד. זיי האבען אריבער פינף הונדערט מיטגלי־דער, און־א לידיס טיילאר ביי היינטי־גען טאג איז ווערט פאר א באס א „רענדעל" א קוק צו טאן אויף איהם. נו, איז נאך א פראגע אז זיי מוזען גע־ווינען?"

אינטערנעשאנעל לאקאלס אין באסטאן אין א גלענצענדען צושטאנד

(שלוס פון זייטע 1.)

מענט איז ראטיפיצירט געווארען אויף א באגייסטערטען מיטינג פון די סטרייקער.

די גאנצע ריינקאוט־אינדוסטריע פון באסטאן און אומגעגענד איז פאלשטענ־דיג יוניאניזירט געווארען און דער לא־קאל געפינט זיך אין א גוטען פינאנציע־לען צושטאנד, כאטש ער האט נאר־וואס דורכגעמאכט א גענעראל סטרייק. דער לאקאל געפינט זיך, אלזא, אויף א הויי־כען שטאנד מאראליש און פינאנציעל.

גאנץ לעבעדיג איז דארט אויך צווי־שען די מיטגליעדער פון דער ווייסט־מאכער יוניאן לאקאל 49 און ביי די ליי־דיעס טיילארס פון לאקאל 36. די ווייסט־מאכער האבען באקומען א באדיי־טענדע העכערונג אין שכירות. פון 6 ביז 7 דאלאר א וואך. און די לידיעס טיי־לארס אין באסטאן, ווי אונזערע לידיעס טיילארס יוניאנס אומעדום, גרייטען זיך צו באקומען נייע פארבעסערונגען.

ווי איהר זעהט, אלזא, איז עס ווי מיר האבען געזאגט גלייך ביים אנ־פאנג, — אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין באסטאן געפינען זיך אין א גלענצענ־דען צושטאנד!

באסטאנער נאטיצען

פון דזש. וזהיים און ב. קורלאנד

די באסטאנער קלאוקמאכער זיינען פרעהליך און צופרידען. — סעקרעטער באראף א גוטער גאסט ביים דזשאינט באארד. — מען עסט זיך ניט אפ דאס הארץ וואס א פאר קלאוק מאנופעקטשורערס האבען פארלאזען באסטאן. — די וויקטארי־באנקעט באוועגונג כאפט אויך ארום באסטאן. — אויף וואס וועלען די באסטאנער קלאוקמאכער אויסנוצען די געוואונענע פרייע צייט? — ווען עס קומט צו געבען גיבען די קלאוקמאכער מיט א פולער האנט.

„אן אמת'ער דאקטאר, ווי איך בין א איד. אכט א זייגער נעה איך זיך אריין צו דער ארבייט, פינף א זייגער בין איך שוין דא צוריק אין דערהיים. א מחיה, בנאמנות". אט אזעלכע אויסדריקע הערט מען איצט צווישען אונזערע קלאוקמאכער אין באסטאן.

אזוי איז דאס שוין ביי ארבייטער. מען איז געוואוינט צו שקלאפען, און אז מען קריגט שוין א שטיקעל באפרייאונג, פארגינט מען זיך אליין נים.

מיר רעדען דא וועגען די 44 שטונדען וואס די באסטאנער קלאוקמאכער האבען געוואונען אין לעצטען סטרייק. אויסער די קורצערע שטונדען האבען אונזערע ארבייטער אין באסטאן געקראגען א נייעם ווידזש סקייל וועלכער איז שוין געווען באריכטעט אין די „גערעכטיגקייט". אבער דער גרעסטער געווינס איז געווען די סיסטעמע פון וואכען ארבייט. צו וואס ארויסיאגען זיך די נשמה און קוקען מיט זשעדנע אויגען ווי יענער קריגט א בעסערען באנדעל ארבייט, ווען מען קען זיך ארבייטען שטיל און רוהיג און מאכען א לעבען? און אונזער עולם איז זעהר צופרידען.

* * *

לכבוד די ענדע פון סטרייק האט די דזשאינט באארד אין באסטאן געהאט א גאסט לעצטע וואך. אונזער דזש. סעק.־טרעזשורער ברודער באראף איז געיועז אין באסטאן בייצוואוואינען דאס אונטערשרייבען פון דעם נייעם אגרימענט מיט די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. פאר איין נאגג איז שוין ברודער באראף אנוועזענד געווען ביים מיטינג פון׳ם דזש. באארד און ארויסגעצייגט א גרויסען אינטערעס אין די פארהאנדלונגען פון די באסטאנער ארבייטער. אין זיין רעדע אויף דעם מיטינג האט ברודער באראף דערצעהלט וועגען די אויפטואונגען פון אונזער יוניאן אין אנדערע שטעדט פון לאנד, און פארענדיגט מיט דער האפנונג: דאס אונזערע ארבייטער וועלען פון איצט אן נעמען מעהר אינטערעס אין בילדונג און זעלבסט־ענטוויקלונג.

און זאל קיינער ניט זאגען, אז באסטאן וויים ניט ווי אויפצונעמען א גאסט. ביזנעס איזעק, האט זיך דער גאנצער מיטינג אריבערגעקליבען אין א דערבייאינגען רעסטאראנט און מען האט געמאכט א שטיקעל סעודה לכבוד דעם גאסט. מען האט געגעסען, פארבראכט און זיך געקיבעצט, ווי נאר אידען קענען — ווי טאקע אויף אן אמת'ען באנקעט....

* * *

ווי באוואוסט, האבען א פאר פירמען פון די באסטאנער גרעסערע שעפער אפגעבראכען מיט די אסאסיאיישאן און ארויסגעמופט פון באסטאן. דאס איז פון אנפאנג געווען א באדייטענדער קלאפ פאר די ארבייטער. אבער די שווערינקייט צו באשעפטיגען די ארבייטער, וואס זיינען ארויסגעפאלען פון דער ארבייט דורך דעם איז שוין פאלקאם ביינעקומען געווארען. כמעט אלע ארבייטען שוין. אין אנדערע פאכען פון טרייד איז זאגאר א דוחק אין ארבייטער.

עס איז יוערטה צו באמערקען, אז אין צייט פון סטרייק איז די פאמיליע אין דזשאינט פארגרעסערט געווארען מיט א וואסערע דריי הונדערט און פופציג מעמבערס. עס איז פון אנפאנג געווען אביסעל שווער צו געפינען ערטער פאר די אלע יונגעלאפענע, אבער, מיט גאט'ס הילף, אלע ארבייטען שוין.

דער לעצטער מענעדזשער'ס רעפארט האט געלויטעט אז איבער פערציג אינידעפענדענט שעפער האבען געסעטעלט. די גרעסטע שווערינקייט בלייבט אין די אוט־אוו־טאון שעפער. אספעציעלע קאמיטע פון פעהיגע מעמבערס איז אנגעשטעלט געווארען צו העלפען דעם ארגאנייזער און מענעדזשער, ברודער וזהיים און ראטשטיין, אין דיעזער ארבייט.

* * *

אין ניו יארק, זאגט מען, געהט יעצט א סדרה פון באנקעטען. באסטאן, לאמיר אייך פארזיכערען, וועט ניט בלייבען הינטערשטעליג. א גרויסער באנקעט ווערט געפלאנט אין גיכען. איינלאדונגען, ווי מיר פארשטעהען, זיינען שוין ארויסגעשיקט געווארען אפילו צו אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין ניו יארק.

דערוויילע, פונדעסטוועגען, געהט אן אמת'ע עפידעמיע פון פרעזענט־געבעניש. לאקאל 56 האט אנגעפאנגען און די אנדערע לאקאלען פאלגען נאך דעם ביישפיעל. מען ניט פרעזעטען צו אלע מיטגלידער וואס האבען זיך אויסגעצייכענט אין סטרייק ארבייט.

* * *

אויף וואס די באסטאנער ארבייטער וועלען אויסנוצען די לעדיגע שטונדע א טאג, וואס זיי האבען געוואונען, איז קיין פראגע ניט. מען רעדט שוין שטארק וועגען עדיוקיישאנעל ארבייט אין די ווינטערדיגע אווענדען. צווישען די איננערע עלעמענטען ציינט זיך א העפטיגע באוועגגונג צו רעדזשיסטרירען זיך אין די פיעלע אווענט־קלאסען וואס ווערען געגעבען אין די פיעלע אנשטאלטען אין באסטאן.

* * *

אין אלגעמיין, קענען מען זאגען, האבען די באסטאנער קלאוקמאכער א אידישע הארץ. ווען עס קומט צו געבען גיבען זיי מיט א פולער האנט. אין דעם לעצטען לארענסער סטרייק האבען זיי זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שטיצע, און אין דעם סיגאר מאכער סטרייק, וואס האט זיך נאר וואס געענדיגט אין באסטאן, זיינען זיי ווידער געווען פון די ליבעראלסטע ביישטייערער.

קאלעקשאנס אין קלאוק שעפער פאר די סיגאר סטרייקערס.

אז דער סטרייק פון די סיגארען מאכער ווערט דער קאמף פון אלע ארבייטער פון ניו יארק, איז צו זעהן פון די אויפנאהמעס, וואס די קאמיטעס באקומען אין די יוניאנס פון אנדערע טריידס, ווען זיי ווענדען זיך אהין נאך הילפע.

די סטרייקערס קעמפען מיט מוט כאטש זיי סטרייקען שוין וואכען און וואכען, זיינען זיי פון דעסטוועגען ענטשלאסען צו סטרייקען פיעל לייגער, אום דעם קאמף זייערען צו געווינען.

ביי דער. פירמע וויינשטיין בראס., 114 א. 23טע סט., א קלאוק־שאפ, האבען די פארלייט ארויסגעוויזען סימפאטי צו די סיגאר סטרייקערס, פונקט ווי די שאפ טשערלייטע. זיי האבען געהאלפען מאכען א קאלעקשאן, וועלבע האט אריינגעבראכט פאלגענדע סומע: דער 11טער פלאר האט קאלעקטירט 21.50$; און דער 12טער פלאר—127.91$, די פרעסערס פון 12טען פלאר האבען געזאמעלט באזונדער 20.00$. די ארבייטער פון וויינשטיין בראס האבען זיך אויך פארפליכטעט צו מאכען קאלעקשאנס פאר די סטרייקענדע סיגאר מאכער יעדע וואך. עס ווערט אזא קאלעקשאן אויך געמאכט אין דעם באוואוסטען קלאוקשאפ פון ר. סאראווסקי.

פאסירונגען אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

פון דזש. העללער.

ן לעצטע וואך געהאט אן
יך גוט באזוכטען מיטינג.
ניט אזוי וויכטיג, ווי דער
ער מיטינג איז געווען זעהר
אנטער. עס איז ווירקליך
זעהן און צוהערען, ווי קלאר
עלע פון אונזערע מעמבערס
פראגע.

אסירט א פאל אין א געווי־
די ארבייטער האבען באר־
רונג אויף די פרייזען. נאך
יינגעניש, האט דער בעל־
בען אן אלגעמיינע העכע־
לאר א וואך פאר אלע אר־
רבייטער האבען ביי א שאפ
אסען אנצונעמען דיעזען
מאיאריטעט פון 10 צו 7.
ר אזא פאל: אלע ארביי־
בען געשטימט אנצונעמען
פון דער פירמע, האבען גע־
אלער מעהר אין זייערע ענ־
אלע די יעניגע וואס האבען
ען דער פירמע'ס „פראפא־
בלויז געקראגען צו 3 דא־
זייערע ענוועלאפס.

„קיים" פארגעקומען פאר
ען מיטינג. די ארבייטער
נקראגען בלויז צו 3 דאלאר
, נאטירליך, ווי דער שטיי־
נשריען — פארראט! די
בען זיי פארראטען און הא־
ט טויט־שטראף פאר די
די „גליקליכע" אידען הא־
באתית ומופתים, אז זיי
גאנצע צייט מקריב געווען
מען זיך דאס לעבען „איזי"
ט ניט וואס דעם באס׳ מא־
עווען, ווען ער האט א האל־
טערגערוקט א פאר דאלאר
נוועלאפס. וויבאלד אז זיי
אונג ניט געהאט וועגען דער
כטען, וועלען זיי האלטען
יל זיי דארפען דאס האבען
ס טאקע גאנץ שעהן פאר־
דאך אזא יקרות!)
מען דא אין אזא פאל?
ף אן אפרייטארס „באדי"
ך ניט; אפוועגען זיי אויף
עס אויך קיין ארבייט ניט.
יסע צרות. נאר אונזערע
בען זיך אן עצה געגעבען.
לאסען אז פון דרך שלום
ר בעל הבית דערלייגען די
דאלאר צו די „געשיוור־
ריוודעטע אויף אידיש) און

געווען צו בעאבאכטען די
דיעזער באשלום האט גע־
רע „שטרייטענדע" צדדים.
נג האט זיך געעפענט, האט
זהן, ווי טיעף דער אפגרונט
ישען די 5 דאלארדיגע און
גע קעמפפער. יעדער צד
נגעזעצט אויף באזונדערע
איין צד רעכטס און דער
לינקס. ביידע זייגען גע־
ען ווי אינדיקעס, להבדיל,
האט געשליפט די ציינגער
ן דעם צווייטען צד אז בלוט
מען האט זיך טאקע (אויף
ופן, פארשטעהט זיך) ניט
יינער דעם צווייטען. אבער
דער באשלום איז געפאסט
איהר גדארפט זעהן דעם
כעל, וואס האט זיך צוגא־
פארצארענטע געזיכטער!
וועגן א מחיה צו קוקען אויף
ר. און נאך אלעמען האט
ן אנדער זאך ניט געקענט
אס וואלטען די ביידע „לא־
פון דעם, ווען זיי וואלטען
נד איינער דעם אנדערען?
יסען מיר דאך אלע אז דער
ט" וואס האט נאך די ביי־
יז דער בעל הבית, און דער
ג ווי אזוי צוריקצוקריגען
א ו נ ז ע ר ע מטבעות,
ינקיים. דאס אלעס.

* * *

ן שוין דאבט זיך אמאל
י פראגע פון „פארברעכען
אבער מיר האבען דאס גע־
ידיוניאן שטאנדפונקט. עס
זיין אינטערעסאנט צו הערען מיינונגען וועגען פארברעכען און שטראף פון א ראדיקאלען שטאנדפונקט.

אט האט לעצטע וואך פאסירט אזא פאל. א „בראטאק" אין א געוויסען שאפ האט עובר געווען אויפ׳ן געזעץ פון — א רעיז מוז מען בעטען צוזאמען. ער איז זיך אוועק און געקראגען א פינפערעל בלא יודעים. האט ער זיך געקראגען און געקראגען, ביז ער האט זיך „פארשפעטיגט" אין דער ארבייט. דאס האט, געוועהנליך, אויפגערעגט דעם בעל הבית און ער האט דעם פינפערעל מעהר אין פעי־ענוועלאפ ניט אריינגעלייגט. האט דער „בראטאק" געמאכט א געוואלד — ער וויל זיינע 5 „טולער". האט ער זיך דאך דערווייל פאררעטען מיט זיין גאנצען געהיימען אפמאך, האט איהם דער טשערמאן געבראכט „צוכשטשען" צו דער עקז. באארד. האט איהם די עקזעקוטיוו באארד געשטעלט „פאד נאדזאראם" פאר מאנאטען. האבען צוויי פון אונזערע מעמבערס, ביידע פון פראגרעסיווען פליגעל, געהאט א דעבאטע וועגען דער האנדלונג פון דער עקז. באארד. איינער האט גע'טענה'ט, און מיט רעכט, אז אן ארבייטער ארגאניזאציאן איז נ י ט קיין קאפיטאליסטישע קאורט, וואו פארברעכער ווערען אויסגעהיילט מיט פייניגונגען. ווען אן ארבייטער באגעהט א פארברעכען, האט ער דאך מסתמא אן אורזאכע פאר דעם, און דעריבער איז דער בעסטער מיטעל געגען פארברעכענס צו ב א ז י י ט י ג ע ן די אורזאכע. אין דיעזען פאל איז די אורזאכע געווען — א פאר דאלאר מעהר טו דארף מען זעהן, אין נאמען פון דער היילינקייט פון דער ארבייטער באוועגונג, איהם צו קריגען פון באס די פאר דאלאר און זאל ער זיין אוים פארברעכער, ווייל עס איז גארניט פאסיג פאר פראגרעסיווע ארבייטער צו שטראפירען זייערע אייגענע ברידער. זאגט דער צווייטער, און אויך מיט רעכט, און אויך פון דעמזעלבען שטאנדפונקט, קאפויר: מיר טארען פאר קיין פאל ניט טאלערירען קיין פארברעכער אין אונזערע רייהען. יעצט, אויפ׳ן שוועל פון אזעלכע היסטארישע פאסירונגען, ווען מיר זיינען ערב דער סאציאלער רעוואלוציע, איז יעדער ברוך פון דיסציפלין אין אונזערע רייהען א פארראט צו דעם אלוועלטליכען פראלעטאריאט, און די ש ט ר ע נ ג ס ט ע מיטלען מוזען אנגעווענדעט ווערען אויסצוראטען די פארברעכער פון אונזער מיטע. קיין שטראף איז ניט צו גרוים, ביי דעם יעצטיגען היילינען מאמענט, נעגען איינעם, וואס פאלגט ניט אונזערע געזעצע, די געזעצע פון די באוואוסטזיניגע ארבייטער...

נו, חברים, וואס איז אייער מיינונג וועגען דער גאנצער פראגע? מיר וועלען זיך דיזען מאל צוריקהאלטען פון זאגען א מיינונג, אויסער איין זאך: די דעבאטע איז געווען זעהר אינטערעסאנט. איהר האט געזעהן ווי פארשיידען דער מענשליכער געדאנק ארבייט, און דאס איז טאקע דער זאלץ און פעפער פון לעבען. וואס וואלטען מיר אלע געטאן, ווען א ל ע וואלטען געהאט איין מיינונג? מיר וואלטען געהאלטען אין איין שלאפען.

* * *

מיט דעם וואס „דזשים האלאנד" האט ערקלערט אז פ י ע ר ס און ע פ ש ט י י ן זיינען „דיסטשארדזשט" פאר מאכען אזא פאררעטערישען דזשאב געגען די ארבייטער פון דיזען לאנד, און מיט זיין פוילען תירוץ, אז ער האט גארניט געוואוסט, וואס פיערס און עפשטיין האבען די גאנצע צייט געטאן, און אז זייער באריכט אין דער פרעסע איז געגעבען געווארען אהן זיין וויסען, האט אונזער „גוטער" דזשים נאך ניט געמאכט דעם גאנצען דזשאב. די בעסטע ארבייט, וואס ער דארף און מוז יעצט טאן, איז ניט דיסטשארדזשען פיערס און עפשטיין, וועלכע זיינען געווען די „טולס" אין זיינע הענט, נ א ר ד י ס ט ש א ר ד ז ש ע ן ז י ך א ל י י ן פ ו ן ד ע ר א ר ב י י ט ע ר ב א ו ו ע ג ו נ ג. ער מוז נעמען א בעק־סיט און קיינמאל ניט צוריק קומען, ווייל די שמוציגע שטיקעל ארבייט, וועלכע איז אפגעטאן געווארען פון די ניו יארק סטייט פעדערייישאן אוו לייבאר, אויף דעם באפעהל פון דער ניו יארק סטייט טשעמבער אוו קאמערס, האט שוין געהאט איהר גיפטיגע ווירקונג, און „דזשים" איז ניט אזא נעבאכעל ווי ער שטעלט זיך פאר.

די פאר נעזאלצענע פראזען אויף „קאפיטאל", וואס „ברודער" האלאנד האט ארויסגעשאסען, אין דער פרעסע, ווען מען האט איהם נעכאפט מיט די „גודס" איז ניט מעהר ווי געשאסען זאלץ אין די אויגען. דאס איז א צו פארשימעלטער „טריק" צו ווערען „רעוואלוציאנער", ווען מען דערפיהלט דעם צארן פון פארראט.

אונזער אינטערנעשאנעל, געראדע צו ליעב דעם וואס די וואס האבען געמאכט דעם דזשאב זיינען געוועזענע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל, האט נעדארפט אריינווארפען איהר גאנצע מאכט צו זעהן איין מאל פאר אלע מאל פטור צו ווערען פון די „דזשימס" פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.

דזש. העללער.
סעקרעטער לאקאל 17.

וועזענער מענעדזשער פון סקווירט און דרעם דעפארטמענט פון'ם דזשאינט באַרד פון דער קלאוק מאכער יוניאן, איז אנגעשטעלט אלס אינטערנעשיאנאל ארגאנייזער, ספעציעל פאר דעם צוועק, צו העלפען זיך ארגאניזירען יענע ארבייטער וואס זיינען נאך ניט ארגאניזירט.

און די ארבייט זעהט זיך שוין אן. ווי מיר זעהן איז שוין דא ארגאניזירט געווארען א לאקאל פון ליידיס נעקווערמייקער און קאטערס, וועלכע זיינען פריהער נאך קיין מאל ניט געווען ארגאניזירט. דער לאקאל האט באקומען דעם נומער 108. נעקסטען מאנטאג אבענד, דעם 8טען סעפטעמבער, וועט דער נייער לאקאל האבען זיין ערשטען מאססמיטינג אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סט. דער מיטינג וועט אדרעסירט ווערען פון סעקרעטער אב. באראף און די וויס־פרעזידענטען סעמועל לעפקאוויטש, פאניא מ. קאהן, עלמאר ראזענבערג און די דזשענעראל ארגאנייזער מאיר וויינשטיין און א׳פרעד לאפארטא.

דער מאססמיטינג איז באקאנט געווארען צו די ארבייטער אין דעם פאך דורך א גרויסען סירקולאר און עס איז צו האפען דאס די טויזענדע ארבייטער פון דעם פאך וועלען זיך אפרופען, דאס זיי וועלען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט זיך אנשליסען אן דער יוניאן און זיך פארבעסערען זייער לאגע.

אין דערזעלבער צייט ווערט דא איצט אויך געארבייט אויפצולעבען און שטארק צו מאכען די פעטיקאוט מייקערס יוניאן, לאקאל 46, וועלכער האט, ווי מען זאגט, ביז איצט קוים געזשיפעט. אויך די יוניאן רופט א גרויסען מאססמיטינג, טאקע אין זעלבען בעטהאווען האל, מיט א טאג שפעטער, דינסטאג אבענד דעם 9טען סעפטעמבער. דער מאססמיטינג וועט אדרעסירט ווערען פון דיזעלבינע רעדנער וואס מיר האבען פריהער דערמאנט אין באצוג דעם מאססמיטינג פון די ליידיס נעקווער ארבייטער.

אויך צווישען די פעטיקאוט מאכער איז וועגען דעם מאססמיטינג פארשפרייט געווארען א צירקולאר אין דריי שפראכען, אין אידיש, ענגליש און איטאליעניש, און מען קאן ערווארטען אז די טויזענדע ארבייטער אין דעם פאך, וועלען זיך אפרופען, וועלען קומען צום מיטינג און זיך אנשליסען אן זייער יוניאן.

אט איז א שטיקעל פון דעם ליפלעט צו די פעטיקאוט ארבייטער:

„שוועסטער און ברידער:

„אין אלע ליידיס גארמענט טריידס, ביי קלאוקס, ביי וויסטס און דרעסעס, ביי וויטגודס, א. ז. וו. האבען די ארבייטער אויסגעקעמפט א 44 שטונדיגע וואך, מענשליכע ווידזשעס און אנשטענדיגע יוניאן באדינגונגען. דיזע געווינסען האט זיי קיינער ניט געשאנקען. זיי האבען עס געקראגען דורך דער מאכט פון זייער יוניאן. די איינציגע טרייד וואס איז געבליבען הינטערשטעליג איז די פעטיקאוט טרייד. אין די פעטיקאוט שעפער ארבייט מען נאך אלערליי שטונדען, פאר קלענגליכע ווידזשעס און דער באס און דער פארמאן שאלטען און וואלטען. די אורזאכע איז א גאנץ איינפאכע: דער פעטיקאוט ארבייטער איז ניט ארגאניזירט, דער פעטיקאוט ארבייטער האט ניט קיין פעסטע יוניאן. מיר גלויבען, אז היינטיגע צייטען ווען דער יקרות איז אזוי גרויס, ווען דער לעבענס קאסט איז אזוי מורא'דיג, דארף מען שוין צו ארבייטער ניט פיעל רעדען און זיי איינשמועסען אז זייער איינציגע הילף, זייער איינציגע ערלייזונג איז א מעכטיגע יוניאן. יעדער מענש וואס האט נאר עטוואס פארשטאנד פארשטעהט עס קלאר און דייטליך.

„אייער יוניאן, אייער לאקאל 46 פון דער אינטערנעשיאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, רופט אייך צו א גרויסען מאססמיטינג, אין דעם שעהנעם בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סט. דינסטאג דעם 9טען סעפטעמבער, אום 8 אוהר אב. א. ז. וו."

ווי איהר זעהט, אלזא, ווערט דא די ארגאניזאציאנס ארבייט געטאן גאנץ לעבעדיג און דאס וועט זיכער ברענגען גוטע רעזולטאטען.

דער קומענדער מעמבער מיטינג פון דער קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאקאל 1

פון פ. קאטלער

וועגען העכערען די דיוס.

דעם קומענדען מאנטאג אווענט, דעם 8טען סעפטעמבער, וועט אפגעהאלטען ווערען אונזער רעגעלער מעמבער מיטינג.

עס איז איבעריג צו ערקלערען די וויכטיגקייט פון אונזערע יעצטיגע מיטינגען. שוין דער פאקט אליין וואס אזא וויכטיגע ענדערונג איז פארגעקומען אין אונזער טרייד, מאכט שוין די מיטינגען וויכטיג. צוליעב די נייע פראגען, וועלכע די נייע צושטענדע רופען ארויס טאג־טעגליך און צו וועלכע אונזערע מעמבערס האבען נאך קיין צייט ניט געהאט צו צוגעוואוינען זיך. אויב אבער אלע יעצטיגע מיטינגען זיינען וויכטיג און אינטערעסאנט, איז דער קומענדער מיטינג פיעל וויכטיגער, ווייל ביי דיזען מיטינג וועט פארהאנדעלט ווערען און וועט דארפען גוט געהייסען ווערען די ענדערונג אין די דיוס, וועלכע איז אנגענומען געווארען ביי דעם דזשאינט באארד און גוטגעהייסען געווארען ביי די איבעריגע לאקאלס.

די דיוס פראגע איז ביי אונז א זעהר וויכטיגע יעצט, ספעציעל נאך די ערפאהרונג, וועלכע מיר האבען געהאט מיט דעם לעצטען דזשענעראל סטרייק.

אונזער יוניאן איז אלע מאל געווען די איינציגע גרויסע יוניאן וואו די מעמבערס האבען געצאהלט א קליינע דיוס. די צאהלונגען זיינען קיינמאל ניט געווען גרעסער ווי פון האנט צום מויל. מיר האבען קיינמאל ניט געקענט אנזאמלען א טרעזשורי, וועלכע זאל אונז ארויסהעלפען אין א רעגענדיגען טאג. און ווען נאר עס איז פארגעשטאנען א קאמפף מיט די מאנופעקטשורערס, האבען מיר גלייך געדארפט קלאפען מיט'ן פושקע און פארלאנגען נדבות, מען זאל ארויסהעלפען דעם ארימען קלאוק מאכער אין זיין קאמפף מיט די בעלי בתים.

אין יעדען גענעראל סטרייק האבען גוטע מענשען געדארפט ארומגעהן מיט'ן פושקע און אפעלירען צו די אויסערע וועלט: שענקט א נדבה פאר די קלאוק מאכער. און אויסער דעם וואס די הילף איז ניט געווען קיין ממשות'דיגע, האט דאס אלע מאל פארוואונדעט דעם שטאלץ פון'ם קלאוקמאכער, וועלכער איז אלעמאל א ספארט ארויסצוהעלפען יענעם, און פילע מעמבערס, וועלכע האבען זיך ווירקליך גענויטיגט אין שטיצע, פלעגען ניט געהן בעטען, ווייל זיי האבען געוואוסט ווי אזוי מען קריגט די געלט און זייער שטאלץ האט זיי ניט ערלויבט. אבער ניט נאר אין א גענעראל סטרייק האבען אונזערע מעמבערס ניט געקראגען קיין געהעריגע שטיצע, נאר אפילו אין סינגל סטרייקס האבען אונזערע מעמבערס אויך ניט געקראגען קיין רעגעלע סטרייק בענעפיט, ווייל ביי אונז איז גאר ניט געווען אזא זאך ווי סטרייק בענעפיט, ביי אונז האט מען געגעבען שטיצע און ניט קיין בענעפיט. עס איז איינמאל געווען א פאל ווען מען האט זיך גערייכט צו נעמען א גרויסע פירמע אין סטרייק, האט מען געפלאנעוועט צו מאכען אן אפיעל צו די מעמבערס זיי זאלען פינאנסירען דעם סטרייק. עס איז דערצו ניט געקומען, אבער דאס ציינט אויף ווי וויט מיר זיינען ניט געווען בכח צו העלפען אונזערע מעמבערס ווען זיי נויטיגען זיך אין הילפע אממעהרסטען.

די דיוס, וועלכע אונזערע מעמבערס צאהלען, האט קיינמאל מעהר ניט ווי געדעקט די רעגעלע אויסגאבען פון דער יוניאן, פון די דיוס איז קיינמאל ניט איבערגעבליבען קיין געלט אין דער טרעזשורי. ווען עס איז יע געווען געלט איז דאס געווען פון די איינטריטס געלט, און דאס איז געווען אונזער שוואכקייט. ווייל צוליעב דעם וואס די איינאהמע איז אלע מאל געווען א קליינע, האט מען געזוכט אריינצונעמען מעמבערס אום רייכער צו מאכען די טרעזשורי, און מען האט זיך ניט געקענט פארטראכטען אויב דער טרייד קען אויסהאלטען אזוי פיעל נייע ארבייטער. עס איז אלע מאל דערפאר אויסגעקומען אז מיר האבען געהאט מעהר ארבייטער אין טרייד וויפיעל דער טרייד האט געפאדערט און דאס האט אלע מאל געבראכט דערצו אז די יוניאן זאל ניט קענען קאנטראלירען דעם גאנצען טרייד. און די פרייזען זיינען אלע מאל צוליעב דעם געפאלען אזוי שנעל ווי דער ברען פון סיזאן איז ארונטער. א יוניאן, וועלכע דארף קאנטראלירען אזא טרייד ווי אונזערער, קען אויף אזא אופן ניט עקזיסטירען. א יוניאן דארף ניט נאר קאנטראלירען די קאנדישאנס אין טרייד, נאר זי מוז אויך קאנטראלירען דעם סופליי און דעמענד פון די ארבייטער. אויב זי טוט דאס ניט, מיינט דאס אז זי קאנטראלירט ניט דעם טרייד און קען דערפאר ניט פראטעקטען ווי געהעריג איהרע מעמבערס. אבער א יוניאן זאל דארפען אויסקוקען אויף נייע מעמבערס, אום דורך זייער איינטריטס־געלט זאל זי קענען אויפהאלטען איהר טעטיגקייט, קען ערגעץ ניט עקזיסטירען, נאר ביי אונזערע קלאוקמאכער. איז א וואונדער וואס מיר האבען אלע מאל א פראבלעמע פון צופיעל ארבייטער?

אויב ביי אימיצען איז נאך געווען א ספק אין דעם שלעכטען פינאנץ סיסטעם פון אונזער יוניאן, האט דאס זיך ארויסגעציינט אין'ן לעצטען גענעראל סטרייק.

מען האט אין לעצטען גענעראל סטרייק געטעקסט אונזערע מעמבערס מיט 5 דאלאר יעדען פאר'ן סטרייק. יעדער, וועלכער האט געצאהלט דעם טעקס, האט זיכער געדענקט אז דער טעקס וועט שוין דעקען אלע אויסגאבען און וועט אויך קענען דעקען א סטרייק־בענעפיט. קיינער אבער האט זיך ניט גענומען די מיה אויסצורעכענען וויפיעל וואכען מען קען צאהלען סטרייק בענעפיט פון די 5 דאלארדיגע, ווען מען זאל אפילו רעכענען אז סטרייק בענעפיט זאל מען ניט צאהלען רעגעלע צו אלע מיטגליעדער. ווען מען זאל אפילו געבען בלויז צו 5 דאלאר א וואך און מען זאל דארפען צאהלען סטרייק בענעפיט נאר צו 30 טויזענד, דארף מען פאר איין וואך אליין האבען די סומע פון 150 טויזענד דאלאר. און אנפיהרען א סטרייק היינטיגע צייטען קאסט דאך עפעס אויך. עס קומט אויס אז די 5 דאלארדיגע האבען געדעקט די אלגעמיינע אויסגאבען פון'ם סטרייק, אבער פאר בענעפיט איז טאקי ניט געווען און מען האט טאקי ניט געגעבען אויך.

אייביג קען דאס אבער אזוי ניט אנהאלטען. מיר מוזען דאס ערשטע קאנטראלירען דעם טרייד און זעהן אז מיר זאלען ניט אריינגעמען קיין מעהר מעמבערס ווי דער טרייד קען אויסהאלטען. דאס קען אבער ניט געטאן ווערען סיידען די יוניאן זאל ניט זיין געצוואונגען צו יאגען זיך נאך די איניציאיישאן פי פון די נייע מעמבערס און דאס קען אנדערש ניט געטאן ווערען סיידען די דיוס זאל געהעכערט ווערען. עס איז אמת אז מיט צוויי יאהר צוריק האט מען געהעכערט די דיוס, אבער די אויסגאבען האבען זיך אויף אזוי פיעל פארגרעסערט, אז מען קען קוים אויסקומען מיט די יעצטיגע רייטס.

פאר א בייישפיעל: אונזער לאקאל איז דער גרעסטער אין דער יוניאן. אונזערע אויסגאבען זיינען אלזא פראפארציאנעל מיט די אנדערע לאקאלס קלענער. צוליעב אונזער גרויסער צאהל מעמבערס קאסט אונז 23½ סענט פער מעמבער. עס פארבלייבט אונז אלזא ניט מעהר ווי 1½ סענט, וואס קיין יוניאן קען אויף דעם ניט עקזיסטירען, שוין ניט רעדענדיג וועגען אנזאמלען א סטרייק פאנד. אויב עס האט זיך דאך אנגעקליבען א טרעזשורי, איז דאס צוליעב די איינטריטס געלט, אבער דאס טאר ניט פראקטיצירט ווערען אויב די מעמבערס ווילען ווירקליך אויפהאלטען זייערע סקיילס.

דיזע פראגע איז גענומען געווארען אין אנבעטראכט און עס איז דארום באשלאסען געווארען צו העכערען די דיוס אויף 35 סענט, פון וועלכע 10 סענט וועט געהן צו דעם דזשאינט באארד פאר ניט קיין אנדער צוועק ווי א סטרייק פאנד. דאס קען אריינברענגען 2 הונדערט טויזענד דאלאר א יאהר. דאס וועט אונז ערשטענס, פארזיכערען אין צייט פון א סטרייק, אז מיר וועלען קענען צאהלען אונזערע מעמבערס בענעפיט און עס וועט אונז מעגליך מאכען ניט צו יאגען זיך נאך נייע מעמבערס און ניט דארפען איבערפילען דעם טרייד, און דאס וועט שוין ממילא אויפהאלטען די סקייל פון אונזערע אפערייטארס.

דיזער פראפאזישאן וועט פארהאנדעלט ווערען ביי אונזער נעקסטען מיטינג און עס איז קיין צווייפעל אז אונזערע מעמבערס וועלען דאס גוטהייסען.

אונזער לעצטער קאנצערט

אונזער לעצטער קאנצערט אין קופער יוניאן אם לייבאר דעי איז געווען אן ערפאלג אין יעדען הינזיכט. ניט נאר איז די פראגראם וועלכע איז צוגעזאגט געווארען דורכגעפיהרט געווארען, נאר זי האט געמוזט פארקירצט ווערען, ווייל עס איז קיין צייט ניט געווען אלעם דורכצופיהרען.

אבער ניט אין דעם אליין איז באשטאנען דער ערפאלג. הויפטזעכליך צוליעב דעם וואס אונזערע מעמבערס זיינען געקומען מיט זייערע פרויען און קינדער און האבען פארבראכט אן אנגענעהמע פאר שטונדען.

צו ריידען וועגען די ארטיסטען איז ניט נויטיג, ווייל די אודיענס האט זיי ארויסגעציינט זייער אנערקענונג. וואס מיר ווילען איז צו באדאנקען עפענטליך די ארטיסטען און ספעציעל מר. מאריס שווארץ דעם דירעקטאר פון אירווינג פלייס טעאטער, וועלכער איז ספעציעל געקומען און האט זיך ענטזאגט פון געצאהלט אויך אבוואהל מיר זיינען געווען צופרידען צו באצאהלען. מר. שווארץ האט ערקלערט אז די קלאוק אפערייטארס זיינען ווערט מען זאל צו זיי קומען און אויב זיי זיינען נאך ניט ווערט וועלען זיי ווערט זיין אין דער צוקונפט.

א הערצליכען דאנק קומט עקס קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן וועלכער איז צוליעב דיזען קאנצערט ניט געפאהרען אויף זיין וואקיישאן ווייל ער האט געפיהלט ווי צו ריידען ביי אזא געלעגענהייט צו די אפערייטארס און זייערע פאמיליען. די באלאהנונג האט ער געקראגען גלייך אויפ'ן פלאץ דורך דער אויפנאמע וואס מען האט איהם געגעבען. וואס מיר ווילען נאר איז אנצייגען אז גענאסע לאנדאן איז איימער מיט אונז אין לייד און אין פרייד און דערפאר א דאפעלטער דאנק.

ביי דיזער געלעגענהייט וועלען מיר אנאנסירען אז מיר נעהמען דעם אירווינג טעאטער פאר א זונטאג מאטעני. טיקעטס וועלען פארקויפט ווערען צו אונזערע מעמבערס פאר קאסט פרייז, קיין פראפיטען וועט מען ניט מאכען, נאר געבען אונזערע מעמבערס א געלעגענהייט צו ענטוויקלען זייער געשמאק פאר בעסערע פארשטעלונגען.

די צייט ווען מען וועט קענען קריגען די טיקעטס וועט אנאנסירט ווערען.

פ. קאטלער.
מענעדזשער לאקאל 1.

וויסט מאכער אין קליוולאנד ארגאניזירען זיך

(ספעציעלע טעלעגראמע צו „גערעכטיגקייט".)

קליוולאנד, 4טען סעפט.

דער קעמפיין צו ארגאניזירען די וויסט מאכער פון קליוולאנד האט זיך שוין אנגעפאנגען.

די פירמע פון ווערטהיימער האט דיסטשארדזשט צוויי מיידלעך פאר אנשליסען זיך אן די יוניאן און דער שאפ, באשטעהענדיג פון הונדערט ארבייטער, איז ארויסגערופען געווארען אין סטרייק.

די פירמע פון ל. נ. גראס, וועלכע באשעפטיגט איבער פינף הונדערט ארבייטער, האט אויך דיסטשארדזשט עטליכע ארבייטער פאר אנשליסען זיך אן דער יוניאן, און דיזער שאפ וועט גערופען ווערען אין סטרייק קומענדע וואך.

דאס איז צום ערשטען מאל, וואס די וויסטמאכער פון קליוולאנד האבען זיך גענומען אזוי ערנסט צו ארגאניזאציאן, און עס זיינען דא די בעסטע אויסזיכטען, אז דער קעמפיין וועט זיין א גלענצענדער ערפאלג.

מ. פערלשטיין.

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. No. 34. New York, Friday, Sept. 5, 1919.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

...ייד און ארגאניזאציאנס פראגען

...ע נשמה היטער.

...קטאר!
...מיר צו ענטפערן אין דער
...ט" עפעס א באד־יונג פון
...זשורנאל", וועלכער שרייבט
...פרים קאפלאן, אויף א זעהר
...פאלשטענדיג אידיאטסקער
...ער מאכט אויף לאקאל 11,
...בער יוניאן פון בראנזוויל.
...איהר, ווערטער רעדאקטאר,
...ן דעם וואס דער באד־יונג
...שקעט אין „מארגען זשור־
...24טען אויגוסט, ווארשיינ־
...אנפאל פון רעליגיעזער
...הרייבט:
...ארבייטער ארגאן פון לעצ־
...אס טראגט דעם הויכען און
...מען „גערעכטיגקייט", האב
...ן פאלגענדע שטיק „גערעכ־

...11 פון דער קלאוק מאכער
...פארמירט, אז זייער עקזע־
...ארד האט אויפגענומען די
...אייניגע שעפער ארבייטען
...א טאג און ארבייטען ניט
...ת און זונטאג. דער לאקאל
...א ז ד א ס א י ז א ן
...און דאס דארף געסטאפט
...ב ניט ווערט דער 8 שטונדי־
...ס־טאג, וואס מיר האבען
...ארלעצט ווערען".
...אגרייפט, אידען, וואס דאס
...אס איז ניט מעהר און ניט
...א גזרת שמד, א גזרה צו
...ומען אידישע ארבייטער,
...ר אידישער טראדיציע, צו
...י אמונה פון זייערע אבות,
...עכען די היילינקייט פון
...בער איז דער הויפט יסוד
...ידישער רעליגיאן און דער
...האלטער פון דער אידישער

...פארפאסער פון דיזער גזרה
...קיין פוילישע כוליגאנעס,
...טיסעמיטישע הײדעמאקעס,
...ידען מלדה ומבטן, אידען
...טעס און זיידעס, מאמעס
...האבען זיך אליין מוסר נפש
...'ן אידישען שבת און גע־
...גרעסטע קרבנות פאר זייער

...בט נאר די יעזואיטסטווא,
...די נאקעטע באנדיטסטווא
...ט אין דיזען שענדליכען

...דעמאגאגישע „וואקינג־דע־
...ומען צוגעהן און צובוטשע־
...שרת הדברות", רייסען פון
...ם דעם שבת־געבאט און
...ף זיין פלאץ אזועק א ניי־
...באט — אן אכט שטונדיגען
...אג. דערלעבט אין אמעריקא
...בע מחוקקים", א. ז. וו.
...הרט אויס, אז אלע אונגלי־
...הרינות, מיט אלע רציחות,
...אמען און מיט אלע מלחמות
...נעמען זיך אליין דורך דעם
...דער, דורך אזעלכע אידען
...דא אין דעם לאקאל 11.
...נרט אויף אלע אידען פון
...די ארבייטער וועלט איך
...מען זאל אויפשטורמען א
...אטעסט, נעגען דעם שענדלי־
..., און מבטל זיין די טאר־
...גזרה פון לאקאל 11.
...יער לאקאל 11 איז נעבאך
...אקאל, און דער ה' אפרים
...אכצען צארען און וואס צו
...נץ אמעריקא, גענען דיזען
...ה. נעבאך, כאטש דיזער בא־
...גענומען געווארען פון דער
...ינט באארד פון דער קלאוק
...מאכערס יוניאן, אלזא, אום
...מיידען דיזען שטורעם פון
...יל מיר האבען יעצט נאך
...ינע זאכען איבער וועלכע צו
(...אונזער איינציגע וואפע...)
...א איינער פון די וועלפע הא־
...ן דורכפיהרען דיזע גזרה,
...ביסעל קלעהרער צו מאכען
...ט דאס דער בייזער אפרים
...אנדערש פארשטעהן...
...האט מען ביי אונז און
...זאל נעארבייט שבת אדער
...לבען טאג, און די גזרה פון
...ת אדער זונטאג, איז ניט

קיין נייע, נאר וואס איז דא פארט גע־ ווען? אט וואס. נאך דיזען דזשענעראל סטרייק ווען מיר האבען אהן דער הילפע פון דעם דאזיגען אפרים קאפלאן געוואונען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, האבען פיעלע שעפער מיט דעם וויסען און ווילען פון דער יוניאן זיך איינגעטיילט די וואך אזוי ,אז זיי זאלען ניט דארפען ארביי־ טען ניט שבת און ניט זונטאג. ביי 90 פראצענט איז עס ניט געווען קיין פראגע פון היטען דעם שבת קודש, נאר פשוט צו האבען צוויי פרייע טעג, אנשטאט א טאג און א האלב. שטעלט אייך אבער פאר, אז ביי אונז אין טרייד איז געווארען ביזי און מען האט אנגעפאנגען ארבייטען אווערטיים, און עס איז אויסגעקומען צו ארבייטען ביז האלב נאך 12 אין גאנץ הייסע טעג, און פיעלע בעל־מלאכות ביי אונז אין טרייד האבען פשוט ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און מען האט זיך אריינגעכאפט אמאל דעם האלבען טאג אלס אן אווערטיים, און פיעלע ארבייטער פון טרייד האבען טאקע אויפגעהויבען א פראטעסט, אן אמת'ען „פראטעסט", אז זיי ווילען ניט ארבייטען 5 טעג איבער די כוחות, און גאנץ אפט, נאך דאר־ פען ארבייטען דעם האלבען טאג שבת אדער זונטאג א חוץ, און די פיהרער פון דער יוניאן האבען איינגע־ זעהן, אז עס איז געזינטער פאר'ן טרייד און פאר די ארבייטער, אז מען זאל אפ־ היטען דעם 8 שטונדיגען ארבייטס־טאג און ארבייטען שבת אדער זונטאג א האל־ בען טאג.

זעהט זשע קלאר, דער באשלוס פון דער דזשאינט באארד און דער פונקט אין אונזערע אגרימענטס, און איבעראל זאגט קלאר און אויסדריקליך, שבת א ד ע ר זונטאג, ניט ווי אפרים וויל אונטער־ טאשען די קארטען, און זאגט שבת א ו ן זונטאג.

אלזא, פרעג איך אייך, ווען ביי אונז אין טרייד האט מען אימער געארבייט שבת אדער זונטאג א האלבען טאג, און די יוניאן האט באשלאסען, אז אין דער ביזי צייט זאל מען ווייטער אזוי ארביי־ טען, זעהט איהר עפעס אין דעם א גזרות שמד?... מען מוז ווירקליך זיין אזא שווארצער גלח מיט א טלית קטן ווי דער ה' אפרים אז מען זאל קענען אזוי אויס־ טייטשען א יוניאנס באשלוס און ארויס־ קומען מיט אזא שמוציגער מיאוסער אטא־ קע. ווי ווייט לעכערליך און נאריש עס איז דער גאנצער אנפאל פון ה' קאפלאן אויף לאקאל 11, קענט איהר זעהן פון פאלגענדעס:

דער לאקאל 11, וועלכער איז זינדיג אין מאכען דיזע רעקאמענדאציע צו דער דזשאינט באארד איז א בראנזווילער לא־ קאל, און 90 פראצענט פון די מעמבערס פון לאקאל 11, וועלכע ארבייטען אין בראנזווילער שעפער האבען ניט געאר־ בייט, ארבייטען ניט, און וועלען ניט אר־ בייטען שבת. האט שוין דיזער באשלוס עפעס געקענט שאדען דעם היילינגען שבת? נאך מעהר: איך וויל אייך פאר־ טרויען א סוד רב אפרים, אז 7 פון די 13 עקזעקוטיווע מעמבערס פון לאקאל 11 זיי־ נען דוקא פרומע אידען. יעדער איינער פון זיי באלאנגט צו א שוהל און געהט אלע שבת דאווענען. עס פאדריסט מיך וואס איך ווייס יעצט ניט די נעמען פון די שוהלען און חברה'ס, נאך אויב איהר זייט פאראינטערעסירט, שיקט ארונטער צו אונז אין בראנזוויל א קאמיטע פון עטליכע נשמה־היטער און מיר וועלען עס זיי איבערצייגען. דיינקט איהר, ה' אפרים, אז דיזע 7 אידען, וועלכע זיינען געווען צווישען דיזע וואס האבען געמאכט די־ זען באשלוס, אז זיי זיינען אויסען געווען צו פארלעצען די אמונה פון די אבות? ווי איהר ווילט עס האבען, אדער דיזע אידען ווען זיי זאלען וויסען, אז דאס האט עפעס א שייכות מיט'ן שבת, דיינקט איהר, אז זיי וואלטען זיכער דאס ניט דערלאזען? ניין! ניט די פירמא, ניט די אפיקורסים האבען געהאט אין געדאנק. אז דיזער באשלוס אונזערער האט אירגענד וועלכען שייכות מיט דער חברה שומרי שבת. אונזערע מעמבערס האבען אלע מאל געהאט די פרייהייטען צו ארבייטען וועל־ כען טאג זיי ווילען און זיי האבען עס אויך יעצט.

ווען דער פלאץ וואלט מיר ערלויבט, וואלט איך אייך גראדע געבראכט א ריי־ הע ביישפיעלע וואו באאמטע פון אונזער יוניאן האבען פיעל מאל אום אויסצומיי־ דען סטרייקס אין שעפער, וואו פרומע אידישע באסעס האבען געוואלט אוועק־ שיקען אידען פאר ניט וועלען ארבייטען שבת, וואו מיר האבען זיך געווענדעט צו דער חברה שומרי שבת, אז זיי זאלען שיקען זייערען א פארטרעטער צו בא־ איינפלוסען דעם באס, וועלכער איז זיכער א מעמבער פון ערגעץ א שוהל, אז ער זאל ניט אוועקשיקען א אידען פאר ניט וועלען ארבייטען שבת.

רבי אפרים, איך קען אייך פארזיכע־ רען, אז מיר, די היינטיגע אפיקורסים, זיי־ נען א סך מעהרער טאלעראנט צו א פרו־ מען אידען ווי איהר זיינט עס צו א מענ־ שען מיט אנדערע איבערצייגונגען, אין אלע צייטען.

אלס ביישפיעל וועל איך טאקע ברייי־ נגען דעם זעלבען בראנזווילער לאקאל. אין דעם שאפ פון ערדעלמאן און לעווין, 366 טהאטספארד עוו., האט מען זיך ניט גע־ קענט אייניגען צי מען זאל ארבייטען שבת אדער זונטאג. אין דעם שאפ האבען גע־ ארבייט 22 מענשען, 4 פרומע אידען און 18 אפיקורסים. די 18 האבען געוואלט מען זאל ארבייטען שבת און די 4, פאר־ שטעהט זיך, זונטאג. און די 18 זיינען באשטאנען אז מען זאל די פראגע ענט־ שיידען דורך אן אפשטימונג. ווי מיינט איהר, מר. קאפלאן, האט געהאנדעלט דער באאמטער פון דער יוניאן, אויך אן אפיקורוס? ער האט גראדע ענטשיידעט, אז ארבייטען זאל מען זונטאג. ערקלערינ־ דיג די 18, אז דא קען ניט גילטען קיין אפשטימונג, איינפאך דאפיר, וואס זיי, די 18, דורך דעם וואס זיי וועלען ארביי־ טען זונטאג וועלען זיי גאר ניט פארלירען. ניט מעהר וואס עס איז זיי אפשר ניט אזוי באקוועם, אין דער צייט ווען ביי די 4 איז דאס א פראגע פון, אדער פארלי־ רען א 5 דאלער פון זייער וואך פאר־ דינסט, אדער פארלעצען זייער שבת, וועל־ כער איז ביי זיי הייליג. און אזוי איז עס געווען.

דיינקט איהר ניט, רב אפרים, אז מיר זיינען מעהר טאלעראנט און אנשטענדיג פון אייך? און דיינקט איהר ניט, אז מיר וואלטען געדארפט רופען צו א פראטעסט נעגען אייך פאר'ן ארויסקומען מיט אזא מיאוסער פארליימדונג נעגען אן ארגאני־ זאציאן און באשולדיגען אין זאכען, וועל־ כע זיי האבען קיינמאל אין זינען ניט גע־ האט צו טאן? וואס ע סאיז אפשר ארויס־ געקומען דורך אייערען א מיסטייק אין לעזען, וואס איהר האט געלעזען שבת א ו ן זונטאג, אנשטאט שבת א ד ע ר זונטאג. און איך וועל טאקע פארענדי־ גען מיט אייערע אייגענע ווערטער, אז דער זיידע ר' מענדעלע איז טאקע געווען גערעכט ווען ער האט געזאגט, אז מיר זיינען א קליין אימה'לע אבער א פאס־ קודנע. יו בעט, אז עס געפינען זיך נאך צווישען אונז אידען אזעלכע שווארצע גייסטער ווי רב אפרים קאפלאן, וועלכע זיינען קאפאבעל ארויפווארפען א ממזר בלבול אויף א אידישער ארגאניזאציאן, וועלכע ווארפט ניט אין זייער פושקע אריין. רב אפרים, זאל אייך דער אויבער־ שטער, וועמעס קריוודע איהר נעמט זיך אזוי שטארק אן, צושיקען בעסערע טע־ מאס. און שרייבט בעסער וועגען דער שוחטים פראגע, רבנים פראגע, א. ז. וו. נאר פליעז, „קיעפ עוועי" פון די אידישע יוניאנס, ווארים איהר מאכט זיך נאריש.

מיט טרייד יוניאן גרוס,

א. באבימש,

מענעדזשער פון בראנזווילער
אפיס פון דער קלאוק מאכער
יוניאן.

ביט ענטוישט און יע ענטוישט.

ווערטהער רעדאקטאר:

איך וויל יעצט באריהרען איינע פון די זעהר וויכטיגע פראגען פון טאג און איך האף, אז מיינע ווערטער וועלען גע־ פינען פלאץ אין אונזער וועכענטליכער שריפט, דער „גערעכטיגקייט".

עס איז אמת, אז קיינער פון אונז האט ניט ערווארטעט, אז מיט דער איינ־ פיהרונג פון וואך־ארבייט וועט שוין קו־ מען די גאנצע הילף פאר'ן קלאוקמאכער, און דערפאר בין איך איינער פון יענע, וועלכער איז ניט ענטוישט פון דער יא־ געניש, וואס געהט יעצט אן אין די גרעס־ טע צאהל שעפער. די קאנקורענץ, דאס יאגען זיך איז ניט צו באשרייבען, אבער איך מוז צוגעבען, אז דאס איז ניט די שולד פון דער אדמיניסטראציע פון דער יוניאן. נאטירליך, וואלטען עס די יוניאן פארוואלטער ניט געוואלט זעהן. לאמיר האפען, אז צום קומענדען סיזאן וועט די עפידעמיע פון יאגעניש פארשווינדען — פארשטעהט זיך, מיט דער הילף פון אונ־ זערע בעאמטע.

אין וואס איך בין אבער יא ענטוישט איז אין באצוג צו די ליגעל האלידעיס.

די באסעס האבען אין זייער אגרי־ מענט מיט דער יוניאן איינגעווילינט צו

דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן

עס ווערען אויפגענומען קאמיטעס.

א קאמיטע פון די סטרייקענדע סיגאר מאכער פארלאנגען ווייטערע פינאנציע־ לע שטיצע. עס ווערט באשלאסען זיי צו שטיצען מיט נאך 500 דאלאר.

א קאמיטע פון דעם אינטערנעשא־ נאל דעפענס פאנד פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל ווייטער געבען זיין מאראלע און פינאנציעלע שטיצע צו טהאמאס מוני און אלע אנדערע, וועלכע געפינען זיך יעצט אונטער די אייזערנע גראטעס פאר זייערע אידעען.

די פראגע ווערט איבערגעגעבען צו דער פינאנץ קאמיטע.

עס ווערען פארגעלעזען צושריפטען.

לאקאל 82 לאדעט איין דעם דזשאינט באארד צו זייער זיעגעס־באנקעט. די איינלאדונג ווערט אנגענומען. אין די ב־ר־ דער סטודענט, יאנאוויץ, פערלמוטער, קאפלאן און לעסער ווערען אפאינטעט צו געהן צום באנקעט.

לאקאל 1 אינפארמירט, אז זייער עק־ זעקוטיוו באארד האט גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון דעם דזשאינט באארד פון אויגוסט דעם 1טען, 8טען, 15טען און 22טען.

ל. מוסאטש, אן אפרייטאר פון אייז־ מאן, עליסאן און ליפסאן אינפארמירט, אז ער איז ארונטערגעשיקט געווארען פון זיין פלאץ נאך דעם ווי ער האט אפגעאר־ בייט דריי יאהר צייט.

עס ווערט באשלאסען צו אפאינטען א קאמיטע פון די ברידער מאליסאני און לעווענטאל צו אונטערזוכען די קייס.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון ר. סאדאווסקי פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל זיי העלפען דעקען אן עקס־ פענס פאר זייער שאפ טשערמאן, פאר דער צייט וואס ער האט פארלארען צו־ ליעב זייער שאפ נאך דעם סעטעלמענט פון דזשענעראל סטרייק. עס ווערט בא־ שלאסען צו באווילינען דעם פארלאנג פון דער קאמיטע.

רעפארט פון די מענעדזשערס.

ברודער שנייד באריכטעט אז א סטרייק געהט אן נעגען דער פירמא דיי־ ווידסאן, אבראמסאן און קאפלאן.

ברודער ניסנעוויטש באריכטעט אז די ארבייטער פון פיליפ קאין האבען גע־ סטאפט פון דער ארבייט דערפאר, ווייל די פירמא האט פארלאנגט אז פון 30 ארבייטער זאל צו דער ארבייט בלויז אריינקומען 8 און די איבריגע האט די פירמא ערקלערט, אז זי וועט זיי לאזען וויסען ווען, זיי זאלען קומען צו דער אר־ בייט.

דער סטרייק ווערט גוט געהייסען.

ברודער ניסנעוויץ באריכטעט וויי־ טער, אז דער שאפ פון ס. לייאן איז אין סטרייק פאר פארלעצען א צייט אגרי־ מענט.

די קאמיטע, וועלכע איז אפאינטעט געווארען צו אונטערזוכען דעם קאמפליין פון ברודער גענזער נעגען לאקאל 64 בא־ ריכטעט, אז זי האט די קייס אונטערזוכט און זי רעקאמענדירט אז דער קאמפליין זאל פארווארפען ווערען.

דער באריכט פון דער קאמיטע ווערט גוט געהייסען.

דער צושריפט פון לאקאל 1 וועגען אן ארבייטער ביורא ווערט אויפגענומען און עס ווערט באשלאסען דאס אלע לא־ קאל מענעדזשערס און די ברידער זיגמאן און לאנגער זאלען האבען א מיטינג און אויסארבייטען א פלאן פאר פארמירען אזא ביורא.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאס־ סען.

ל. לאנגער, סעקרעטער.

ארגאניזאציאנס־ארבייט אין קאנעקטיקוט סטייט

פון סאל זיידמאן.

זינט די לעצטע צוויי מאנאטען האט די אינטערנעשיאנאל אנגעפאנגען א לעבעדיגען קאמפיין צו ארגאניזירען די קארסעט ארבייטער און אויך די וויסט מאכער, ליידיס טיילארס און אלטעריישאן ארבייטער אין קאנעקטיקוט סטייט.

דער אנפאנג, ווי איהר וויסט, איז געווען א זעהר געלונגענער. מיר האבען יעצט אין ברידזשפארט און אויך אין דענבורי, ארום פיער טויזענד ארבייטער וואס ארבייטען 44 שטונדען א וואך און פארדיענען יעצט פון צוואנציג ביז דרייסיג דאלער א וואך. 12 אדער 15 דאלער א וואך איז דארט פריהער געווען די גרעסטע וויידזשעס און פון דיזע וויידזשעס האבען נאך די ארבייטער פריהער געדארפט באצאהלען פאר די קאטען מיט וואס זיי האבען געמאכט די קארסעטען וואס האט באטראפען אין דורכשניט ארום צוויי דאלער א וואך.

מיר האבען אויך אפגעשאפט דעם זאגענאנטען „באנוס סיסטעם". אונטער דיזען סיסטעם האט אן ארבייטער געמוזט אריינקומען יעדען טאג אין שאפ צו דער מינוט, און אויב עס האט געפעלט 5 אדער 10 מינוט אין וואך, האט ער שוין קיין באנוס נישט געקראגען. יעצט האבען מיר אין דיזע צוויי שטעדט פאלשטענדיגע יוניאן שעפער, מיט שאפ קאמיטעס צו קאלעקטען דיוס, קאמיטעס אויפצונעמען קאמפליינס, און אזוי ווייטער. עס איז אויך ערלויבט א פארטרעטער פון דער יוניאן אריינצוקומען אין די שעפער צו שליכטען קאמפליינס אויב די קאמיטעס קענען זיי אליין נישט שליכטען. און מיר האבען אויך געוואונען דעם פונקט דאס אלע ארבייטער דארפען באלאנגען אין דער יוניאן. מיר האבען שוין אפילו געהאט א סטאפעדזש אין א געוויסען דעפארטמענט אין די ווארנער פעקטארי, ווייל אייניגע ארבייטער האבען נישט געוואלט באלאנגען צו דער יוניאן. די ווארנער פעקטארי איז די גרעסטע קארסעט פעקטארי אין אמעריקא. עס ווערען דארט באשעפטיגט 2500 ארבייטער און מר. ווארנער אליין איז דוקא פון די אנשטענדיגערע בעלי בתים. ווען עס איז נישט געווען קיין יוניאן שאפ, האט ער געטאן וואס ער האט געקאנט צו קריגען זיין ארבייט געמאכט ביליגער, יעצט טרייט ער צו האלטען דעם אגרימענט און ער אליין העלפט פארמיידען טראבעל.

מיר האבען דא נאר וואס ארגאניזירט א דזשאינט באארד פון די קאטערס, די קארסעט ארבייטער פון דעם דענבורי לאקאל. דער דענבורי שאפ איז א ברענטש פון די ווארנער פעקטארי.

די קארסעט קאטערס פון ברידזשפארט זיינען געווען 100 פראצענט ארגאניזירט זינט 1916 און זיי האבען פיעל געהאלפען צו ארגאניזירען די פרויען־ארבייטער. אויסער די קאטערס אין די שעפער זיינען אלע אנדערע, די פרויען־ארבייטער, א גרויסע מאיאריטעט. דאס רוב זיינען זיי אמעריקאנער פרויען, צווישען די 4000 ארבייטער זיינען פיעלייכט דא איין פראצענט אידישע.

נאך ברידזשפארט קומט ניו הייווען. אויך דא געפינען זיך ארום 2500 קארסעט ארבייטער און מיר פיהרען יעצט אן א קאמפיין דיזע ארבייטער צו ארגאניזירען. עס געהט אפילו צו גאנץ שווערליך, עס וועט זיך פאדערען א סך ארבייט. אין ניו הייווען איז דא איין שאפ, די סטראוס און אדלער קארסעט פעקטארי, וואס באשעפטיגט 1800 ארבייטער. מען ארבייט דארט 52 שטונדען א וואך. די גרעסטע וויידזשעס וואס מען פארדינט דארט איז 15 דאלער א וואך און אויך אין דעם שאפ צאהלען די ארבייטער פאר קאטען. מען זאגט, אז די ארבייטער ווערען דארט געהיט אויף יעדען טריט פון שפיאנען. אפילו איך אליין ווער אויך געהיט. מסתמא עס זאל מיר קיין שלעכטס נישט פאסירען... דער באס פון דער פעקטארי איז גראדע א איד.

זינט איך בין אין ניו הייווען האט ער שוין צוגעזאגט די ארבייטער א רעיז אויף די וויידזשעס און נאך א סך גוטע זאכען. ער סטראשעט אבער די ארבייטער, אז אויב זיי וועלען האבען אירגענד וועלכע פארבינדונגען מיט דער יוניאן, וועט ער זיי ארונטערשיקען און פארמאכען די פעקטארי גאר אין גאנצען... די ארבייטער גלויבען איהם נאך דערווייל, און טוען וואס ער הייסט. די קלענערע שעפער אין דער שטאט וועט נישט זיין שווער צו ארגאניזירען.

עס האט זיך אויך דא געגרינדעט פאר דער צייט א לאקאל פון ליידיס טיילארס און אלטעריישאן ארבייטער. איך האב געהאט א פאר מיטינגען מיט דיזע ארבייטער און מיר געהן שוין ארויסשיקען פאדערונגען צו די בעלי בתים, פאר 44 שטונדען א וואך ארבייט, א 50 פראצענט העכערונג אין וויידזשעס און אנערקענונג פון דער יוניאן. מען ארבייט אין דעם טרייד 52 שטונדען א וואך און די וויידזשעס זיינען אזעלכע טרויעריגע אז עס איז גאר א שאנדע צו דערצעהלען. מענער וואס דענקען אז זיי זיינען די אמת'ע קינסטלער אין פאך ארבייטען פאר 22 דאלער א וואך. דער בעסטער שניידער קריגט קוים 25 דאלער א וואך פאר צוויי און פופציג שטונדען ארבייט. שבת ארבייט מען ביז 9 א זייגער ביינאכט. איך בין זיכער, אז איהר, ניו יארקער, האט גאר נישט געוואוסט אז אזא זאך עקזיסטירט נאך. עס איז נאר א גליק וואס זיי זיינען נישט פיעל, בלויז א צוויי הונדערט אין ניו הייווען.

עס געפינען זיך אויך עטליכע הונדערט וויסט מאכער אין ניו הייווען און איך מאך אויך א פארזוך זיי צו ארגאניזירען. עס וועט אודאי זיין שווערליך, ווייל פיעלע געדענקען נאך דעם לעצטען סטרייק וואס זיי האבען מיטגעסטרייקט מיט די וויסט מאכער פון ניו יארק.

מיר האבען אויך א לאקאל יוניאן אין הארטפארד, די קעפיטאל שטאדט פון קאנעקטיקוט סטייט. דא געפינען זיך אויך עטליכע הונדערט ליידיס טיילארס אין אלטעריישאן שניידער און די קאנדישאנס זיינען דיזעלבע צרה'דיגע ווי אין ניו הייווען. און אויך אין הארטפארד שיקען מיר ארויס פאדערונגען צו די בעלי בתים און אויב מיר וועלען נישט קריגען קיין ענטפער וועלען מיר סטרייקען.

צווישען די שניידער איז דער עלעמענט נישט קיין שלעכטער. אייניגע באלאנגען אפילו צו די לינקע, אנדערע צו די לינקע פון די לינקע און... פון דעסטוועגען ארבייטען זיי פאר 22 דאלער א וואך! וואס לוינט זיך באדערען מיט דער געגענוואורט, דענקען אפנים דיזע לייטע, אז זיי האבען אזא שענע צוקונפט?...

מיר האבען אויך אין הארטפארד 12 וויסט שעפער, און ווי מען האט מיר איבערגעגעבען, קומען צו נייע שעפער אלע טאג. די וויסט מאכער אין הארטפארד באלאנגען צו דעם זעלבען לאקאל מיט די ליידיס טיילארס און עס געפינען זיך דארט מאנכע וויסט מאכער וואס מען קען זיך אויף זיי פארלאזען. די מענער־ארבייטער גיבען צו, אז ווען נישט די מיידלאך פון די וויסט שעפער וואלט שוין דער לאקאל לאנג דארט ניט עקזיסטירט. יא, פארט וויסט מאכער, אפילו אין דארף זיינען זיי וויסט מאכער! איך געה טאקע האבען א מיטינג מיט די וויסט מאכער היינטיגע וואך. איך האב גערעדט מיט אייניגע פון זיי און זיי זאגען, אז די סאציאלע רעוואלוציע איז טאקע גוט, נאר דערווייל דארפען מיר ארבייטען אביסעל ווייניגער, און קריגען א פאר דאלער מעהר... די וויסט מאכער אין הארטפארד האבען אויך געסטרייקט מיט די ניו יארקער וויסט מאכער.

עס זיינען דא נאך א פאר שטעטלעך אין קאנעקטיקוט סטייט וואו מען מאכט אלעס וואס באלאנגט צו אונזער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, און אזוי שנעל ווי מיר וועלען פארטיג ווערען אין די דערמאנטע שטעדט וועלען מיר א פאהר טאן אהין אויך. דערווייל בין איך שטארק פארנומען דא. איך האב מיטינגען יעדען טאג אין אנאנדער פלאץ און מאנכעס מאל צוויי מיטינגען אין איין אבענד.

עס דארף דא דערמאנט ווערען אז די סטייט פעדעריישאן אוו לייבאר פון קאנעקטיקוט סטייט העלפט אונז מיט אלעס וואס זיי קאנען.

יא, מיינע ניו יארקער פריינד, ווען מען פאהרט אביסעל ארויס פון ניו יארק געפינט מען ערשט אויס וויפיעל ארבייט עס איז נאך דא צו טאן פאר אונזער אינטערנעשיאנאל אום אויפצוהאלטען די יוניאן קאנדישאנס אפילו אין די שטעדט וואו די יוניאן האט א פאלשטענדיגען קאנטראל איבער די שעפער. די דזשענעראל עקזעקוטיווע האט ביי די לעצטע מיטינגען באשלאסען די ארבייט דורכצופיהרען. לאמיר האפען, אז מיר וועלען זיין ערפאלגרייך אין דער גרויסער, נויטיגער ארבייט.

סאול זיידמאן.
וויס־פרעזידענט און אינטערנעשיאנאל ארגאנייזער.

דריי עקזעקוטיוו באארד מיטינגען פון לאקאל 25

א מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער ליידיעס וויסט און דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען דיענסטאג אווענד, דעם 19טען אויגוסט, 1919. שוועסטער מאלי פרידמאן טשערלידי.

עס ווערען אויפגענומען די באריכטען פון די פינאנץ און רעליעף קאמיטעס.

ברודער ארטור פיער רעזיגנירט אלס בעאמטער אין דער יוניאן. זיין רעזיגנאציאן ווערט צוריקגעוויזען.

עס ווערט פארגעלעזען א מיטטיילונג פון דעם אדווייזארי באארד פון איטאליענישען ברענטש, אין וועלכער זיי ציהען די אויפמערקזאמקייט פון עקזעקוטיוו באארד דערצו, דאס עס וואלט געווען ראטזאם, אז די איטאליענישע צייטונג „דזשוסטיציא" זאל אפגעבען מעהר פלאץ פאר די אינטערעסען פון אונזער לאקאל, ספעציעל יעצט, ווען די פראפאגאנדא־ארבייט איז זעהר וויכטיג. זיי פאדערען, דאס דער באארד זאל זעהן, אז א געוויסע צאהל זייטען אין דער צייטונג זאל אפגעגעבען ווערען צו אונזער לאקאל און א פערזאן זאל אנגעשטעלט ווערען צו רעדאקטירען דעם דאזיגען טייל פון דער צייטונג.

א קאמיטע, באשטעהענד פון די ברידער קריוועלא, טשערמאן; היימאן, וואסילעווסקי, קאביאטי און שוועסטער סילווערמאן, ווערט ערוועהלט צו האנדלען אין דער פראגע.

א צווייטער מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, דעם 26טען אויגוסט 1919. שוועסטער דזשעני מעטיאס טשערלידי.

ברודער ד. שוסטער, עקזעקוטיוו באארד מעמבער פון הארלעמער ברענטש, ווערט סוספענדירט פון באארד פאר ניט אטענדען די מיטינגען.

ברודער פיקעלשטיין, טשיף קלוירק פון אונזער אסאסיאיישאן דעפארטמענט, שיקט אריין זיין רעפארט, אין וועלכען ער גיט אן איבערבליק איבער די באדינגונגען, וואס ער האט געפונען אין אונזער טרייד. ער טיילט אויך מיט זיינע אנשויאונגען וועגען געוויסע טיילען פון פראטאקאל און לעגט פאר א רייהע פלענער פאר דער פארוואלטונג פון זיין דעפארטמענט. פאלגענדע פונקטען ווערען אויפגענומען: רעדזשיסטרירונג און יוניאניזירונג פון שעפער און די אויסטיילונג פון דעם פרעפערענשעל קלאוז. נאך א לענגערער דיסקוסיאן ווערט בר. פינקעלשטיין'ס רעפארט גוטגעהייסען.

דער אפיעל קאמיטע'ס ווערט פארגענומען און גוטגעהייסען.

דער פרעסערס ברענטש ציהט די אויפמערקזאמקייט פון באארד צו דעם, דאס מיט א שטיק צייט צוריק איז א קאמיטע ערוועהלט געווארען אויסצוארבייטען פלענער פאר עטאבלירען באזונדערע לאקאלען אין אונזער יוניאן. זיי פרעגען אן, וואס איז אויפגעטאן געווארען אין דיזער אנגעלעגענהייט. דער עקזעקוטיוו באארד אינסטרואירט דער קאמיטע איבער דיזער פראגע אריינצוברענגען איהר רעפארט צום נעקסטען מיטינג.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון ברודער א. פיער, אין וועלכען ער ערקלעהרט, דאס אבוואהל זיין רעזיגנאציאן איז ביים לעצטען מיטינג ניט אנגענומען געווארען, פיהלט ער, דאס ער קען אין אמט מעהר ניט פארבלייבען. זיין רעזיגנאציאן ווערט אנגענומען.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון ברודער ל. אנטאניני, מענעדזשער פון איטאליענישען דעפארטמענט, אין וועלכען ער פאדערט, דאס דער עקזעקוטיוו באארד זאל איין מאל פאר אלע מאל קלאר דעפינירען זיינע פונקציאנען אלס בעאמטער פון דער יוניאן. אונטער די עקזיסטירענדע באדינגונגען ווערט ער אין אפיס ניט אנערקענט אלס מענעדזשער פון א זעלבסטשטענדיגען דעפארטמענט נאר אלס הויפט פון אן אפטיילונג פון א דעפארטמענט. ער באקלאגט זיך אויך, דאס דער איטאליענישער ברענטש איז ניט פארטראטען ביים באארד אוו דירעקטארס. זיין צושריפט ווערט איבערגעגעבען צום באארד אוו דירעקטארס פאר פארהאנדלונג און ברודער אנטאניני ווערט ערוועהלט צום באארד אוו דירעקטארס.

די באריכטען פון 4 מיטינגען פון דער אפיס־קאמיטע ווערען אויפגענומען און גוטגעהייסען.

די קאמיטע, וואס איז מיט א צייט צוריק ערוועהלט געווארען אויסצוארבייטען פלענער פאר א לייבאר־ביורא, באריכטעט, דאס זיי זיינען פארטיג מיט זייערע פלענער און זיי ווילען עס זאל זיי געגעבען ווערען די ערלויבניש צו מאכען די לעצטע אראנזשמענטס צו אינסטאלירען די סיסטעם. די פראגע ווערט רעפערירט צום באארד אוו דירעקטארס.

עס ווערט באשלאסען צו קויפען ספעשעל סואוועניר „קאלס" פאר 25 דאלאר.

א דריטער מיטינג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, דעם 2טען סעפטעמבער, 1919. שוועסטער ראוז פער אלס טשערלידי.

די ברידער ארעסטא גראססי און פאסקוואלע לא סעלוויא, פארשטעהער פון איטאליענישען ברענטש, ווערען סוספענדירט פון עקזעקוטיוו באארד פאר ניט אטענדען די מיטינגען.

אויף דער איינלאדונג פון דער נעשאנאל קאאפעריטיוו אסאסיאיישאן, ווערען שוועסטער דזשעני מעטיאס און אסתר סילווערמאן ערוועהלט אלס דעלעגאטען צו א קאנפערענץ פון יוניאן קאמיטעס, וואס וועט שטאטפינדען זונטאג, דעם 7טען סעפטעמבער, 1919, 2:30 נ. מ., אין אפיס פון דער קאאפעריטיוו ליעג פון אמעריקא, 2 וועסט 13טע סט., רום 721.

אויף דער איינלאדונג פון די „פרענדס אוו סאוועט ראשיא ליעג", ווערען שוועסטער ראוז פער און ברודער דזש. וואסיליעווסקי ערוועהלט אלס דעלעגאטען צו אן ארבייטער־קאנפערענץ, וואס ווערט פאררופען פון דער ליעג אויף מיטוואך, דעם 10טען סעפטעמבער, 1919, 8 אוהר אווענד, אין בעטהאווען האלל, מיט'ן צוועק צו שיקען א פראטעסט־דעלעגאציאן נאך וואשינגטאן.

ברודער י. שעהנהאלץ, סעקרעטער־טרעזשורער פון אונזער יוניאן, שיקט אריין א פינאנץ־רעפארט פאר די לעצטע 5 וואכען. זיין רעפארט ווערט גוטגעהייסען און אויף זיין רעקאמענדאציאן ווערען פאלגענדע באשליסע אנגענומען:

1) צו ערוועהלען דעלעגאטען צו די פארשיעדענע צענטראלע קערפערשאפטען און די פאלגענדע ווערען ערוועהלט: צו דער סענטראל פעדערייטעד יוניאן — מאלי פריעדמאן, מ. פינקעלשטיין; צו דער סענטראל לייבאר יוניאן — נייטהען שעכטער, נארא לעווין, אנטאנינא קריוועלא; צו די אידישע געווערקשאפטען — מאקס עסענפעלד, היימאן דייווידסאן, הערי זילבערמאן.

2) אזוי ווי די אלטע סיק־בענעפיט קאמיטע האט ביז היינט גארניט געקענט אויפטאן צוליעב דעם אונגארמאלען צושטאנד אין אונזער טרייד בעפאר, און נאכ'ן סטרייק, ווערט ערוועהלט א נייע קאמיטע, באשטעהענד פון מ. גוזמאן, מ. עסענפעלד, ה. דייווידסאן, דזש. מעטיאס, י. וואסילעווסקי, ה. סילבערמאן, פ. ליבערטי, י. הארוויץ און י. פינקעלשטיין, און די קאמיטע ווערט אינסטרואירט אריינצוברענגען אין דער נאהענטער צוקונפט א פלאן ווי אזוי צו עטאבלירען א קראנקען בענעפיט פאנד אין אונזער יוניאן.

י. שעהנהאלץ, סעק.

בראנזווילער קלאוקמאכער ווארפען זיך אריין אין קאאפעראטיווער ארבייט.

ביי א גרויסען מיטינג פון לאקאל 11, די קלאוקמאכער יוניאן אין בראנזוויל, אין דעם לייבאר לייסעאום, איז באשלאסען געווארען ערנסט אריינצווארפען זיך אין די קאאפעראטיווע באוועגונג.

אום צו צייגען דער קאאפעראטיווער געזעלשאפט, אז די קלאוקמאכער זיינען אמת'ע קאאפערייטארס, האבען זיי באווילינט צוויי טויזענד דאלאר אויף צו העלפען פארגרעסערען אי די בעקעריי, אי די פיש גראסעריס, וועלכע די קאאפעראטיווע געזעלשאפט פארמאגט אין בראנזוויל.

אויך איז באשלאסען געווארען, דאס די עקזעקוטיווע זאל זיך ווענדען צו יעדען מיטגליעד פון דער יוניאן און איהם ערזוכען צו ווערען א שעהנהאלדער אין די קאאפעראטיווע.

א רעזאלוציאן איז אויך געפאסט געווארען, דאס די קלאוקמאכער זאלען פון יעצט אן פאדערען אין די גראסעריס, רעסטאראנטס און לאנטש רומס ברויט מיט דעם קאאפעראטיווען לייבעל פונקט ווי זיי פאדערען ברויט מיט דעם יוניאן לייבעל.

עס איז קיין פראגע ניט, דאס אלע אנדערע ארבייטער ארגאניזאציאנען פון בראנזוויל וועלען נאכפאלגען דעם שעהנעם ביישפיעל פון די קלאוקמאכער און וועלען שאפען א מארעל פון א ריזיגע קאאפעראטיווע געזעלשאפט אין בראנזוויל.

לידיעס טיילארס יוניאן אין ניו יארק אמאל און היינט

...בען א באגריף וואס עס
...ניו יארקער לידיס טיי-
...מענטס, דארף מען אבי-
...ר טאן די געשיכטע פון
...יאן, וועלכע איז א גאנץ

...טיילאר טרייד איז א לוק-
...לוקסוס זאכען איז איבריג
...ונגט צו אונזערע רייכע
...ע לידיס זיינען קאפריז-
...רע קאפריזען פלעגט אם
...דער לידיס טיילאר, דער
...יי גיבען אן ארדער ווילען
...זעהן פארטיג אום דער
...ים בייטען, און דער שניי-
...וזט ארבייטען טאג און
...צושטאנד איז געווען דער
...טרייד ביז 1909. דאן
...ידיס טיילארס אנגעפאנ-
...ניזירען און האבען איינ-
...אט שטיק ארבייט, וואך
...סטאנדארד פון שטונדען,
...טרייד האט דאן באקו-
...יער אויסזעהן.

...טיילאר האט ערוואכט
...עוואלט פארטזעצען דעם
...דער פלאץ ערלויבט ניט
...ך מיט יעדען פונקט בא-
...וועל זיך אפשטעלען ביי
...סירונגען.

...יז די באגייסטערונג ביי
...רס געווען אזוי גרויס, אז
...ט געווען אומעגליך. דער
...אקאל, וועלכער האט דאן
...ומער 38, האט געהאט א
...ן א פינף טויזענד מעמ-
...פט אפיס און א ברענטש-
...בען יאהר ווען מען איז
...יק פאר 48 שטונדען און
...יל אף וויידזשעס פון 27
...איז מען ארויס זיעגרייך,
...נט ארגאניזירט. און עס
...אויסגעוויזען, אז צו דעם
...דער לידיס טיילאר
...קיין גלייכען ניט זיין. עס
...מען דער יאהר 1914 אויז
...מיט זיך „נייע פראבלע-
...ן איז געווען א קורצער.

...אט מען אנגעגעבען פאר-
...רגומענט זאל דא דער-
...אזוי ווי די מענער שניי-
...צו יענער צייט ניט בא-
...יך פיעלע מענער שניידער
...די לידיס טיילארס און
...ען אן איבערפלוס פון
...ארשטענדליך איז געווא-
...ל פון דער יוניאן שווא-
...זאן האט מען ווידער גע-
...ען פאר דעם געווינס פון
...אזוי האט מען אין סיזאן
...שאנס און אין סלעק איז
...ן.

...19 איז מען ווידער ארויס
...אס פארלארענע, און דער
...בראכט א גרויסע ענטוי-
...לידיס טיילארס. דער
...ן אנפאנג נעגאנגען מיט
...ן ענטוזיאזם און עס האט
...מיר וועלען זיין די זיע-
...בער האבען געוויסע פער-
...רייק פארראטען און מיר
...א גרויסע נידערלאגע. די
...יבערשיפ איז געווארען
...און פארביטערט, די
...מיטגלידער האבען דעם
...ן און פון א יוניאן איז
...ניט געווען.

...ט יוניאן אפיס האט מען
...אויף א בוידעם, מיט דער
...ט וואס איז נאך פארבלי-
...האפנונג, אפשר וועט גע-
...ס וועט אונז ארויסנעמען
...צושטאנד.

...191 האבען זיך די באסעס
...יקעוועט ווי זייער הארץ

...ים טיילארס האבען אנגע-
...ן וואו זיינען זיי אין דער
...טלאזע, עהרליכע מענשען
...וואכט און מיט א לידינג
...מיט פולע הערצער האפ-
...אנגעהויבען א סטרייק-
...עם יאהר 1917, און ווען
...טרייק איז געקומען, הא-
...ייטער אפגערופען גרויס-
...האט זיך ווידער באוויזען
...ידיס טיילארס. די באסעס
...ר באגריפען און זיי הא-

בען זיך פאראייניגט צוזוברעכען דעם נייעם געבארענעם לאקאל 80. דאס האט זיך זיי אבער ניט איינגעגעבען.

די יוניאן האט זייט דאן אנגעהויבען ווערען שטארקער און שטארקער.

אין 1918 האט מען געקראגען א רעיז פון 30 פראצענט מיט א פעסטגעשטעלטע סקייל אף וויידזשעס, און ווען דער יאהר 1919 איז געקומען האט זיך אין לידיס טיילאר טרייד אריינגעטראטען א נייער גייסט. מען הויבט אן קלייבען א סטרייק-פאנד נאך אין ספרינג סיזאן, פאר דעם קומענדיגען פאל סיזאן. לידיס טיילארס קלייבען זיך צוזאמען טויזענדער דאלערם און גרייטען זיך צום קאמף מיט אזא באוואוסטזיין, אז עס האט ארומגענומען דעם גאנצען טרייד ווי מיט א פלאם, און דער זיעג פון קומענדיגען סטרייק איז א פארזיכערטער.

די לידיס טיילארס שטעלען ארויס 44 שטונדען א וואך און די מעהר קליינע באסעס גיבען נאך בעפאר דעם סטרייק מיט באדייטענדען צייטווייליגען רעיז.

צו כאראקטעריזירען דעם יעצטיגען צושטאנד אין לידיס טיילאר טרייד, וועט זיין גענוג צו ברייננגען דעם פאקט אז די פירמא מילגרים בראס. וועלכע האט זיך פארמאסטען אין 1917 צוצוברעכען די יוניאן, האט יעצט נעסעטעלט מיט דער זעלבער יוניאן. דער קומענדיגער סטרייק וועלכער וועט נאר גיך אויסברעכען האט זיין אויפגאבע צו עסטאבלירען א מינימום סקייל אף וויידזשעס פון 50 דאלער.

דער קומענדיגער סטרייק האט אויך זיין אויפגאבע צו ארגאניזירען די אלטע-ריישאן שניידער פון די רייכע דעפארטמענט סטארס, וועלכע זיינען א טייל פון לידיס טיילארס אלטערריישאן שניידער לאקאל 80. אויך ברוקלינער לידיס טיילארס און אלטערריישאן ארבייטער וועלכע זיינען ריקשטענדיג אין פארגלייך מיט די ניו יארקער לידיס טיילארס.

עס זאל דא געזאגט ווערען, אז לאקאל 80 האט יעצט א שעהנעם אפיס, און מיר מאכען ריזינע שריט פאראויס.

צו דער ארבייטס מעמבערס פון לאקאל 80, און דער זיעג איז אונזערער!

לואיס סאלאוויאוו,
טשערמאן עקז. קאמ. לאק. 80.

אנמערקונג פון דער רעדאקציע: — מיר האלטען פאר נויטיג צו דערמאנען דעם טשערמאן פון לאקאל 80, דאס איז זיין אזוי צו זאגען „היסטארישער איבערבליק", האט ער נאר אין גאנצען אויסגעלאזען א גאנץ וויכטיגען פאקט, נעמליך, אז אין די לעצטע עטליכע יאהר האט דער אינטערנעשיאנאל אפיס געהאלפען לאקאל 80 טאקע מיט ראט און טאט, ער זאל קאנען ווערען וואס ער איז עס איצטער. ברודער סאלאוויאוו האט אויך אינגאנצען פארגעסען צו דערמאנען, די מיטווירקונג פון וויים פרעזידענט ס. לעפ-קאוויטש, וועלכע האט געהאלפען ארגאניזירען און דורכפיהרען די לעצטע צוויי סטרייקס פון דער לידיעס טיילארס יוניאן אין ניו יארק, און דאס ברודער לעפקאוויטש איז אויך איצט מיט דער יוניאן און העלפט זיי ארגאניזירען דעם סטרייק. עס איז ווירקליך א וואונדער, וואס דער טשערמאן פון דעם לאקאל זאל דאס אינגאנצען אויסלאזען אין זיין איבערבליק.

בריוולאך פון פילאדעלפיא

פון א. קראפעווע.

ערשטענס קום איך אייך צו מעלדען אז אונזער סיטי מעיאר, וועלכער דארף שוין באלד ארונטער פון ביינקעל, האלט ביים פארלירען פינף און צוואנציג טויזענד דאלאר, און צווייטענס וועל איך אייך דערצעהלען ווי אזוי עס איז געקומען דערצו אז זיינע פאאר סענט זאלען זיין אין געפאהר. איידער אבער איך טהו עס, איז וויכטיג אז איהר זאלט זיך בעקענען מיט דעם „אפענדיק" וועלכער שלעפט זיך נאך נאך דער געשיכטע וועלכע איז גאנץ אינטערעסאנט. דורך דיזען „אפענדיק" וועט איהר זיך אביסעל באקענען מיט די געוויסענס פון אונזערע פאליטישענס וועלכע פיהרען די גרענדע ביי אונז אין שטאדט און אפטמאל אויך אין גאנצען סטייט; איהר וועט זיך אויך באקענען מיט אנדערע פערזאנען א. ז. וו.

אלזא, קומען מיר פריהער צום „אפענדיק":

אין אונזער שטעטעלד קאכט זיך איצטער זעהר שטארק, און דיעזע קאכעניש האלט שוין אן עטליכע וואכען. הונדערטער מענשען געהען ארום ווי אהן קעפ. מאנכע פאליטישענס און אזוי מענשען האבען שטארק מורא פאר גרויסע צרות אין דער צוקונפט; זיי האבען שוין אנגעהויבען צו דערפיהלען דעם גערוך פון פריזאנס, און עס קוקט אויס אז עטליכע פון זיי וועלען זיך שוין פון הינטער גראטעס ניט ארויסדרעהען, סיידען דער גאט פון פאליטיקס וועט זיך אין דער געשיכטע אריינמישען און ער וועט א העלף טהאן די אויבענדערמאנטע ווי עס האט שוין ניט איינמאל פאסירט אין אזעלכע פעלע. דערווייל אבער איז צרות.

וואס האט פאסירט?

געווען ביי אונז אין שטעטעל א באנק — די נארטה פען באנק, וועלכע האט זיך געפונען אין רעכטען סענטער פון א געגענד וואו אידישע אלרייטניקעס וואהנען — אין סטראבערי מענשאן — און וואו עס וואהנען אויך א גרויסע צאהל קבצנים. דיזע באנק האט געטהאן גרויסע ביזנעס; מענשען האבען דארטען געטראגען געלד און אזוי ווי דער קעשיער, א געוויסער מר. ראלף ט. מאיער, איז געווען „א זעהר גוטער מענש", האט ער געהאט א גרויסע צאהל פערעהרער. נאך מעהר: ער האט קיין מענשען ניט געקענט ענטזאגען ווען מען איז געקומען אין באנק נאך געלד... ער האט געגעבען געלד צו מען האט געהאט גענוג געלד אין באנק, וועלכע זאלען דעקען די טשעקלאך וועלכע דעפאזיטארס האבען ארויסגעגעבען, צו ניט — ער האט אויסגעצאהלט די פאאר סענט. אויסער דעם האט ער געהאט גרויסע פריינד צווישען פאליטישענס, און גראדע איז איינער פון זיי געווען א סטייט ביינקינג קאמישיאנער און א צווייטער איז געווען מיט א צייט צוריק א סטייט אינשורענס קאמישיאנער. האבענדיג אזעלכע גוטע פריינד אויף זיין צעטעל, און וויסענדיג אז דער ביינקינג קאמישיאנער — דאס הייסט: דער בעאמטער וועלכער האט די אויפגאבע צו געבען אכטונג אז די ביינק פון דער סטייט זאלען פיהרען געזעצליכע ביזנעס און אז די דעפאזיטארס פון דער באנק זאלען ווערען געשיצט פון פערלוסטען — איז זיינער א אינטימער פריינד, טא ווי אזוי קען מען זיין ניט קיין פיינער מענש און זיין שלעכט צו מענשען? איז ער געווען גוט צו גאט און צו לייטען, און ער האט געגעבען געלד צו מענשען וועלכע האבען נאר געבעטען... קורץ, מיט עטליכע וואכען צוריק האט דער נייער סטייט בענקינג קאמישיאנער אבגעשטאטעט א בעזוך אין דער באנק, און — ער האט איהר געגעבען וואקיישאן... דאס הייסט: ער האט איהר צוגעמאכט, און פאר איינגאנג האט ער שוין אונטערזוכט די ביכער פון דער באנק, און ער האט אויסגעפונען אז אין דער באנק פעהלען צוויי מיליאן מיט נאהענט צו הונדערט מיט פופציג טויזענד דאלאר... דאן האט מען גענומען דעם קעשיער אויפ'ן צימבעל און ער האט ערקלעהרט אז אלעס וועט זיין אללרייט און אז מען דארף פאר קיין זאך קיין מורא ניט האבען... אזוי ווי מען האט איהם אבער געוואלט האבען נעבען זיך, האט מען איהם ארעסטירט און ער איז פערהאלטען געווארען אונטער פינף און צוואנציג טויזענד דאלאר בייל. פאר איין גאנג האט מען ארעסטירט דעם פרעזידענט פון דער באנק און א דירעקטאר פאר טהאן מאנקי ביזנעס און אויך זיי זיינען געשטעלט געווארען אונטער שווערע בייל ביז א ווייטערען פארהער.

ווייטער איז אויסגעפונען געווארען אז א געוויסער מר. אמבלער, דער געוועזענער סטייט אינשורענס קאמישיאנער, האט אנטליהען אין דער באנק ריעזיגע סומען געלדער און אז ער האט, מסתמא פאר דער גרויסער טובה, אריינגעלעגט אין דער באנק 402,000 דאלאר וועלכע האבען צו דער סטייט באלאנגט. עס איז אויך אויסגעפונען געווארען אז דער פריהערדיגער סטייט ביינקינג קאמישיאנער האט אויך אנטליהען גרויסע סומען געלד פון דער באנק; מען האט זיך אויך דערוואוסט אז דזשיימס דזש. באלאנד, פרעזידענט פון דער נויארק ניישאנאל אינשורענס קאמפאניע און פון די סענעקא פייער אינשורענס קאמפאניע, האט געטהאן גרויסע ביזנעס מיט דער באנק, און אז ער האט אנטליהען פון דער באנק ארום דריי מאהל הונדערט טויזענד דאלאר, און אז איינער פון די אונטערזוכער האט איהם א נאמען געגעבען „דער גרויסער קרוק" פון דער נארטה פען באנק; מען האט זיך דערוואוסט אז א קלוירק פון דער באנק האט ביי נאכט געפאקט געלד אין גרויסע זעקלאך און אז ער האט דאס אוועקגעפיהרט אין א מאשין, און ער און אנדערע קלוירקס האבען געלעבט ווי מיליאנערען מיט אויטאמאבילס און מיט אנדערע לוקסוס זאכען... און — אין קורצען, די „גוטע" באנק איז געווארען געשלאסען און הונדערטער ארימע מענשען האבען, ווי עס ווייזט אויס, זייער שווער פערהארעוועטע געלדער פערלארען, און זיי וויינען איצטער נאך די פאר סענט זייערע.

און אזוי ווי איהר מיינט געוויס אז אונזער סיטי מעיאר איז אן ארימאן, און אז ער האט אין דער באנק די פינף און צוואנציג טויזענד דאלאר געהאט, האט ער יעצט מעהר קיין האפנונג ניט דאס געלד ארויסצוקריגען — איז אייער מיינונג ניט קיין ריכטיגע; איהר האט פשוט ניט געטראפען. דער סיטי מעיאר ווייסט וואו צו האלטען זיינע פאאר סענט... פרעגט זיך אלזא: ווי אזוי האלט ער דאס געלד אין פארלירען? אט קומען מיר דערצו:

איהר דארפט ניט פארגעסען אז אונזער סיטי מעיאר, איז אויסער דער העכסטער שטאדט בעאמטער, אויך א גרויסער ביזנעסמאן. ער איז אויך א אינשורענס איידזשענט... דאס הייסט: ער האט א באנד איידזשענסי וועלכע טהוט ביזנעס פאר א ניו יארקער קאמפאניע, און א דאנק גאט, ער האט גוטע ביזנעס; אזוי ווי ער איז א סיטי מעיאר גיבען איהם אלע א טשענס". גרויסע קארפאריישאנס נעמען ארויס באנדס פון זיין קאמפאניע, און אזוי ווי אונזער סיטי מעיאר באזיצט דעם געפיהל פון דאנקבארקייט, טהוט ער זיי מסתמא אפ פון צייט צו צייט, א טובה'לע; ווידער זיינען דא אין פילאדעלפיא הונדערטער בעאמטע פון דער שטאדט וועלכע האלטען פאראנטווארטליכע שטעלען און זיי דארפען געבען באנדס, ווייל אהן דעם קענען זיי די פלעצער ניט אנהאלטען. טא וועמען גיט מען א „טשענס" ווען ניט דעם סיטי מעיאר? קורץ, אונזער העכסטער בעאמטער פון שטאדט וועמען די בירגער האבען אנפערטרויט זייערע אינטערעסען, האט געקריגען פון דיזע קוועלען ארום פינף אדער זעקס מיליאן דאלאר אין ביזנעס, און אזוי ווי דער סיטי מעיאר האט ניינציג פראצענט סטאק אין דיזער קאמפאניע, אדער איידזשענסי, האט ער, ווי מען קען זעהן, געמאכט א גאנץ פיינעם לעבען אויסער דעם געהאלט וואס ער קריגט פון דער שטאדט, און איהם איז גוט און וואויל אין אמעריקא.

אלזא, ווייטער: אזוי ווי אנגעשטעלטע פון דער נארטה פען באנק האבען אויך געדארפט האבען באנדס אום אנצוהאלטען זייערע פלעצער, האבען זיי זיך געווענדעט צום סיטי מעיאר'ס באנד קאמפאניע און ער האט געגעבען באנדס פאר מאנכע פון זיי פאר פינף און צוואנציג טויזענד דאלאר. אזוי ווי די אנפערטרויעטע מענשען זיינען לײדער ניט געווען זעהר פערטרויענסווערטה, ווי מען קען זעהן פון דער „סומקע" וועלכע פעהלט אין דער באנק, וועט דאס דער סיטי מעיאר אונזערער, ווי עס ווייזט אויס, מוזען עס דעקען, ווייל זיין קאמפאניע האט דאך גוט געזאגט פאר זייער עהרליכקייט...

און — ענטשולדיגט לעזער, איך האב זיך באלד פארגעסען וועגען א וויכטיגען ענין אין באצוג צום סיטי מעיאר, זיין קאמפאניע און אין בעצוג צו די געזעצע פון סטייט, אבער עס איז אינטערעסאנט אז איהר זאלט וויסען וועגען דעם.

אין פענסילווייניא איז דא א געזעץ אז קיין סטייט אדער שטאדט בעאמטער טאר ניט אויסנוצען זיין אמט פאר פערזענליכע פראפיטען. אונזער סיטי מעיאר נוצט יא זיין אמט אויס פאר פערזענליכע פראפיטען, ווייל ער טהוט ביזנעס מיט קארפאריישאנס א. ז. וו. ווען די קארפאריישאנס טהוען איהם א טובה מוז ער, דער סיטי מעיאר זיי דאך אויך א טובה אבטהאן; מען קען דאך קיין חזיר ניט זיין... עס הייסט אלזא, אז אזוי ווי ער איז דער בעל הבית איבער די שטאדט קאנטראקטען, קען ער, אום אבצוטהאן א טובה, זיך פערקוקען ווען עס איז אין די אינטערעסען פון זיינע פריינד, די

דער לעצטער קאמפף

פון דזשוליעט סטוארט פאינטץ

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 5, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

„האמפטי דאמפטי איז אויף א
וואנט געזעסען; ארונטערגעפא־
לען איז האמפטי דאמפטי; דעם
קעניג'ס אלע פערד און אלע מע־
נער האבען ניט געקענט האמפטי
דאמפטי'ן צוזאמענשטעלען וויע־
דער".

די דאזיגע קינדער־ליעדעל גיט דאס בעסטע בילד פון דעם צושטאנד פון דער עקאנאמישער וועלט אין דעם איצטיגען מאמענט. די מעלאנכאלישע נביאות, וואס לארד לענסדאון האט געמאכט מיט א צייט פריהער איידער די מלחמה האט זיך געענדיגט, זיינען מעהר ווי מקוים געווארען. ווען דיעזער אלטער דיפלאמאט און שטיצע פון דער געזעלשאפט איז ארויסגעקומען מיט זיין פריעדענספארשלאג אויפ'ן גרונד, דאס אויב די מלחמה וועט ווייטער פארטגעזעצט ווערען וועט די עקזיסטירענדע ארדנונג רואינירט ווערען, איז ער קריטיקירט און אויסגעלאכט געווארען פון זיינע נאהענטסטע פריינד צווישען די רעאקציאנערען. אבער אין דער ווירקליכקייט איז ער נאר געווען קליגער און ווייטזיכטיגער פון די אנדערע. יעצט זעהען מיר טאקע ארום זיך אן אונגלויבליכען ספעקטאקעל פון רואינע און דורכגעפוילטקייט. אלוועלטליכע ארבייטסלאזיגקייט, אלוועלטליכער הונגער, אלוועלטליכער שטילשטאנד!

די מלחמה האט ניט בלויז פארשארפט דעם קאמפף צווישען די ארבייטער און די באזיצער אין יעדער נאציאן. זי האט אריבערגעטראגען דיעזען קאמפף אין דער אינטערנאציאנאלער ספערע. דער קאמפף צווישען די גרויסע אימפעריאליסטישע מעכטע, פון איין זייט, און אינטערנאציאנאלער ארבייט, פון דער אנדערער זייט, פאנגט זיך ערשט אן. ווען די ארבייטער פון איין נאציאן נאך דער אנדערער פארכאפען די אלערהעכסטע מאכט, געפינען זיי אויסגעשטעלט אנטקעגען זיך אלע אנדערע נאציאנען, אין וועלכע די מאכט ליעגט נאך אלץ אין די הענד פון קאפיטאליסטען. פאר דער מלחמה האבען צוויי גרויסע אימפעריאליסטישע גרופען געקעמפפט צווישען זיך צוליעב רויהע מאטעריאלען, קאלאניעס, אויסלענדישען האנדעל, אויסלענדישע אינוועסטמענטס, ספערען פון איינפלוס און אלע אנדערע פונקטען אום צו קאנטראלירען אזיע, אפריקע, סאוטה אמעריקא און אנדערע אונענטוויקעלטע טיילען פון דער וועלט. צווישען די ים־מעכטע מיט דער בריטישער אימפעריע בראש און קאנטינענטאלער אייראפא מיט דייטשלאנד בראש איז אנגעגאנגען א שטרייט פאר גאלד און מאכט, וואס האט ענדליך געבראכט צו דער שרעקליכער קאטאסטראפע פון דער מלחמה. אין דיעזען קאמפף איז איינער פון דיעזע אימפעריאליזמען אומגעשטירצט געווארען. צענטראל אייראפא האט שוין פארלארען דעם חשק זיך געגענצושטעלען די וועסטליכע מעכטע פאר דעם עקאנאמישען קאנטראל פון דער וועלט. זי ליעגט יעצט מאכטלאז, ערשעפט, בארויבט פון איהר רייכטום אין אייראפא און אין פרעמדע לענדער, אפגעשניטען פון וועלט־האנדעל און רויהע מאטעריאלען וואס וואלט געקענט זיין דער באזיס פון צוקינפטיגען רייכטום אדער זאגאר פון עקזיסטענץ, אהן גאלד אדער קרעדיט מיט וואס צו קענען קויפען שפייז פאר איהרע הונגערענדע מאסען. דער אימפעריאליסטישער קאמפף איז אריבערגעטראגען געווארען אויף א נייעם באזיס. יעצט איז עס א קאמפף פאר וועלט־קאנטראל צווישען דעם וועסטליכען אימפעריאליזם און די ארבייטער. אויף דעם ארט פון דער אלטער פעאדאלער און אינדוסטריעלער מאכט פון צענטראל אייראפא געפינט זיך איצט א נייע סאציאלע מאכט, וועלכע שרעקט די וועסטליכע מעכטע נאך מעהר.

די אויפגאבע פון די וועסטליכע מעכטע איז באמת אן אונגעהייערע. די קאמבינאציעס פון פינאנציעלע אינטערעסען, וואס שטעהען הינטער די רעגירונגען פון גרויס בריטאניע, פראנקרייך, די פאראייניגטע שטאאטען און די קליינע שטאאטען, וועלכע עסען פון זייער האנד ארויס, האבען פאר זיך א גיגאנטישע ארבייט. דיעזע ארבייט איז צווייפאך. מיט איין האנד שטוקעווען זיי צוזאמען אין דער אייל א קאמבינאציע צו קאנטראלירען דעם וועלט־האנדעל. ניט פארגינענדיג איינם דאס אנדערע, זעהען זיי אבער איין, אז זייער איינציגער שאנס ווייטער צו בלייבען עקזיסטירען, איז דורך העלפען איינם דאס אנדערע, — אבוואהל דער נסיון צו קאנקורירען צווישען זיך איז צו גרויס אום איהם צו האלטען אין צאהם אויס פארזיכטיגקייט. און א ווילדער געיעג פאר קאנטראל פון ים, מאנאפאל פון שיפען און וועלט־האנדעל, בויען נייע האנדעלס־פלאטען געהט אן צווישען ענגלאנד און אמעריקא, וועהרענד פראנקרייך, וועלכע איז צו ערשעפט עקאנאמיש אנטייל צו נעהמען אין דעם דאזיגען געיעג, שטעהט דערנעבען אום צו כאפען די ברעקלעך, וואס פאלען פון דעם רייכען מאן'ס טיש. גרויסע קארפאריישאנס ווערען איצט ארגאניזירט מיט די פראפיטען, וואס זיינען געמאכט געווארען פון אמוניציע און אנדערע געצייג פון אויסשלאכטונג און פארניכטונג. דער צוועק פון דיעזע נייע גרופען, וועלכע שליסען איין זיך איין די גרעסטע באנקירען און וועלכע געפינען זיך אונטער דער אנפיהרערשאפט פון אזעלכע פולווער־מאנופעקטשורערס ווי די דיו פאנטס, איז צו פארכאפען אויסלענדישע מערק, הויפטזעכליך אין אזיע און סאוטה אמעריקע, און צו אינוועסטען זייערע אונעהרליך־פארדיענטע ריווחים אין מיינס, אייזענבאהנען, באוועל־ און גומי־פלאנטאציען, וואו די געבירטיגע קענען עקספלואטירט ווערען.

אין דער צייט ווען דער געיעג נאך מערק און האנדעל געהט לוסטיג אן, געברויכען די זעלבע קרעפטע זייער צווייטע האנד צוריקצוהאלטען די פארווערטס־געהענדע ארבייטער־מאסען. ווי קענען זיי דאס דערגרייכען? אין זייערע אייגענע לענדער שטעלען זיך די אימפעריאליסטען ניט אפ פון געברויכען די סאמע עקסטרימסטע מיטלען אום צו דערדריקען דאס פאלק. זייערע פיהרער ווערען געווארפען אין געפענגנים און הינגעריכטעט, די ארגאניזאציאנען פון די מאסען ווערען פארבאטען און צובראכען, זייערע אינסטיטוציעס ווערען פארניכטעט און די פונדאמענטאלע רעכטע פון פרייער רעדע, פרייער פרעסע און פרייער פארזאמלונג ווערען ציניש איגנארירט. אין דעם קריטישען מאמענט ווארפט דער אימפעריאליסטישער קאפיטאליזם אוועק יעדע פרעטענזיע צו ליבעראליזם, וועלכען ער האט זיך געקענט פארגינען צו אונטערשטיצען אזוי לאנג ווי זיין מאכט איז געווען די העכסטע. די פרייהייטען פון פאלק ווערען איגנארירט אונטער דער נייער דיקטאטור פון מאמאן. אזא טאקטיק איז לייכט אין אזעלכע לענדער, וואו געלד איז דער אלערהעכסטער הערשער, ווי אין די פאראייניגטע שטאאטען, און וואו די ארבייטער זיינען נאך ניט ערוואכט און ארגאניזירט. אין פראנקרייך איז דאס שווערער, אבער די עקאנאמישע און גייסטיגע ערשעפונג פון די מאסען מאכט דאס מעגליך. אין גרויס בריטאניע קען דאס דערגרייכט ווערען נאר דורך די נידריגסטע מעטאדען פון פאליטישען שווינדעל, וואס קען ניט לאנג גילטען.

אבער עס איז אויפ'ן אינטערנאציאנאלען פעלד, וואו דער אימפעריאליזם געפינט זיינע גרעסטע שטערונגען. וועהרענד ער קען אויסאיבען זיין קאנטראל אין זיינע אייגענע נאציאנען דורך פארכאפען די רעגירונגס־מאשינערי, קען אבער דיעזע מעטאדע ניט געברויכט ווערען ווען גאנצע נאציאנען ערהייבען זיך געגען דער נייער טיראניי. וואס בלייבט צו טאן? פשוט — צו באשאפען א נייע אינטערנאציאנאלע רעגירונגס־מאשינערי, וועלכע זאל קענען קאנטראלירען אלע נאציאנען אין די אינטערעסען פון אימפעריאליזם. דאריבער — די ליגע אוו ניישאנס. דאס איז געווען דער גרויסער איינפאל אום צו פארזיכערען דער זיעגרייכער גרופע פינאנסירער א מאנאפאל פון מאכט אין דער צוקונפט. צום אונגליק פאר די רעאקציאנערען האט עס גענומען א היבשע צייט, פאקטיש כמעט א יאהר, צו באקומען די הסכמה צו דער ליגע אוו ניישאנס פון די צדדים אין דיעזען פלאן און ביז זי זאל קענען אנהויבען טאן איהר ארבייט. אין משך פון דיעזער צייט איז אן אינטערנאציאנאלע דיקטאטור, אהן שום ענטשולדיגונג, אהן דער מינדעסטער פרואבע זיך צו רעכטפערטיגען, איינגעפיהרט געווארען, וועלכע האט פארשפרייט דעם ווייסען טעראר איבער יעדען לאנד. בריטישע סאלדאטען ביים קאספישען ים, אין ארכאנגעלסק, אין סיביר, אין אינדיע, עגיפטען און אירלאנד; אמעריקאנער סאלדאטען אין סיביר, רוסלאנד און אין נאהענטען מזרח; פראנצויזישע סאלדאטען אין נארטה אפריקא, סיריע; פוילען און אונגארן ווערען געצוואונגען אויפצוהאלטען די וואקלענדע טיראניי פון גאלד. זייענדיג אליין פון די מאסען, זאגען זיי זיך גאנץ אפט אפ נידערצושיסען זייערע ברידער. אבער ווען די ווייסע ראסען ציהען זיך צוריק, ווערען די שווארצע ראסען געצוואונגען צו פארנעהמען זייערע פלעצער. וואס פאר אן אנזאג פאר דער צוקונפט עס איז דאס, וואס די פראנצויזען האבען געשיקט נעגען דער אונגארישער ארבייטער־רעפובליק די ווילדע שווארצע פון סענעגאל. מיר גלייכען ניט די איטיזיכט, דאס די ווייסע ראסען פון דער וועלט זאלען פארשקלאפט ווערען פון א קאמבינאציע פון זייערע אייגענע קאפיטאליסטען מיט די שווארצע ראסען. אזוי ווייט האבען מיר שוין דערגרייכט!

כדי צו מאכען דאס בילד אנזיכטבארער, לאמיר הערען פאר א מאמענט ווי אזוי הענרי בארבוזי, א פראנצויז, באשרייבט די סענעגאלעזער אין זיין באשרייבונג פון דער מלחמה „אונטער פייער“:

„אפריקאנער!'

„זיי מארשירען פארביי מיט רויט־ברוינע, געלע אדער קאשטאן פנים'ער, זייערע בערד זיינען שיטער און וויך אדער געדיכט און געקרייזעלט, זייערע מונדירען געל־גרין, און זייערע שמוציגע קיווערס האבען אויף זיך די האלבע לבנה אנשטאט אונזער גרענאדע. זייערע אויגען זיינען אזוי ווי קוילען פון הארטע האלץ אדער שטיין, וועלכע שיינען ארויס פון פנים'ער, וואס זעהען אויס ווי נייע פעננים, פלאכע אדער קאנטיגע. דא און דארטען, פאר דער ליניע, ציהט פארביי די קויהל־שווארצע מאסקע פון א סענעגאלעזער שנעל־שיסער. הינטער דער קאמפאניע געהט א רויטער פלאג מיט א גרינער האנד אין מיטען.

„שטיל באטראכטען מיר זיי. מען פרעגט זיי קיין פראגען ניט, זיי רופען ארויס רעספעקט און זאגאר אביסעל מורא.

„פונדעסטוועגען זעהען דיעזע אפריקאנער אויס לוסטיג און אין א גוטער שטימונג. געוויס, זיי געהען צו דער ערשטער ליניע. דארט איז זייער פלאץ, און זייער פארבייגעהען איז דער סימן פון אן אטאקע, וואס דארף באלד געמאכט ווערען. זיי זיינען ווי געבארען פאר דער אפענסיווע . . .“

מיר רעדען פון די כאראקטעריסטיקען פון דיעזע אפריקאנער — פון זייער ווילדקייט אין דער אטאקע, פון זייער פארצוקענדער ליידענשאפט צו ארבייטען מיט'ן באיאנעט, זייער ליעבע ניט אפצולאזען דעם קאמפף אויף א מאמענט. מיר דערמאנען זיך די מעשיות, וואס זיי אליין דערציילען גערן, מיט די זעלבע ווערטער און מיט די זעלבע גרימאסען. זיי הויבען אויף זייער געוועהר איבער זייערע קעפ: „קאמעראד, קאמעראד!“ „ניין, ניט קיין קאמעראד!“ און אין פאנטאמימע גיבען זיי א שטופ דעם באיאנעט פארווערטס און ציהען עס גלייך צוריק מיט דער הילף פון א פוס.

„פאקטיש זיינען זיי די ריכטיגע סאלדאטען, — זאגט דער פראנצויזישער סאלדאט. — מיר זיינען ניט קיין סאלדאטען; מיר זיינען נאר מענער.“

אינדיע איז דער הויפט פראבלעם פאר דעם בריטישען אימפעריאליזם אין אזיע. כדי צו האלטען פריי דעם וועג קיין אינדיע, מוז גרויס בריטאניע זיין דער הערשער איבער די ימים און ספעציעל איבער דעם מיטעללענדישען ים. א דעמאקראטישע עגיפטען וואלט ניט נאר בארויבט דעם ענגלישען קאפיטאל פון א רייכען באוועל־וואקסענדען לאנד און פון א פאקטאר אין דעם קאנטראל פון גאנץ אפריקא, נאר וואלט אויך געשטעלט אין געפאהר דעם וועג קיין אינדיע. און דעריבער מוזען דערשאסען און פארשפארט ווערען אין געפענגנים די עגיפטער, וועלכע דעמאנסטרירען פאר זעלבסט־באשטימונג; זייערע ארגאניזאציאנען מוזען פארניכטעט ווערען און דאס פאלק מוז רעגירט ווערען אונטער א רעזשים פון קריעגס־צושטאנד. אויך אין אראביען און אין נאהענטען מזרח מוז די בריטישע פאליטיק געפינען פריינדליכע רעגירונגען, וואס זאלען באשיצען דעם צוגאנג צו אינדיע, וועהרענד אויף דער באריהמטער באטון־באקו ליניע, וואס איז געווען די סמעטענע פון דעם דייטשען אימפעריאליזם, פארנעהמען איצט בריטישע סאלדאטען זייער ארט אום צו פארמיידען, אז דער רוסישער באלשעוויזם זאל זיך פארשפרייטען צו די מאסען פון אינדיע. דער לעצטער און איבערראשענדסטער פארשלאג איז צו געבען די פאראייניגטע שטאאטען א מאנדאט אין טערקיי און ארמעניע, אויף אזא אופן פארפלאנטערענדיג איהר האפנונגסלאז אין דער פאליטיק פון דעם נאהענטען מזרח, וואס איז פאר יאהרצעהנדליגע געווען דער ארט פון וועלכען אינטערנאציאנאלע מלחמות זיינען ארויסגעוואקסען, און מאכענדיג איהר פון דער צווייטער זייט א באשיצער פון די דעספאטיזמען אין אינדיע און עגיפטען און די אנדערע קרימינעלע אונטערנעהמונגען פון דער פאליטיק פון נאהענטען מזרח. אין אינדיע אליין ווערען די עקסטרימסטע אונטערדריקונגס־מיטלען אנגעווענדעט, וועהרענד די גאנצע פאליטישע צוזאמענשטעלונג פון אזיע ווערט יעצט איבערגעמאכט אין די אינטערעסען פון בריטאניע.

פונקט אזוי שעדליך פאר דעמאקראטיע איז די פאליטיק פון דער ליגע אוו ניישאנס אין צענטראל אייראפא. אונטער דעם איינפלוס פון דער הייליגער אליאנץ, וואס איז געשאפען געווארען אין פאריז, קענען די האהענצאלערנס, האבסבורגס און ראמאנאווס נאך צוריקגעווינען זייערע ערטער. דער ציעל פון דעם זיעגרייכען אימפעריאליזם פון דער וועסט איז די עקאנאמישע פארניכטונג פון די פעלקער פון צענטראל אייראפא, און די נאטירליכע ספאזמען פון גרויסע פעלקער אין זייער גסיסה וועט אהן רחמנות אונטערדריקט ווערען פון דער קאמבינאציע פון די וועסטליכע מעכטע, אין דער צייט וואס דער עקאנאמישער באיקאט נעגען זיי ווערט פארטגעזעצט. א פארצווייפעלטערען און ציניגשערען פלאן פון וועלט באהערשונג איז נאך קיינמאל פון מענשען ניט אויסגעארבייט געווארען.

וואס דארף זיין די פאליטיק פון די ארבייטער אונטער אזעלכע באדינגונגען? דער קוק פון דער ארבייטער־באוועגונג פון גרויס בריטאניע, פראנקרייך און איבערהויפט פון די פאראייניגטע שטאאטען מוז שנעל אינטערנאציאנאליזירט ווערען. טרייד יוניאנס קענען מעהר ניט עקזיסטירען בלויז פאר העכערע שכירות און קירצערע שטונדען, אדער זאגאר, ווי לעאן דזשוהא, דער פרעזידענט פון דער פראנצויזישער קאנפעדעראציאן פון ארבייט האט זיך ניט לאנג אויסגעדריקט, צו רעארגאניזירען די אינדוסטריען אין זייערע אייגענע לענדער. זיי מוזען זעהן דעם ארבייטער־פראבלעם ניט אלס א נאציאנאלען נאר אלס אן אינטערנאציאנאלען פראבלעם. זיי מוזען קעמפפען ניט בלויז אום צו רעטען זיך נאר אום צו רעטען די ארבייטער פון דער וועלט. דער אונטערהערטער פריעדענס־אפמאך און די ליגע אוו ניישאנס, וועלכע זיינען פארפאסט געווארען אין פאריז אום צו באשיצען דעם אינטערנאציאנאלען קאפיטאל, מוזען צוריקגעוויזען ווערען האק און פאק. ארבייט מוז, מעהר ווי ווען עס איז פריהער פראקלאמירען איהר אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט. די ליידענדע מאסען פון אייראפא אפעלירען צו זייערע ברידער פון דער וועסטליכער וועלט נאך הילף. זאל זייער געשריי ניט פארבייגעהן אונגעענטפערט. אין די ווערטער פון בערטראנד ראסעל: „די ארבייטער באוועגונג מוז אדער זיין אינטערנאציאנאל אדער פארוואורטיילט ווערען צו אייביגען דורכפאל; זי מוז באזיעגען אמעריקא אדער זיך אפזאגען פון ערפאלג אין אייראפא ביז דער גאנץ ווייטער צוקונפט . . . עס איז א זעהר וויכטיגע פראגע; אן דעם ענטפער אויף דיעזער פראגע הענגט אפ די צוקונפט פון דעם מענשליכען מין.“

...עם מיט אייפער, וועסטו זיך שטענדיג מיט באזונ־
...טערעס אפשטעלען אויף די מיטלען, וואס אינטערע־
...אם מייסטען. איך וועל אויפשרייבען א דיסער־
...ען מיין געגענשטאנד. און דאמאלט... דאמאלט וועט
...יידען צי איך בין פעהיג, צי איך טויג צו עפּעס.
...אטער האט געענטפערט:
...בין זעהר צופרידען, וואס דו ביסט פול מיט מוט.
...אז דו וועסט פילעס דערגרייכען.... אבער, אבער...
...נאבט, עדוארד, דו האסט א גוט הארץ, דו האסט א
...נשמה. יע, צערטליכע נשמות האבען מיר ביידע,
...ו. דו וועסט פיעל דערגרייכען, ווען דער אומעט
...נגווייליגקייט פון לעבען און טאג־טעגליכע דאגות
...ניט באהערשען. ווארום, ווי א מענש זאל ניט זיין
...ז ער ווערען גרוי, צובראכען, ארעם, אויב איהם
...פון יאהר צו יאהר און פון טאג צו טאג צו זיין
...ון שלעפּען דעם יאך. דערפאר, מיין אינגעל, היט
...פארהייראטען לעבען... היט זיך פאר זיין וואכע־
...אראנטווארטליכקייט און פאר זיינע דאגות. היט
...ל דאס זאגען אפעו, פאר פרויען. ווארום, אויב דו
...זוכען, — וועט זיך צווישען זיי געווים איינע גע־
... וועט דיך באצויבערען מיט איינע פון די אומצעה־
...ען, וואס זיי האבען שטענדיג גרייט ביי זיך, ווען
...אר פאנגען אן עהרליכען און עמפּפינדליכען מענשען".
...ומימע איז געווארען העכער:
... זיך אויפצוהויבען אין דער הויך, מוז א מאן זיין
...ם איז אמת. דאס איז שטענדיג אזוי געוועזען.
...די אריגינעלסטע פארשער, וואס די געשיכטע ווייס
... וועגען אלע גרויסע גייסטליכע און מאנאכען פון
...ן, ווען די קירך איז געווען פול מיט קאמפף. לעז
...גרויסע פאעטען און נביאים. די שטילקייט, וואס
...ארומערינגעלט, האט זיי געגעבען די מעגליכקייט
...ען אין זייער הארץ די גאנצע וועלט. אזוינע איי־
... נשמות דארפען פארבלייבען איינזאם. עס וועקט
... שטענדיג אויף א כעס, זייער נשמה ווערט אויפ־
...ט, ווען א צווייטען מענש ריהרט זיך צו צו זיי. איינ־
...ז זייער נאטור. זיי קענען זיך קיינמאל מיט איהר
...ען. עס פארפאלגט זיי אפילו אין זייער פארהיי־
...ען. עס וועהט פון זיי מיט קעלט. זייערע פרויען
... ציטערען, ווען זיי דערנעהנטערען זיך צו זיי. זייער
... א גוטע און אן עדלע, אבער זיי ווערען פאר־
...ין ווילדע חיות, ווען זיי ווערען געשטערט אין זייער
...ינען זיך נוקם, זיי פארשפרייטען קעלט און ליידען".
...אב זיך איינגעהערט צום פאטער'ס רעד. אביסעל
...אב איך געפרעגט:
... דען דער גרויסער פארשער און נביא פיינט דאס
...פאטער האט א ווילע געטראכט איידער ער האט
...:
...ט האבען דאס לעבען? א, ניין, זיין האבען ליעב
..., וואס האט אין זיך טויזענדער שאטירונגען און
...ווי האבען ליעב דאס שעהנע און גרויזאמע, גוטע
...ע לעבען. און דערפּי:ר טאקע, וואס ער האט ליעב
..., האט ער פיינט יענעם סארט לעבען, וואס עס
... מענשען: א געשמאקלאזי וואכעדיג לעבען, פול
...מינע קליינינקייטען. זיין נשמה שטרעבט צו דעם
...צו דער שטילער פרייד פון ארבייט, צו דער הער־
...פורכט פאר'ן לעבען. זיינע ווערק זיינען קיינמאל
...וכט פון שקלאפּישער ארבייט. ער זוכט ניט צו
... זיין ארבייטסטאג. אפטמאל זיצט ער די גאנצע
...יין ארבייט, ניט קוקענדיג, וואס ער האט זיך פאר
...ען נאך אין דערפריה. ער מיידט ניט אויס ניט
... אינסטינקטען און ניט די ליידענשאפטען פון לע־
...אט ליעב די ליידענשאפט, ווייל זי איז אויך פול
.... דערפאר, מיין זוהן! אויב איך וועל געוואר
... דו פיהרסט צייטענווייז אן אייזנגלאסען לעבען,
...מיך זעהר ווייניג ערגערען. ווארום, ווען דו וועסט
...שטורמיש לעבען, וועט דיך שטענדיג באגלייטען די
...ט. עס איז נאך מעגליך, אז די ליידענשאפט זאל
...יפער מאכען דיין איינזאמקייט. אבער, ווען איך
... ווערען, אז עמיץ וויל זיך אויף אייביג ארייגרייסען
...בען, וועל איך זיין זעהר טרויעריג. און ווייל איך
...ין דער הינזיכט זיינען אלע פרויען גלייך: זיי
...יך אנהאלטען אויף שטענדיג דעם מענשען, וואס זיי
..., אפילו ווען דאס זאל פיהרען צו זיין אונטערגאנג
... זאג איך דיר: פארטיידיג זיך מיט אזא געווער,
...דיר קיינמאל ניט פערראטען. פארטיידיג זיך מיט
...יט צניעות, מיין זוהן. געה דורך די שטרענגע שול
... בלויז די צניעות אליין לעבט אין די הויכע, שוויי־
...לען. אטמענדיג איהר אטעם, וועסטו קענען טראכ־
... דיין נאט: וועגען דעם געהיימען און אייביגען

— — — — — — — — — — — — —

...לץ האב איך מסתמא פארשטאנען פון דעם, וואס
...ערדט צו מיר מיין פאטער, איך בין דאך געווען אזוי
...ר איך האב איהם אויפמערקזאם אויסגעהערט.

עפּעס א ליידענשאפט איז געווען באהאלטען אונטער זיינע רעד. ער האט מיט אזא אינערליכער קראפט ארויסגערעדט זיי־נע ווערטער, אז דינע באקען האבען זיך פארדויטעלט. מיר האט זיך געדאכט, אז ער האט ארויסגערעדט געדאנקען, וואס האבען איהם פון לאנג פארנומען. מיר האט זיך געדאכט, אז זיינע ווערטער האבען געהאט א שייכות מיט זיין אייגען לעבען.

.4

אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען בין איך אפט געווען ביי איהם. קיינמאל זיינען אונזערע באציהונגען ניט געווען אזוי הארציג. ווי אין יענער צייט. ער איז געווען אזוי גוט. ווען איך דערמאן זיך אן איהם, וואכט אויף אין מיר א געפיהל פון דאנקבארקייט. איינמאל אין אן אווענט זיינען מיר גע־זעסען און גערעדט וועגען מיין צוקונפט. איך האב איהם גענאגט מיט וואס איך האב זיך אין יענער צייט פארנומען. איך האב איהם דערצעהלט וועגען געוויסע פראבען וואס איך האב געמאכט פאנאנדערצוקלייבען זיך אין אלטע עגיפּטישע קוועלען.

אויפמערקזאם האט ער זיך צו מיר צוגעהערט. באזונ־דערס, — ווען איך האב איהם ערקלערט די אורזאכען, ווא־רום איך בין ניט געווען איינפארשטאנען מיט געוויסע געלערטע וועגען דעם אורשפרונג פון א דאקומענט — א מאראל־פילא־זאפיש ווערק, וואס האט געשטאמט מיט אכצעהן הונדערט יאהר פאר אונזער צייט־רעכנונג.

ער איז א געוויסע צייט געזעסען שווייגענדיג. איך האב געזעהן, ווי ער איז געווען צופרידען פון מיין אייפער און מיין געוואגטקייט. דערנאך האט ער ארויסגערעדט:

„פיין, יונג מיינער, פיין!"

א ווײלע שפּעטער האט ער צוגעלייגט:

„אמאל האסטו מיר געזאגט, אז דו קלייבסט זיך צו געבען שטונדען, כדי צוזאמענצוקלייבען אביסעל געלט. נו.... איך קען דיר זאגען.... אז צום גליק קענסטו רעכענען אויף א גע־וויסער הילף, אויב דו וועסט זיך נויטיגען. פארשטעהסט, זוהן, אז פון דיין געבורט אן האב איך זיך ארומגעטראגען מיט איין איינציגען געדאנק. אין דער צייט, וואס איך האב גע־ארבייט און געזעהן, אז אלע מיינע חלומות צורינען, האט בלויז דער געדאנק מיך פארנומען, דאס איז דער חלום, אז מיין זוהן וועט דערגרייכען דאס, וואס איך האב אנגעהויבען, אז מיין זוהן וועט זיין מיין פארטזעצער".

דער טאטע האט זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאנגען צו זיין קעסטעל און עפּעס ארויסגענומען פון איהם. ער איז צוריקגעקומען צו מיר מיט א קליין ביכעל אין דער האנט. ער האט עס געעפענט. איך האב דערזעהן, אז דאס איז א באנק־ביכעל. ער האט אנגעוויזען אויף דעם דאטום, ווען ער האט דאס ערשטע מאל אריינגעלייגט געלט. איך האב זיך ניט גע־קענט איינהאלטען פון צו לאכען. דאס ביכעל איז אלט גע־ווען פונקט וויפיעל איך.

מיט א זאנדערבארער געפיהל האב איך דאס ביכעל גענומען אין האנט און געגומען עס איבערבלעטערען. איך האב גע־זעהן די פינקטליכקייט, מיט וועלכער ער האט געטראגען דאס געלט אין באנק אריין. ער האט אריינגעטראגען אין דער באנק אריין קליינע סומען ביז דער לעצטער צייט. עס איז צוגעקומען פראצענט און פראצענט אויף די פראצענטען. איצט איז די סומע געווען א גאנץ באדייטענדע, איז געווען אין די פיער ציפערען.

„אט זעהסטו אליין, — האט ער געזאגט, — „איך האב אנגעקליבען אביסעל געלט. די סומע איז אן אומבאדייטענדע, אבער דאך וועט עס זיין פאר דיר א געוויסע הילף. דער באנק, וואו דאס געלט ליגט, איז א זיכערער, זאל עס ליגען דארט אזוי לאנג, ביז דו וועסט עס נויטיג דארפען".

ער האט צוריקגעלעגט דאס ביכעל אין קעסטעל אריין.

אט איז אנאנדער ביישפּיעל פון זיין גוטסקייט. איך געדענק איהם פונקט אזוי קלאר ווי דעם, וואס איך האב נאר־וואס דערצעהלט.

דעם פאטער'ס פאדערונגען זיינען געווען זעהר בא־שרענקטע. אבער ער האט געהאט איין שוואכקייט: טאבאק. אין דער הינזיכט איז ער ממש געווען א נאשער. פארשטעהט זיך, אז ער האט גערויכערט בילינגע טאבאק. אבער קיינער האט ניט געקענט אזוי הנאה האבען פון א גוטען סיגאר, ווי ער. דער קרעמער, ביי וועמען מיר האבען דאס גאנצע יאהר גע־קויפט, האט עס געוואוסט. צו יעדען ווייהנאכטען האט ער געשיקט א שאכטעל גוטע סיגארען אלס דאנקבארקייט וואס מיר האבען איהם געגעבען אזויפיעל צולייזען דעם פארגאנגע־נעם יאהר. איך געדענק נאך ביז'ן היינטיגען יאהר דעם אויס־דרוק פון פאטער'ס געזיכט, ווען ער האט געעפענט דאס שאכ־טעל און איינגעאטעמט דעם פיינעם ארעמאט. דאס איז גע־ווען פאר איהם אמת'ער ווייהרויך. און ווען ער האט פארזיכ־טיג אפגעשניטען די ענדע פון איינעם פון די סיגארען און פארצוינדען זי, האט מען געקענט זעהן, אז ער האט הנאה פון'ם לעבען!

זארגפעלטיג האט ער זיך באציגען צו דעם שאכטעל סי־גארען. ער האט אויסגערעכענט, אז די סיגארען זאלען איהם קלעקען אויף א גאנץ יאהר. ער האט זיך באגוגענט מיט איינעם אדער צווי סיגארען א וואך.

(פארזעצונג קומט).

וואס הערט זיך אין דער טשילדרענס דרעסמייקערס יוניאן לאק. 50?

פון ה. גרינבערג.

מיט דער ערוועהלונג פון א נייעם עק־זעקוטיוו באארד, האט זיך אנגעפאנגען א נייע טעטיגקייט אין דער טשילדרענס דרעס מייקערס יוניאן, לאק. 50. הויפט־זעכליך, זינט דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און די באסעס אססאסיאיישאן אין דעם טרייד איז אפגעבראכען געווארען, און די יוניאן פארהאנדעלט שטרייטיג־קייטען מיט יעדען מאנופעקטשורער באַ־זונדער. אונזערע מיטגלידער ווייסען שוין דאס פון לאנג. פאר אנדערע אבער, וועט זיין א נייעס צו הערען, דאס די אססאָ־סיאיישאן אין דעם פאך האט אפגעבראַ־כען דעם קאלעקטיווען אגרימענט ארום דעם 18טען דזשון, 1919.

די מיטגלידער פון דער באסעס אסס'ן באהויפּטען, אז זיי האבען געבראכען דעם אגרימענט ווייל די באאמטע פון דער יו־ניאן זיינען געגען זיי באגאנגען עולות. ריזע־עולות, לויט דער מיינונג פון די מאַ־נופעקטשורער, באשטעהט אין דעם, דאס ווען אן ארבייטער, אין אנדערע פעלע, אייניגע ארבייטער, האבען פארלאזען א געוויסען שאפּ און זיינען געקומען אין אפיס פון דער יוניאן פרעגען צו מען ווייס ניט וואו מען דארף האבען ארבייטער, האט מען זיי געזאגט וואו זיי קענען באַ־קומען באשעפטיגונג. לויט זייער מיי־נונג, הייסט עס, האבען די באאמטע פון דער יוניאן ניט געטארט זאגען די ארבײ־טער אין וועלכע שעפער זיי קענען באַ־קומען באשעפטיגונג, כאטש אין 90 פעלע פון 100 האבען אונזערע יוניאן באאמטע בעפאר אפגערופען די פירמען, פון וועל־כע די ארבייטער האבען דאס געזאלט אוועקגעהן, און געפרופט אויסגלייכען די סכסוכים צווישען די ארבייטער און דער פירמע כדי זיי זאלען די ארבייטער ניט דארפען פארלאזען. און בלויז אין די פעַ־לע וואו די מאנופעקטשורער זיינען פאר־בליבען גלייכגילטיג צו אונזערע רייד הא־בען מיר די ארבייטער אנגעוויזען אנדערע שעפער וואו זיי קאנען באקומען באשעפ־טיגונג.

אלזא, אט פאר דעם „פארברעכען" פאר דעם ניט צווינגען די ארבייטער צו פאר־בלייבען אין שעפער, ניט אכטענדיג צו מען האט דארט פארדיענט אויף א לעבען צו מאכען אדער ניט, האט די אסס'ן אפּ־געבראכען דעם אגרימענט, און פאר די לעצטע 10 וואכען האבען מיר ניט קיין קאלעקטיווען אגרימענט.

און דעם אמת זאגענדיג, ארט דאס אונז ניט. די אסס'ן האט סיי ווי ניט גע־האט אויף זיך קיינע פאראנטווארטליכ־קייטען. מיר וועלען איצטער זיכער מעהר ניט האנדלען מיט דער אסס'ן, סיידען זי וועט נעמען אויף זיך די פולע פאראנט־ווארטליכקייט צו האבען אין טרייד יוניאן שעפער. די מיטגלידער פון דער אסס'ן האבען געזאלט זיין די ערשטע אויפצו־האלטען יוניאן שעפער, זיי האבען דאס אבער ניט געטאן. ניט זיינען ניט געווען קיין יוניאן שעפער ביי די אקטיווע מיט־גלידער פון דער אסס'ן, נאר אפילו זייער פרעזידענט גופא האט אויך ניט געהאט קיין יוניאן שאפ! דאס זעלביגע אויך זייערע עקזעקוטיוו מעמבערס. היינט, צו וואס זיך נאריש מאכען און האנדלען מיט אזא אסס'ן? דיזע אסס'ן האט אפילו ניט אנגעפאנגען נאכצוקומען די פונקטען פון'ם אגרימענט אין באצוג דעם „פרעפערענשעל יוניאן שאפ". פארקערט, די אסס'ן האט נאר געזוכט צו מאכען פאר אוים יוניאן שעפער אפילו יענע וועלכע מיר האבען שוין פון פריהער געהאט אָר־גאניזירט.

קירצליך וועט אפגעהאלטען ווערען א קאנפערענץ צווישען אונזער לאקאל צוזא־מען מיט דער אינטערנעשיאנאל פון איין זייט און די מאנופעקטשורערס אססא־סיאיישאן פון אנדערער זייט, וואו א פאר־זוך וועט געמאכט ווערען זיך אויסצוגליי־כען. אבער מיר וועלען ווייטער ניט שלי־סען מיט דער אסס'ן קיין אגרימענט, אויב זי וועט בעפאר ניט גאראנטירען אויפצוהאלטען אין טרייד יוניאן־שעפער. אויב דאס זאל ניט אפגעהיט ווערען דאן איז דער אגרימענט ניט ווערט דאס פאפיר אויף וועלכען ער ווערט געשריבען.

א צווייטער פונקט וועט די מאנופעק־טשורער געשטעלט ווערען צו העכערן די שכירות פון אלע מיטגלידער פון אונזער

(שלוס אויף זייט 17)

קארפארייישאנס, אדער קאנטראקטארס... אין אנדערע ווערטער הייסט עס אז ער נוצט אויס זיין אמט פאר פערזענליכע פראפיטען, און ער פערברעכט דערמיט געגען דעם געזעץ...

עס איז אפילו געווארען א היבשער טומעל וועגען דעם אין שטאדט, אבער, עס איז דערפון גאר ניט געווארען. אזוי שנעל ווי זיי זיינען געווארען צוריק גוט פריינד, איז אלעס פערגעסען און פערגעבען געווארען, און צווייטענס, איז דאך דער סיטי מעיאר עפעס אן אייגענער מענש, — זאל אן אייגענער מענש מאכען א פאר סענט עקסטרא. איי עס איז געגען געזעץ? אין אונזער סטייט און שטעדטעל היט מען נור אב דעם געזעץ ווען עס האנדעלט זיך וועגען קבצנים, וועגען הילפלאזע, אבער, ווען עס קומט צו אייגענע, מאכט מען א שוויג...

ווי מען קען זעהן דארף מען קיין זיפץ דעם סיטי מעיאר ניט שענקען טראסט דעם וואס ער האלט ביים פערליערען א היבשע סומקע געלט. ער וועט ניט פערפאלען ווערען צווישען גוטע פריינד... אויב איהר האט אבער אן איבעריגען זיפץ, דאן האלט איהם פאר אונזערע גלחים, ווייל זיי זיינען איצטער נעבאך אויף גרויסע צרות, און עס האלט דערביי אז זיי זאלען מוזען בעטען א רייז ביי די דירעקטארען פון די טשוירטשעס.

און די אורזאכע דערפון איז דאס וואס די יונגעווארג האבען אויפגעהערט צו געהן אין די קירכען, ניט דערפאר ווייל זיי זיינען געווארען אויפגעקלעהרט, זיינען געווארען דענקענדע מענשען, זאנדערן דערפאר ווייל מען האט זונטאג אנגעהויבען צו שפיעלען בייז באל אין פערמאונט פארק, און די גלחים שטורמען, מאכען גוואלדען געגען די פארק קאמישיאנערס פאר וואס זיי ערלויבען אזא סקאנדאל, און דער סוף איז, אז זעהענדיג אז די פארק קאמישיאנערס הערען זיי ווי די קאטץ, האבען די „הייליגע" די געשיכטע אריינגעבראכט אין קאורט, און די קאורט דארף דאס ענטשיידען ווער עס האט רעכט.

די בלויע זונטאג געזעצע זיינען געשאפען געווארען אין אונזער סטייט מיט הונדערט און דרייסיג יאהר צוריק. לויט דיזע געזעצע דארף יעדע שטאדט, און שטעדטעל זונטאג פערוואנדעלט ווערען אין א בית עולם. מען טאר זונטאג מיט א וואגען קיין טשוירטש ניט פערבייפאהרען כדי ניט צו שטערען די גוואלדיגע תפילות; מיט קיין קאר געוויס ניט; דער סקווער וואו א טשוירטש געפינט זיך מוז ווערען ארומגערינגעלט מיט א שטריק, ווייל טאמער וועט איינער וועלענדיג אדער אונגערן א טשוירטש פערבייפאהרען און אנמאכען א גערויש, וועט גאט דאך דאן ניט קענען ריכטיג די תפילות דערהערען; מען טאר אין פילאדעלפיא ניט טאנצען זונטאג, לויט די געזעצע; מען טאר קיינע קאנצערטען ניט האבען; אלע טהעאטערע מוזען זיין געשלאסען; קיין מואווינג פיקטשורס אויך ניט און מען טאר טויזענטער אנדערע זאכען ניט טהאן זונטאג אין אונזער שטעדטעל, דאס איז לויט דעם געזעץ, אבער, מאנכע זאכען ערלויבט מען זיך יא זונטאג, ווי פאהרען זונטאג מיט א קאר פערביי א טשוירטש, ווייל — די קאר קאמפאניע דארף טאן ביזנעס; מען ערלויבט זיי פארבייצופאהרען זונטאג א טשוירטש מיט אויטאמאבילס, ווייל אין אויטאמאבילס פאהרען דאך די רייכע, און צוליעב זייער כבוד וועגען בינדט מען שוין די טשוירטשעס מיט קיין שטריק ניט ארום... מען ערלויבט זיך זאכען דאס וואס עס איז גוט פאר רייכע, ווייל געגען רייכע ווילען די גלחים ניט קעמפען, אבער, פאר ארימע איז זונטאג א גיהנום; מען קען זיך קיין ריהר ניט געבען. מען האט אפילו אנגעהויבען א קאמף ניט לאנג צוריק אז טהעאטערע און מואווינג פיקטשור פלע[illegible]ער זאלען מעגען זיין אפען, אבער, אומ[illegible]סט; די גלחים געווינען, און אלעס איז [illegible]שלאסען, אלעס איז שטיל ווי אויף א בית עולם.

ענדליך האבען די פארק קאמישיאנערס אנגעהויבען צו ערלויבען שפיעלען די אונשולדיגע בייז באל געים אין פערמאונט פארק. נו, נו, קעהרט זיך וועלטען ביי [illegible] אין שטעדטעל צווישען די גאטס גנבים [illegible]ער, דערווייל שפיעלט מען נאך [illegible]ל אין פארק און טויזענדער פון [illegible] קומען אלע זונטאג אין פארק און זיי לעבען א גוטען טאג. די טשוירטשעס זיינען אבער פוסט און קיין געלד פאלט דארטען ניט אריין; דאס טויג [illegible]ים פאר די הייליגע; זיי פערלירען יעדען טאג היבשע געלדער.

האט זיך געפונען א גלח וועלכער איז געגאנגען מיט זיינע הייליגע קלאפערגעצייג זונטאג אין פארק נעבען פלאטץ וואו עס ווערט געשפיעלט בייז באל, ווייל, איהר ווייסט דאך: ווען דער בארג געהט ניט צום מחמד'ן געהט מחמד צום בארג... איז דאס דער גלח געגאנגען אהין כדי די יונגעווארג זאלען קענען כאפען א קדושה... ער האט זיך שיער די גאל צוריסען זינגענדיג אויפ'ן הייליגען שטיינער, אבער, געדענקט איהר די מעשה ווי אזוי פאלשע נביאים האבען אמאל געשריען צו גאט אז ער זאל ארונטערשיקען א פייער פון הימעל, און ווי אזוי ער האט זיי געהערט ווי די קאטץ? אט פונקט אזוי האבען די יונגע חברה געהערט ווי די קאטץ דעם גלח... זיי זיינען געווען בעגייסטערט וואס בעגייסטערט קען זיין, פאר — דעם בייז באל שפיעל, און דער גלח האט געמוזט צוזאמענפאקען די הייליגע קלומיקעס זיינע און ער האט זיך געלאזען געהן אין וועג אריין...

עס איז אזוי גוט ווי זיכער אז די גלחים וואלטען ניט געמאכט אזא רעש וועגען שפיעלען בייז באל זונטאג אין פארק, נור זיי האבען מורא אז אויב דאס וועט ערלויבט ווערען, קען מען נאך געהן ווייטער און זיך ערלויבען שפיעלען אנדערע געימס, און מען קען נאך עפענען די „מאוויס" און טהעאטערע, און — דאן וועט זיי אויסקומען צו געהן אין די הייזער, ווייל ווען אלע פערגעניגענס פלע־ ריהר ניט געבען. מען האט אפילו אנגעבען געלד אויף דיזע זאכען און מען וועט זיך פארגעסען גאר אינגאנצען אן דער קירך... איז דאס דערפאר זיי ביטער ווי דער טוידט; זיי זעהען א זעהר טרויעריגע צוקונפט פאר זיך...

אבער, אין דער פערשלאפענע פילאדעלפיא איז יעצט גאנץ פרעהליך. מען האט פשוט מורא א דרעמעל צו טהאן מען זאל ניט פארלירען די געלעגענהייט צו זעהן און צו הערען אינטערעסאנטע זאכען...

דער קוש

ערצעהלונג

פון טאמאס קראג.
אידיש פון
זישא לאנדוי

.1

מיין רעכטע האנט באוועגט זיך נאך אביסעל, אבער דער פאראליז פערשפרייט זיך מיט יעדען טאג אלץ מעהר. ענדע יאהר וועט זי זיין א טויטער גליד. יע, די האנט, וואס איז מיר געווען א פריינד און א העלפער, וואס האט צוגעטראגען דאס שפייז צו מיין מויל, וואס האט פערשריבען מיינע געדאנקען, דורכגעבלעטערט מיינע ביכער, מיט איין ווארט, געטאן פאר מיר אלץ און קיינמאל מיר ניט פארראטען, וועט זיין אונמעכטיג און טויט.

איך וויל צוזאמענקלייבען די לעצטע קרעפטען, וואס מיין האנט פארמאגט נאך, און אויפשרייבען א געשיכטע, וואס וועט קלאר מאכען די אורזאכע פון דעם אויבען דערמאנטען אומגליק. כדי אלץ זאל זיין פארשטענדליך, מוז איך זיך אומקעהרען אין מיין ערצעהלונג אויף פיעל יאהרען צוריק. אבער איך וועל זיך באמיהען צו זיין קורץ.

צו אלעם ערשטען א פאר ווערטער וועגען מיין קינדהייט און מיין פריהער יוגענד.

מיין פאטער איז געווען א לאטיינישער לעהרער אין פ. ער איז געווען זעהר א געוויסענהאפטער מענש. מען קען זאגען, ער איז געווען שוין צופיעל זארגפעלטיג און פעדאנטיש. באזונדערס קלאר אין מיין זכרון איז דאס לעצטע יאהר פון זיין לעבען. די קראנקהייט, וועלכע האט איהם סוף־כל־סוף געטריבען אין קבר אריין, האט געהאלטען אין איין פראגרעסירען. אבער ער האט זיך פארט אלע טאג געשלעפט אין שול אריין. מיט א קראנקהאפטער איינגעשפארטקייט האט ער געשפאנט איפ'ן וועג, א ציטער פלעגט פון צייט צו צייט אריבערלויפען איבער זיין אנגעשטרענגטען און אויסגעקרימטען פנים.

מיין פאטער איז געווען א פעהיגער לינגוויסט. פיעלע האבען אפילו פארזיכערט, אז ער איז א געניאלער ארכעאלאג. ער איז געווען איינער פון יענע זאנדערבארע געניאלע מענשען, וועגען וועלכע מען קען קיין באשטימטעס ניט זאגען, אבער וועלכע פארמאגען, אהן צווייפעל, מעהר פעהיגקייטען, ווי עס פאדערט פון זיי דער באשיידענער שטאנד, וואס זיי פארנעמען אין דער געזעלשאפט. איין זאך איז זיכער, די האפנונגען, וואס מען האט געלייגט אויף איהם, האט ער נישט פארווירקליכט. ער אליין האט שוין פון לאנג געהאט פארגעסען די אלע חלומות וועגען גרויסקייט. מיט קיין איינציגען ווארט האט ער ניט דערמאנט וועגען זיי. ער האט ערפילט געוויסענהאפט די פליכטען פון א לעהרער; יאהרען נאך יאהרען זיינען פארגאנגען און ענדליך איז ער געווארען אן אלטער, צובראכענער מענש, וועמען ס'איז מעהר ניט געבליבען ווי צו ווארטען אויפ'ן טויט.

.2

מעהר פון אלץ דערמאן איך זיך אן מיין פאטער. ער האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף מיר. מיין מוטער געדענק איך ניט אזוי קלאר. ווען זי איז געשטארבען, בין איך נאך קיין פופצעהן יאהר ניט אלט געווען. איך זעה איהר בלייך געזיכט, איהר באצויבערענדען שמייכעל, איהרע פראכטפולע, צארטע אויגען. איהר געזיכט איז געווען א קליינס, כמעט א קינדישעס, מיט א פאר דינע קנייטשען. שיטער און כמעט אינגאנצען גרוי זיינען געווען איהרע האר. זי איז געווען אויסערגעווענליך ארבייטזאם. איך זעה איצט קלאר, ווי זי געהט ארום א פאר'דאגה'טע איבער'ן הויז. איך געדענק איהר לעצטע קראנקהייט, ווען זי האט זיך געהאלטען אין איין באקלאגען, אז זי קען שוין מעהר ניט ארבייטען. איידער די ענדע איז געקומען, האט זי פאנטאזירט וואס זי וואלט איצט געטאן. „אט קומען שוין אן די קורצע טעג", האט זי געזאגט, „פריה וועלען מיר אנצינדען די לאמפ און פארנעמען זיך מיט נעהען".

מיך באהערשט א שטילע פארטרוימטע שטימונג, ווען איך דערמאן זיך מיין מאמע און איהר לעבען. מיט'ן פאטער האב איך שטאלצירט. א גייסטיגע פערוואנדשאפט האט עקזיסטירט צווישען אונז; איך האב זיך איינגעהערט צו זיינע רעד, ווי צו דער ווייזהייט אליין. ער האט מיך אינטערעסירט ניט בלויז דערפאר, וואס ער איז געווען אן אויפמערקזאמער און זארגזאמער פאטער, נאר אויך דערפאר, וואס ער האט זעהר פיעל געוואוסט אין די געגענשטאנדען, מיט וועלכע איך האב זיך געוואלט פארנעמען. אין קורצען, ער האט אנגעפילט מיין נשמה און מיין שכל. די מוטער איז געווען א פרעמדע אין דער וועלט פון געדאנקען.

שטענדיג, ווען איך דערמאן זיך מיין מוטער, באהערשט מיך א שטילער טרויער. איך דערמאן זיך איהר רוהיג געזיכט. איך זעה דעם באשיידענעם ריטם פון איהר גאנג, איך זעה איהר כמעט קינדישען בלייכען שמייכעל. איהר זאנפטקייט דרינגט אריין אין מיין נשמה און לאזט אין איהר איבער מיטלייד און טרויער. מעגליך, אז זי האט איבערגעטראגען די טיפסטע ליידען. פיהלענדיג זיך אן איבעריגע דארט, וואו זי איז געווען. דאס, וואס זי האט שטענדיג געארבייט, האט אונז אויסגעזעהן ווי גאנץ פארשטענדליך און מיר האבען צו דעם ניט געשאנקען קיין אויפמערקזאמקייט. איך און דער פאטער האבען אזוי ווי אפגעמאכט, אהן ווערטער, צווישען זיך אן אפמאך. מיר האבען גערעדט וועגען פילע שווערע און וויכטיגע געגענשטאנדען. די מאמע האט ניט געהאט וועגען וואס מיר אונז צו רעדען, דערפאר איז זי ארומגעגאנגען שטענדיג אזא שטילע און געמיהט זיך מיט עפעס אויסצוקויפען איהר אומבאדייטענדקייט. זי האט געבראכט אין ארדנונג דאס הויז, געמאכט דאס עסען אין צייט. יעדען אווענט האט זי אנגעצונדען א לאמפ, אין וועלכער ס'איז אוועק וועניגער קעראסין ווי אין אלע איבעריגע לאמפען, און גענומען נעהען.

פאטער און מוטער זיינען, יעדער אויף זיין ארט, געווען עדעלע און גוטע מענשען. אבער איך גלויב ניט, אז זיי האבען איינער דעם צווייטען געמאכט גליקליך.

האט זיך דען דער פאטער גענויטיגט אין דער צערטליכקייט און איבערגעבענהייט פון א פרוי? ער, וואס האט ליעב געהאט די איינזאמקייט, ער, וועמעס גייסט האט זיך געפיהלט אין זיין פולען שוואונג אויף די איינזאמסטע בערג? דארט, ארומגערינגעלט פון דער שווייגענדער אומענדליכקייט, וואלט ער געקענט שטודירען זיינע ביכער און מיט זיין וואכער נשמה געפינען דעם וועג פון די רייכע ניואנסען אין איצטיגע שפראכען, וואס דערמאנען מיט זיך די קינסטליכע, שטארקע געוועבען פון די היינטיגע שטאלענע געביידען, צי די אורעלטע נאאיווע דיאלעקטען, אויף וועלכע עס האבען גערעדט די מענשען, וואס האבען געוואוינט אין היילען און אין די ערשטע נידריגע געצעלטען פון חיה'שע פעלען, — דיאלעקטען, וועמענס מיטישע צייכענס און בוכשטאבען געפינט מען צייטענווייז אויסגעהאקט אויף שטיינער. דאס מורמלען פון אלטע צייטען, וואס בלויז פון דעם געדאנק אליין, ווי ווייט זיי זיינען פון אונז, נעמט שווינדלען אין קאפ.

.3

פון אלע מיינע ערינערונגען וועגען פאטער זיינען אם קלארסטען און אם שטארקסטען די, וואס באציהען זיך אויפ'ן לעצטען יאהר פון זיין לעבען. גראד אין דעם יאהר בין איך אריין אין אוניווערסיטעט. אין דעם טאג, ווען איך בין אהיים געקומען אין א סטודענטיש היטעל, האט מען דערלאנגט וויין צום טיש. דער טאג איז געווען א יום־טוב ביי אונז. מיין פאטער, וואס האט זיך קיינמאל ניט צוגעריהרט צו שטארקע געטראנקען, האט דאסמאל אביסעל אפגעטרונקען פון זיין כוס. ווען ער האט אויפגעהויבען דאס גלאז מיט'ן רויטען וויין, האב איך דערזעהן, ווי מאגער זיינע פינגער זיינען, ווי זיי ציטערען שוין, ווי בלייך עס זיינען זיינע ליפען.

„פאר דיין געזונט, ליעב איינגעל, פאר דיין געזונט!"

מיר זיינען לאנג געזעסען און גערעדט וועגען מיינע פלענער. איך האב גערעכענט א געוויסע צייט זיך פארנעמען אין דער הויפט־שטאדט. איך האב גערעכענט, אז מיר וועט געלינגען צו פארדינען אביסעל געלט: איך וועל געבען שטונדען פריוואט און אין א שול, איך וועל זיך מיהען צו קריגען עפעס א סטיפענדיום, מיט איין ווארט, איך וועל אלץ טאן, כדי צוזאמענצוקלייבען אביסעל געלט. מיר ווילט זיך פאהרען נאך אויסלאנד צו הערען די גרעסטע געלערנטע פון דער וועלט, דורכשטודירען אלץ, וואס מענשען האבען צוזאמענגעקליבען וועגען דעם געגענשטאנד, וואס האט מיך אינטערעסירט. ווען דו

אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר

איהר וועלט-אַנשויאונג און איהרע פּאָליסים, ווי זיי האָבען זיך אָפּגעשפּי-געלט אויף איהר קאָנווענשאַן אין אַטלאַנטיק סיטי.

פון ש. יאַנאָווסקי

.6

ר. אַלעקסאַנדראַ פון דער
ל האָד קערריערס, בילדינג
בּאַרערס יוניאָן פון אַמע-
ינגעבראַכט פאָלגענדע רע-

וועלט-מלחמה האָט געבראַכט
ן דער וועלט אין נעהענטערע
אַזונדערס פון אַן עקאָנאָמי-
אָט, און האָט באַזונדערס
שרירט די נויטווענדיגקייט
פאַרשטענדיגונג און פון אַ
טרוי אין דער הינזיכט פון
רען, וועלכער זאָל אַנערקענען
רעכטע און די אינטערעסען
און ערגעץ-אַנדערש. דאַרום
ן, דאָס צלע מיטעל פאַר די
ן די אויבענאַנגעגעבענע
ירען מיר, דאָס אַלע נאַציאָ-
לען צולאָזען צו מיטגלידער-
הלונג פון אַן איינלאַס-געלט
ביטער, וועלכע קענען ווי-
ע אַרבייטער-קאַרטע מיט אַ
לכער זאָל וויזען, אַז זיי
י נויטיגע לעהר-ציים, אַנ-
לכע אַרבייטער זיינען מיט-
אַנס, וואָס זיינען אַנערקענט
ר לייבאָר״.

אַ גאַנץ שעהנער און הו-
ג. ווירקליך, אַ מענש גע-
אָן, צאַהלט פינקטליך זיי-
לעס אַנדערע, וואָס אַ גו-
דאַרף טאָן. נון פּאַסירט
פאַרלאָזען זיין שטאָדט,
קומט אין אַ פרעמדען
ל און דער יושר זיינען
ניאָן פון דעם באַטרעפענ-
איהם ניט נאָר ניט לעגען
יאָן ווען אין זיין וואונש
ט צו קריגען וואָס שנע-
ר זאָל איהם נאָר העל-
און דאָך, ווי עס האָט זיך
צט, איז עס ניט געווען
עמדען ארבייטער אריינ-
ין דער יוניאָן. ער האָט
י באַצאָהלען זיין איינ-
קט ווי ער וואָלט געווען
ר. די ווערטער „סאָלי-
ערליכקייט״ זיינען גע-
היניכט אַ פוסטע פראַזע.
אַלעקסאַנדראַ און וויל
ט מאַכען. און אַזוי ווי
די אַמעריקען פעדעריי-
י האָט לויט איהר באַ-
ן רעכט זיך אריינצומי-
ליכע טרייד-אַנגעלעגענ-
אַזונדערע זעלבסטשטענ-
נט ער ניט אין זיין רע-
א. פ. אָוו ל. זאָל ארוים-
צו אַלע איהרע אַנגע-
ן, נאָר זי זאָל ר ע ק אָ-
אַזאַ האַנדלונג פון דער
אַנס צו די ארבייטער פון
ט אָדער פון אַן אַנדער
ן בעסער?
נען האָט די קאָמיטע
אַלגענדע ענטשיידונג:

שטיטט ניט איין אין די-
ל די א. פ. אָוו ל. האָט ניט
אויטאָריטעט זיך אריינ-
ריייד-אויטאָנאָמיע פון די
אַלע און אינטערנאַציאָ-

סאַנדראַ האָט פּראָטעס-
באַשלוס פון דער קאָ-

מיטע, ערקלעהרענדיג, אַז זיין יוניאָן איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער רעזאָלוציע; ער האָט פאַרלאַנגט, אַז די רעזאָלוציע זאָל נאָך אַמאָל איבערגעגעבען ווערען צו דער קאָמיטע, פאַר וועלכער ער וועט פאַרקומען און פאַרטיידיגען די דאָזיגע רעזאָלוציע. זיין פאַרלאַנג איז ערפילט געוואָרען. אָבער די קאָמיטע האָט אויף דער נעקסטע זיצונג פון דער קאָנווענשאָן ווידער אַמאָל געקומען מיט איהר ענטשיידונג, כאָטש דעלעגאַט אַלעקסאַנדראַ האָט ניט געקענט ערשיינען פאַר דער קאָמיטע צוליעב קראַנקהייט. אייניגע האָבען געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז די דאָזיגע רעזאָלוציע זאָל ווידער אַ מאָל אויפגענומען ווערען פון דער קאָמיטע, אַזוי אַז דעלעגאַט אַלעקסאַנדראַ זאָל דאָך האָבען אַ שאַנס איהר צו פאַרטיידיגען, אָבער דאָס מאָל איז דער דאָזיגער פאָרשלאַג דורכגעפאַלען, און די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען דעם באַשלוס פון דער קאָמיטע, אַז די א. פ. אָוו ל. האָט ניט די מאַכט אָדער די אויטאָריטעט זיך אריינצומישען אין אַזעלכע אַנגעלעגענהייטען.

דאָס איז איינע פון פיעלע רעזאָלוציעס, וועלכע זיינען פון דער קאָמיטע צוריקגעוויזען געוואָרען אויף דעם גרונד, וואָס די אַפיליאירטע קערפערשאַפטען צו דער א. פ. אָוו ל. זיינען זעלבסטשטענדיג, און פאָלגליך קען זיך די א. פ. אָוו ל. ניט אריינמישען אין זייערע אינערליכע עסקים.

נאָך קלעהרער האָט זיך אויסגעדריקט די קאָמיטע איבער דעם זעלבען פרינציפּ פון דער א. פ. אָוו ל., ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער מוני-רעזאָלוציע, אַז די קאָנווענשאָן זאָל נעהמען שריט, דורך די בעאַמטע פון די אַפילירטע יוניאָנס, פאַר אַ רעפערענדום-וואוט פון דער מיטגלידערשאַפט, וואָס זיי רעפּרעזענטירען, וועגען דער פראַגע פון אַ דזשענעראַל-סטרייק, אויב אַ נייער טריעל זאָל ניט געגעבען ווערען מוני׳ן. אַט אין באַצוג אויף דעם האָט דעלעגאַט פרעד, דער סעקרעטאַר פון דער קאָמיטע, געזאָגט פאָלגענדעס:

„עס איז וויכטיג פריהער פון אַלץ אָנצוווייזען, דאָס די אינטערנאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַלע יוניאָנס, וואָס בילדען צוזאַמען די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, זיינען גאַראַנטירט געוואָרען פולע אויטאָנאָמיע, ווען זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דיעזער אָרגאַניזאַציאָן. דאָס הייסט, זיי זיינען פּאַרזיכערט געוואָרען מיט דיזער אונצווייפעלהאַפטער אויטאָריטעט צו מאַכען אַזעלכע געזעצע פאַר זייער זעלבסט-רעגירונג, ווי זייערע ווינשע, שכל און ערפאַהרונג וועלען זיי דיקטירען. איבער דער ספּעציעלער פראַגע פון סטרייקס און די רולס און רעגולייש׳אַנס, אויבער דאָס נעמען פון אַ רעפערענדום-וואוט אויבער אירגענדע וועלכער פראַגע, ווערט יעדע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציאָן רעגירט פון געזעצע, וועלכע איהר מיטגליעדערשאַפט האָט אויסגעאַרבייט פאַר איהר זעלבסט-רעגירונג.

„ניט די אַמ. פ. אָוו ל. און ניט אירגענד וועלכע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציאָן האָט אַ רעכט זיך אריינצומישען אין די ווירקונג, אָדער אין די אָנווענדונג פון די געזעצע פון אירגענד וועלכער נאַציאָנאַלער אָדער אינטערנאַציאָנאַלער יוניאָן. אַזאַ מיר אריינמישען זיך וואָלט איזורפּירט זייערע רעכטע פון זעלבסט-רעגירונג און וואָלט גלייך פאַרניכטעט דעם פּריווילעגען כאַראַקטער פון דער מיטגלידערשאַפט אין דער א. פ. אָוו ל.

„דיעזע קאָנווענשאָן האָט ניט די מאַכט און ניט די אויטאָריטעט, און קען אויך ניט אָננעמען די אויטאָריטעט צו באַפעלען דאָס נעמען פון אַ רעפערענדום-וואוט פון דער מיטגלידערשאַפט פון די אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציאָנען אין אירגענד וועלכער פראַגע. זי קען רעקאָמענדירען אָבער זי קען ניט באַפעהלען״.

עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז לויט דער באַשאַפענהייט פון דער א. פ. אָוו ל. איז זי ניט אַלמעכטיג. פאַראַן זאַכען, וואָס זי טאָר ניט טאָן, וואָס זי קען ניט טאָן. אַט איז דער מוני-פאַל. עס איז קלאָר, אַז די קאָנווענשאָן איז אין דער פולסטער סימפּאַטיע מיט מוני׳ן. זי לאָזט ניט איבער דעם מינדעסטען צווייפעל, אַז אין דעם מוני-פאַל האָט די סאַן פראַנציסקאָ׳ר יוסטיץ באַגאַנגען אַ שרעקליכע אונגערעכטיגקייט; אַז דער צושטאַנד, ווי ער איז איצט אין דעם מוני-פאַל, איז פשוט אונערטרעגליך. ווייל אָדער מוני איז שולדיג אין דעם פאַרברעכען אין סאַן פראַנציסקאָ, און דאַן קומט איהם טויט-שטראָף, אָדער ער איז אונשולדיג, און דאַן מוז ער באַפרייט ווערען. אַזוי ווי עס איז: מוני פאַראורטיילט אויף זיין גאַנצען לעבען צו געפענגניס, צו אַ לעבעדיגען טויט, — קען ניט בלייבען. אָבער וואָס זאָלען די אַרבייטער טאָן? ווי אַזוי זאָלען זיי אויספיהרען גערעכטיגקייט פאַר מוני, אין פאַל אַלע אַנדערע מיטלען וועלען ניט העלפען? עס איז קלאָר, אַז קיין אַנדער מיטעל האָבען ניט די ארבייטער, ווי אַ דזשענעראַל-סטרייק. דאָך, ניט נאָר קען ניט די א. פ. אָוו ל. באַפוילען אַ דזשענעראַל-סטרייק, נאָר זי קען אַפילו ניט באַפוילען אַ רעפערענדום-וואוט פאַר אַ דזשענעראַל-סטרייק. איז דאָס ניט אַ באַוויז, אַז דער גאַנצער געבוי פון דער א. פ. אָוו ל. איז אַ שלעכטער, אַז זי שטעהט אין גאַנצען אויף אַ פאַלשען פונדאַמענט?

פונקט דאָס זעלבע אין דער פראַגע פון דעלעגאַט אַלעקסאַנדראַ׳ס רעזאָלוציע. מעגליך, אַז די קאָנווענשאָן איז יאָ אין סימפּאַטיע מיט דער רעזאָלוציע, אָבער אין דעם פאַל האָט מורא די קאָנווענשאָן זאָגאַר צו ר ע ק אָ מ ע נ ד י ר ע ן אַזאַ מענשליכע האַנדלונג; זי קען נאָך דערמיט פאַרשוועכערען די רעכטע פון דער איינצעלנער אָרגאַניזאַציאָן.

וואָלט עס דאַרום ניט געווען ווינשענסווערט, אַז מען זאָל אויפהויבען אַן אַגיטאַציע אין דער ארבייטער-באַוועגונג פאַר מעהר מאַכט פאַר דער א. פ. אָוו ל. און פאַר ווענינער פרייהייט, ווענינער אויטאָנאָמיע, פון דער איינצעלנער אָרגאַניזאַציאָן?

די לעזער ווייסען, אַז עס איז דאָ ווירקליך אַזאַ שטימונג פאַר די ענדערונג פון דעם גאַנצען כאַראַקטער אין דער הינזיכט פון דער א. פ. אָוו ל. עס זיינען דאָ אַ היבשע ביסעל סאָציאַליסטען, וועלכע וואָלטען געוואָלט זעהן די א. פ. אָוו ל. אַלס אַ צענטער פון מאַכט און אויטאָריטעט פאַר דער גאַנצער ארבייטער-באַוועגונג; זיי גלויבען, אַז כאָטש די איינצעלנע יוניאָן וואָלט פיעל פאַרלאָרען אין איהר אונאַבהענגיגקייט, אָבער דערפאַר וואָלט די ארבייטער-באַוועגונג אַלס גאַנצע פיעל געוואונען. אין דער „גערעכטיגקייט״ זיינען ערשינען צוויי אַרטיקלען פון נ. פּאָמעראַנץ, אין וועלכע ער האָט גאַנץ קלאָר געמאַכט דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט, און ער האָט באַטראַכט די דאָזיגע מאַכטלאָזיגקייט פון דער א. פ. אָוו ל. אַלס איהר שוואַכע זייט.

איך אָבער מיין, אַז דאָס איז דוקא די שטאַרקסטע זייט אין דער באַשאַפענהייט פון דער א. פ. אָוו ל., ניין, אַז אין דעם גופא, וואָס די מיטגליעדערשאַפט פון דער א. פ. א. ל. איז אין גאַנצען פון אַ פּריווילעגירטען כאַראַקטער, באַשטעהט איהר גאַנצע שטאַרקייט. די א. פ. א. ל. וואָלט, אפשר, שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט געווען, ווי, למשל, איהר פאַרגענגערין, די נייטס אָוו לייבאָר, ווען זי וואָלט דוקא אויך אָפּגעהיט זיך פון אַזאַ פאַרשאַפען די מאַכט פאַר זיך און ווי ווייט מעגליך אוזורפּירט די פרייהייט פון איהרע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציאָנען. ניין, די א. פ. א. וו. וואָלט קיינמאָל ניט געוואָרען אַזוי גרויס גאָר, ווען זי וואָלט לכתחילה ניט געקענט פאַרזיכערען יעדע אינטערנאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַלע יוניאָן מיט איהר אונאַבהענגיגקייט אין איהרע אייגענע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען, אָדער, ווי סעקרעטאַר פרעי דריקט זיך אויס, אין איהר זעלבסט-רעגירונג.

דער פאַקט איז, אַז אַזוי שנעל, ווי עס איז באַרירט געוואָרען אין די פאַרשיעדענע דעבאַטען אויף דער קאָנווענשאָן אַט דער דאָזיגער פונקט פון דער אונאַבהענגיגקייט פון דער איינצעלנער יוניאָן, האָט זיך ניט געפונען קיין איינציגער, וואָס זאָל אַט דעם סאַמע פרינציפּ שטעלען אין פראַגע: דאָס איז עטוואָס הייליגעס, אונבאַריהרבאַרעס, ווייל עס איז ניטאָ קיין איינציגע יוניאָן, וואָס וואָלט געוואָלט אויפגעבען דאָס מינדעסטע פון איהר אויטאָנאָמיע פאַר די גרעסערע מאַכט פון דער פעדעריישאָן.

און דער געפיהל איז, לויט מיין מיינונג, אַ פאַלשטענדיג ריכטיגער, אַ געזונטער געפיהל.

איך וועל ביי אַן אַנדער געלעגענהייט צוריקקומען צו דער פראַגע, און באַטראַכטען איהר פון דעם אַלגעמיינעם שטאַנדפונקט פון פרייהייט. דאָ זאָל נאָר אָנגעוויזען ווערען אויף אַ פאָר פונקטען, וועלכע דאַרפען, ווי מיר שיינט, קלאָר מאַכען דעם פאַרטייל פון דער איצטיגער באַשאַפענהייט פון דער א. פ. א. ל.

אָנגענומען, אַז די איצטיגע פאָרשטעהער פון דער א. פ. א. ל. זיינען ווירקליך אַזעלכע קאָנסערוואַטיווע און רעאַקציאָנערען, ווי מאַנכע מיינען עס, איז עס דען ניט קלאָר, אַז עס איז פּשוט אַ גליק, וואָס די א. פ. א. ל. האָט ניט די געוואַלד-מאַכט, מיט וועלכער מאַנכע וואָלטען איהר געוואָלט זעהען באַשאָנקען? די גאַנצע אַרבייטער באַוועגונג וואָלט דאָך דאַן געוואָרען, אָדער, לכל הפחות, געמאַכט דעם איינדרוק, פון איין שטיק רעאַקציע! איצט קען עס מעגליך זיין, אַז וועהרענד, למשל, די א. פ. א. ל. אויף איהר קאָנווענשאָן איגנאָרירט אין גאַנצען די פראַגע פון דער בלאָקאַדע פון רוסלאַנד, קען דאָך די סי. עף. יו. פון ניו יאָרק גאַנץ פריי פאַסען אַ שטאַרקע רעזאָלוציע געגען דער בלאָקאַדע. איצט, אַז די א. פ. א. ל. האַלט זיך פאַר אונבאַרעכטיגט צו באַפעהלען אַ רעפערענדום וואוט פאַר אַ דזשענעראַל סטרייק, דאָך די יוניאָנס, אַלס פרייע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס, קענען עס אַליין טאָן, ווען זיי האָבען נאָר דעם גוטען ווילען דערצו. ווי וואָלטען זיי, אָבער זיך געקאָנט אַ ריהר טאָן אין דאָס מינדסטע אויף לינקס, ווען די סופרים-מאַכט איבער אַלעם וואָלט געווען אין דעם צענטער, אין דער א. פ. א. ל., און ווען אַט דער צענטער וואָלט געווען אין דער מאַכט פון אַזעלכע פינסטערלינגע, ווי דאָס זיינען די איצטיגע פיהרער פון דער פעדעריישאָן, לויט ווי מאַנכע פון אונזערע ראַדיקאַלען דענקען וועגען זיי?

נאָר לאָמיר אָננעהמען דעם פאַל, אַז די מאַכט איז אין די הענד פון די ראַדיקאַלע מענשען, און דאָס אַזעלכע רעזאָלוציעס, ווי אַלעקסאַנדראַ׳ס און די מוני-רעזאָלוציעס פון פאַרשיעדענע דעלעגאַטען, און די רעזאָלוציע, פאַר די אַנערקענונג פון די סאָוועטען-רעגירונג וואָלטען שנעל דורכגעפיהרט געוואָרען; אָדער, נאָך בעסער, זיי וואָלטען נאָר ניט געדאַרפט דורכגעפיהרט ווערען. אַן אוקאַז פון אויבען, און אַלעס וואָלט געגאַנגען ווי געשמירט. וואָלט עס אָבער געגאַנגען, ווי געשמירט אין דער ווירקליכקייט?

לאָמיר דאָס באַטראַכטען. וואָלט דען גאָר נויטיג געווען אַזאַ רעזאָלוציע, ווי אַלעקסאַנדראַ׳ס, ווען די יוניאָנס אַליין וואָלטען געווען אַביסעלע מעהר דורכגעדרונגען פון אַ געפיהל פון יושר, פון אחדות, פון דעם באַוואוסטזיין פון אַ זעהר נאָהענטער שייכות צווישען ארבייטער און ארבייטער? נאַטירליך, ניט. דאַן וואָלט שוין לאַנג יעדע יוניאָן געהאַט געפאַסט אַזאַ געזעץ אָדער רול, אַז אירגענד אַן ארבייטער, וואָס קומט פון אַן אַנדער שטאָדט אָדער פון אַן אַנדער לאַנד מיט אַ יוניאָן-ביכעל, וועלכער גיט איהם דעם כאַראַקטער פון אַ גוטען יוניאָן-מאַן, אַז ער זאָל גלייך אויפגענומען ווערען אין דער יוניאָן. אַלאַ, וואָס דען, עס איז ניט אַזוי דער פאַל. און ניט נאָר צווישען די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס איז עס אַזוי, נאָר זאָגאַר צווישען אונזערע ראַדיקאַלסטע שבראַדיקאַלסטע. אַ שרעקליכע ענגהערציגקייט הערשט אין דער הינזיכט. מען רייסט איינטריטס-געלד פון טויטע און פון לעבעדיגע, און נאָך וואָס פאַר אַן איינטריטס-געלד אין פיעלע פעלע! טו וואָס קען אונטער אַזעלכע אומשטענדען העלפען אַ באַפעהל פון דער צענטראַלער מאַכט, וועלכע נאָך אַלעמען האָט דאָך ניט די מיטלען, וואָס אַ רעגירונג האָט, אום צו מאַכען איהרע באַפעהלע פאַר געזעצע, וועלכע אונטער אַ שטאַרקע שטראָף, מוזען אויסגעפאָלגט ווערען? נאָך ווענינער קאָנען אונטער אַזעלכע אומשטענדען העלפען רעקאָמענדאַציעס. דורך אַזעלכע רעקאָמענדאַציעס קען די צענטראַלע קערפערשאַפט נאָר דיסקרעדיטירען זיך, שטאַרק אָפּשוואַכען איהר פרעסטיזש.

דיזעלבע באַטראַכטונג קען אָנגעווענדעט ווערען אויף די פיעלע אַנדערע ראַדיקאַלע רעזאָלוציעס. צוגעבענדיג, למשל, אַז זיי וואָלטען אַלע אָנגענומען געוואָרען דורך דעם דרוק פון אַ שטאַרקער מאַשין, וואָלטען זיי אָבער אין דער ווירקליכקייט געבליבען טויטע בוכשטאַבען, אויב זיי

עס ניט געוואָלט, וואָל-
יך צוריקקעהרען צו די
ער אַלטער שקלאַפעריי.
נעהען די מענעדזשערס.
די אַקטיאָרען, און אַט
פונקט „די אַנערקענונג
ער סאַמע וויכטיגסטער.
ון דער יוניאָן איז די
יע פאַר די זיכערקייט
נעם זייג. אָהן איהר
ומזיסט. נאָך אַ ווילע,
ן די מענעדזשערס ווע-
בען אַט דעם הויפּט-
ען שוין ביז איצט נאָכ-
ערע ווענינער וויכטיגע

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly.
Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1 per year.
VOL. I. No. 34 — FRIDAY, SEPTEMBER 5 1919
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס. נאטיץ-ביכעל

פרעזידענט ווילסאן'ס שטעלונג צו סטרייקס פאר העכערע וויידזשעס אין דעם איצטיגען מאמענט

אין קורצען פארלאנגט דער פרעזידענט פון די ארבייטער פון אמעריקא בכלל און פון די אייזענבאהן-שאפמען בפרט, א זיי זאלען פאר דערוויל איינשטעלען זייערע קעמפפע פאר העכערע וויידזשעס, זוארום, ארגומענטירט פרעז. ווילסאן, וויבאלד די ארבייטער וועלען עס ניט טאן, און זיי וועלען אנגעהן מיט זייערע סטרייקס פאר העכערע וויידזשעס, און די ארבייטס-געבער וועלען זיי אויך נאכגעבען זייערע פאדערונגען, איז דאך גאנץ אומזיסט דער גאנצער קאמפף געגען דעם יקרות. דאן וועלען דאך די פראפיטירער האבען דעם בעסטען תירוץ אין דער וועלט פאר דעם יקרות: זיי וועלען קענען אנווייזען אויף די גרויסע וויידזשעס, וואס די ארבייטער קריגען.

הייסט עס, אז דער ערשטער שריט, אום צו באקעמפפען גרינדליך דעם יקרות, דארף זיך אנפאנגען פון דעם ארבייטער'ס וויידזשעס. אז די ארבייטער וועלען אויפהערען צו סטרייקען פאר אלץ העכערע און העכערע וויידזשעס, און אויב זיי וועלען נאך זיין אזעלכע גוטע פאטריאטען, און לאזען אפדינגען זיך ווי ווייט מעגליך, פון דאס, וואס זיי האבען ערקעמפפט ביז איצט, קען דער קאמפף געגען יקרות זיין א גרויסער ערפאלג.

אויס גערעכטיגקייט צו פרעזידענט ווילסאן דארף דא געזאגט ווערען, אום אויסצומיידען א מיספארשטענדניס, אז פרעזידענט ווילסאן, סיי אין זיין סטייטמענט צו די פארשטעהער פון די שאפמען און סיי אין זיין סטייטמענט צום פובליקום אין אלגעמיין, דערמאנט ניט קיין ווארט וועגען דעם, אז די ארבייטער זאלען זיך לאזען אפדינגען פון זייערע איצטיגע וויידזשעס. וואס ער פארלאנגט יא אבער איז, אז די ארבייטער זאלען איצט ניט סטרייקען פאר העכערע וויידזשעס. ער וויל, אז זיי זאלען ערקלערען פאר דערווייל א וואפענשטילשטאנד אין זייער אייביגען קאמפף מיט די בעלי בתים, כדי מען זאל וואס גיכער קענען באקעמפפען דעם איצטיגען יקרות. אבער ווי באלד אזוי, אויב אזא פאדערונג איז בארעכטיגט, דאן איז לאגיש אויך בארעכטיגט די פאדערונג, אז די ארבייטער זאלען וואס גיכער אליין אויפגעבען די געווינסען, וואס זיי האבען פון פריהער ערקעמפפט, ווארים זאגען דען ניט די פראפיטירער און די פרעסע, וואס רעפרעזענטירט זיי אזוי גוט, אז די הויפט-פראפיטירער זיינען עס גאר די ארבייטער, וואס קריגען אזעלכע הויכע וויידזשעס, און דאס זיי זיינען עס די הויפט-שולדיגע אין דעם יקרות?

אין זיינע סטייטמענטס סיי צו די שאפמען און סיי צום עולם אין אלגעמיין באנוצט זיך פרעזידענט ווילסאן מיט דעם ארגומענט פון די אייזענבאהן-בראדערהודס, אז עס האט קיין זין ניט צו סטרייקען פאר העכערע וויידזשעס, ווייל וואס איז די פעולה, די גרעסערע וויידזשעס וועלען מאכען דעם יקרות נאך גרעסער, און אין א קורצער צייט וועלען די ארבייטער זיין אין דער זעלבער לאגע, ווי איידער זיי האבען געקראגען העכערע וויידזשעס.

דער ארגומענט איז א גאנץ ריכטיגער; אבער די בראדערהודס, אום צו לייזען די דאזיגע שווערע פראגע, האבען פארגעשלאגען א פלאן, וועלכער, לויט זייער מיינונג, קען געבען א מעגליכקייט די אייזענבאהן-ארבייטער צו מאכען א שעהנעם לעבען אהן די נויטווענדיגקייט פון סטרייקען, און קען אין דער זעלבער צייט זיין פון גרויסען נוצען פאר דעם פובליקום אין אלגעמיין.

צי דער פלאן איז א גוטער, צי ניט, דאס איז ניט די פראגע איצט. וויכטיג איז, אז זיי האבען פארגעשלאגען א פלאן, וועלכער לויט זייער מיינונג קען פארענטפערען אט די שווערע פראגע. פרעזידענט ווילסאן אבער געברויכט דעמזעלבען ארגומענט, אבער קיין פלאן, ווי אזוי ארויסצוקריכען אט פון דעם פארצויבערטען צירקעל שלאגט ער ניט פאר. ער פארלאנגט נאר, אז די ארבייטער זאלען דערווייל ניט סטרייקען און ווארטען טאמער וועלען די הויכע לעבענס-קאסטען פארקלענערט ווערען. אין אנדערע ווערטער, טאמער וועלען ווען-עס-איז די לעבענס-קאסטען ווערען ביליגער, זאלען די ארבייטער אויף דעם סמך שוין איצט ניט פארלאנגען קיין גרעסערע וויידזשעס!

אונז דאכט זיך, אז דאס איז א פארשלאג, מיט וועלכען די ארבייטער, ווי פאטריאטיש זיי זאלען ניט זיין, קענען ניט ערקלעהרען זיך איינפארשטאנדען. נאטירליך, ווען די ארבייטער וואלטען פארלאנגט העכערע וויידזשעס בלויז צוליעב א קאפריז, וואלט עס געווען, אפשר, ניט אויסען ווען זיי אויסצומוסר'ען און זיי זאגען: ברידערלעך, איצט איז ניט די צייט פאר קאפריזען. די צייט איז א זעהר ערנסטע, אזוי ערנסט, ווי אין דער צייט פון מלחמה, ווען מיר האבען אלע געמוזט באקעמפפען אונזער שונא. פאדערען איצט העכערע וויידזשעס צוליעב א קאפריז, ווען דאס לעבען פון פאטערלאנד איז אין געפאהר, איז ניט רעכט. אבער די מעשה איז דאך ניט אזוי. ווען ארבייטער פאדערען העכערע וויידזשעס, איז דאס אין די מייסטע פעלע א פאל פון גרויסער נויט, און ווען זיי קענען ניט לעבען מעהר אדער ווייניגער מענשליך אויף די אלטע וויידזשעס. טו, ווי קען מען זאגען צו אזעלכע מענשען: ווארט, טאמער וועט דער יקרות ווערען אביסעל ווייניגער ברענענדיג? פונקט אזוי וואלט מען געמעגט זאגען צו א הונגעריגען: האב געדולד, מאך ניט קיין קולות, קיין ליארעם. ווארט אונטער, אפשר וועסטו דאך קריגען עפעס צו עסען א פאר טעג שפעטער?

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 5, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער פרעזידענט אפעלירט צו די ארבייטער בכלל און צו די שאפמען בפרט אויף דעם גרונד פון זייער פאטריאטיזם. און דער פרעזידענט גיט די ארבייטער פולען קרעדיט פאר זייער אויפפיהרונג אין דער צייט פון מלחמה, און ער פאדערט די זעלבע זעלבסט-אפפערונג אויך איצט, ווייל איצט איז די לאגע נאך א פיעל ערנסטערע, ווארים אויב מיר זאלען דורכפאלען, וועט עס מיינען א נאציאנאלער חורבן".

אלזא, כדי ניט צו דערלאזען צו דעם נאציאנאלען חורבן, מוזען די ארבייטער זיך ווידער אפפערען. אבער, וויפיעל איז דער שיער זיך צו אפפערען? פאר דער גאנצער צייט, וואס די מלחמה איז אנגעגאנגען, זיינען עס געווען די ארבייטער, וואס האבען געבראכט די מייסטע אפפער. וועהרענד צעהנדליגע טויזענדע זיינען געווארען שטוינרייך דורך דער מלחמה, האבען די ארבייטער אויפ'ן פראנט געאפפערט זייערע לעבענס, און די ארבייטער אין די פעקטאריס, אין די שאפס און אין די מילען האבען פון זייער זייט געהאלפען מיט אלץ, וואס זיי האבען נאר געקענט, ווי ווייט מעגליך זיך צוריקצוהאלטען פון סטרייקס, ערקלעהרט וואפענשטילשטאנד צווישען קאפיטאל און ארבייט, אנגענומען פאר גוט יעדע ענטשיידונג פון די פארשיעדענע רעגירונגס-קאמיטעס, און געהאפט, אז זיי וועלען קריגען זייער ריכטיגע באלוינונג שפעטער, ווען דער שונא וועט באזיעגט ווערען.

איצט איז דער שונא שוין באזיעגט. א דאנק אלע זייערע גרויסע אפפער, און זיי פאדערען ניט קיין באלוינונג, נאר דאס, וואס זיי קומט מיט רעכט, פשוט אן אנשטענדיגען לעבען פאר זייער ארבייט, קומט מען ווידער צו זיי מיט דער אלטער מעשה, אז דאס פאטערלאנד איז אין געפאהר. קען איצט אזא ארגומענט האבען אן איינפלוס אויף דעם ארבייטער? ווארים אויב דאס איז א ריכטיגער ארגומענט, קען דאך אויסקומען, אז די ארבייטער, אום צו זיין אמת'ע פאטריאטען, טארען זיי קיינמאל ניט סטרייקען, קיינמאל ניט פאדערען. קיין גרעסערע וויידזשעס, אימער שטעלען זיך צופריעדען מיט דאס ביסעלע, וואס זיי האבען, ווארים, אויב ניט, איז דאך דאס פאטערלאנד אין געפאהר.

געוויס, פרעזידענט ווילסאן זעהט אליין איין, אז זיינע ארגומענטען אין זיין אפיעל צו די שאפמען קענען ניט האבען קיין לאנג-אנהאלטענדע ווירקונג אויף די ארבייטער, ווארים די לעבענס-נויט איז שטארקער פון אלע אזעלכע ארגומענטען און אפיעלס, ווי שעהן זיי זאלען ניט זיין אויסגעדריקט, זאגט ער צו די ארבייטער, אז אויב דער קאמפף, וואס די רעגירונג פיהרט איצט אן געגען יקרות, זאל זיך ארויסווייזען אלס דורכפאל, דאן וועט מען שפעטער קענען העכערען די וויידזשעס, לויט די לעבענס-קאסטען. אבער וועט דען דאן ניט זיין פונקט אזוי שטארק דער ארגומענט וועגען דער ריכטונג פון פאטערלאנד, פון זעלבסט-אפפערונג און פון מאכען נאך גרעסער דעם יקרות?

איין ארגומענט פון דעם פרעזידענט וואלט אפשר יא געקענט גענומען ווערען אין אנבאטראכט, און דאס איז, אז מען קען ניט באשטימען איצט א געוויסע מאס פון וויידזשעס, ווען דער יקרות האט דערגרייכט זיין העכסטען שפיץ. איז אבער די זאך די, אז דאס איז ניט מעהר ווי די פערזענליכע מיינונג פון פרעזידענט. עס איז דאך ווירקליך אביסעל געוואגט צו זאגען, אז ווייטער קען שוין דער יקרות ניט געהן. האט דען ווער געגלויבט מיט א יאהר פריהער, אז נאך דעם ווי די מלחמה וועט זיין געענדיגט, וועט דער יקרות ווערען אזא ברענענדיגער? און דאך ער איז דא, און ער האט געשטיגען פון מינוט אין די לעצטע עטליכע חדשים. טו ווי קען מען טאקע באהויפטען, אז דער יקרות האט שוין דערגרייכט זיין סאמע שפיץ, אז ווייטער קען ער שוין ניט געהן?

און אחוץ דעם, ווארום זאל דער ארבייטער ניט פאדערען זיינע העכסטע וויידזשעס דוקא דאן, ווען דער יקרות האט דערגרייכט זיין העכסטען שפיץ? פאדערען דען ניט די ארבייטס-געבער פון איהם, אז ער זאל באדייטענד אראפלאזען פון זיינע וויידזשעס ווען עס באמערקט זיך די מינדעסטע נייגונג צו ביליגערע לעבענס-קאסטען? און זיינען דען ניט פיעלע ארבייטער געצוואונגען נאכצוגעבען אט די פאדערונג, אויב זיי זיינען ניט בכח צו קעמפפען פאר די הויכע וויידזשעס? טו ווארום זאלען ארבייטער דוקא זיך צוריקהאלטען פון פאדערען העכערע וויידזשעס, ווען דער יקרות האט דערגרייכט זיין העכסטען שפיץ? ומיינט עס דען ניט, אז גראדע ווען דער מאנופעקטשורער, דער קרעמער און אלע אנדערע פאראזיטען שארען גאלד מיט די הויפענס, זאל דער ארבייטער מיט דער פאדערונג פון העכערע וויידזשעס ווארטען דוקא, ווען די לעבענס-קאסטען וועלען ווערען ביליגער? וואלט אזא מין האנדלונג ניט געווען גלייך צו א פרעמיום פאר דעם געוויסענלאזען פראפיטירער?

פארשטעהט זיך, ווען די שאפמען, למשל, וואלטען געפאדערט אזעלכע וויידזשעס, וועלכע ארבייטער האבען נאך גאר קיינמאל ניט געקראגען, וואלט מען נאך אפשר געקענט זיי מאכען א פארווארף, פאר וואס זיי האנדלען אזוי ומעשה ראזבאיניקעס. אבער אין דער ווירקליכקייט זיינען זייערע פאדערונגען גאנץ געמעסיגטע, לויט די איצטיגע פרייזען אויף אלע לעבענס-מיטלען.

דער טול-מייקער פאדערט 90 סענט א שטונדע, וואס דאס מיינט 7.20 א טאג. איז דאס א צו גרויסע וויידזש פאר א געלערענטען ארבייטער? די מייסטע פאדערען 80 און 85 סענט א שטונדע, גוט מעהר אלזא ווי 6 און 7 דאלאר א טאג.

איז דאס צופיעל פארלאנגט, ווען פאר דעם דאלאר קען מען ניט קויפען מעהר, וויפיעל מיט איינינע יאהר צוריק האט מען געקענט קויפען פאר 30, אדער העכסטענס, 40 סענט?

עס איז אמת, אז לויט די וויידזשעס, וואס זיי האבען ביז איצט געקראגען, צו 50 און 60 סענט א שטונדע, זעהט אויס זייער איצטיגע פאדערונג א צו גרויסע. 80 סענט פאר יעדער שטונדע! אבער דאס מיינט נאר, אז זיי האבען ביז איצט צו ווייניג געקראגען, אבער ניט דאס זיי פאדערען איצט צופיעל.

און אט צוליעב די אלע גרינדע איז שווער צו גלויבען, אז די ארבייטער בכלל און די אייזענבאהן-שאפמען בפרט זאלען קענען האנדלען לויט דעם פארלאנג פון דעם פרעזידענט. און, אויב זיי זאלען אויף דעם מאמענט א דאנק פארשיעדענע אומשטענדען נאכגעבען און ניט אויספיהרען זייער באשלוס צו סטרייקען, וועט דאס אבער לאנג ניט אנהאלטען. דער פאטריאטיזם-ארגומענט האט פאר א געוויסער צייט געהאט זיין גרויסען איינפלוס, אבער איבער דעם, איבער די באשטימטע גרענעצען מוז ער — עס קען גאר אנדערש ניט זיין — אלץ מעהר און מעהר פארלירען אין זיין ווירקונגס-קראפט.

דער אקטיארען-סטרייק

עס איז שוין א פאר וואכען, ווי אין ניו יארק און אין פיעלע אנדערע שטעדט פון די פאראייניגטע שטאאטען זיינען די גרעסטע ענגלישע טעאטערע געשלאסען, און, ווי עס זעהט אויס, איז עס נאך גאנץ ווייט פון דעם, אז זיי זאלען זיך באלד עפענען. דער סטרייק האט ענטפלעקט פאר דער וועלט א צושטאנד פון אמת'ער שקלאפעריי אויף דער ענגלישער ביהנע פאר די מייסטע אקטיארען, אזוי דאס די גאנצע עפענטליכע מיינונג איז באלד געווען אויף דער זייט פון די סטרייקענדע אקטיארען און געגען די מענעדזשערס.

די פיינע מענעדזשערס האבען עס גלייך דערפיהלט, און זיי האבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט, און באלד ערקלעהרט, אז אלעס, וואס די עקטארס עקוויטי אסס'ן האט געפאדערט, ווען עס האט זיך אנגעפאנגען דער סטרייק, דאס גיבען זיי אלעס נאך, און נאך מעהר. נאר איין זאך גיבען זיי ניט נאך און וועלען ניט נאכגעבען: די אנערקענונג פון אט דער עקוויטי אסס'ן, פון דער אקטיארען-יוניאן.

דזשארדזש מ. קאהאן, אליין א מענעדזשער, אן אקטיאר, האט פארגעשלאגען די אקטיארען 100 טויזענד דאלאר, און אויב זיי ווילען, איז נאך 100 טויזענד און נאך 100 טויזענד, נאר זיי זאלען אויפגעבען זייער יוניאן. און פאר א מאמענט איז געווען א געפאהר, אז די סטרייקענדע אקטיארען זאלען זיך לאזען איבעררעדען פון מר. קאהאן, אבער די אקטיארען זיינען געווען צו קלוג און צו גוטע יוניאן-לייט פאר דעם מר. קאהאן, און זיי האבען צוריקגעוויזען מיט ענטריסטונג זיין פארשלאג, און דער סטרייק געהט אן.

דער אויססיידיגער עולם, וועמעס סימפאטיע איז פון אנפאנג אן געווען אויף דער זייט פון די סטרייקער, קען איצט ווערען אביסעל מבולבל: פאר וואס סטרייקען איצט די אקטיארען? וויבאלד די מענעדזשערס גיבען זיי אלעס נאך, און נאך מעהר וויפיעל זיי האבען פארלאנגט, טו וואס ארט עס זיי, אויב זייער יוניאן ווערט יע אדער ניט אנערקענט פון די מענעדזשער-באסעס? קען די יוניאן גארניט לעבען אהן דער דאזיגער אנערקענונג?

די מעהר דענקענדע אבער וועלען מוזען זיך שטעלען אזא פראגע: אויב די אנערקענונג פון דער יוניאן איז אפשר ניט וויכטיג פאר דער יוניאן אין איהר עקזיסטענץ, פארוואס-זשע זיינען די באסעס-מענעדזשערס אזוי איינגעשפארט? ווארום פארלירען זיי צעהנדליגע טויזענדע דאלארס יעדע נאכט, וואס די טעאטערע זיינען צוגעשלאסען, און דאך, גראדע דעם פונקט „די אנערקענונג פון דער יוניאן", וואס דאס איז דאך ניט קיין פראגע פון קעש, ווילען זיי ניט נאכגעבען?

און אט אין דער פראגע איז שוין אויך דא דער תירוץ. דער גאנצער מאטעריעלער זיעג פון די אקטיארען איז קיין סענט ניט ווערט אהן דער אנערקענונג פון דער יוניאן. עס וואלט ניט גענומען קיין לאנגע צייט, און די מייסטע סטרייקער וואלטען זיך געוואלגערט אין די גאסען אהן שטעלען, און נייע אקטיארען וואלטען פארנומען זייערע פלעצער. און,

...אַן, אין וועלכער זיי וועלען
...ריטעל רעה (ווייל די העכע־
...לטע זיינען דאָך ניט קיין
...ביימער און האָבען זייערע
...טערעסען אין דעם אייזענ־
...ט), און אין א געזעלשאַפט,
...ען פון לעבענס־מיטעל, א. ז.
...אשטימט פון קאַפּיטאַליסטי־
...ען. די אידעאַלע זייט פון
...אַהן־סיסטעם וועט קוים זיין
... טרייב־קראַפט פאַר די אַר־
...ין מעהר פלייסיג און לייס־
...בעסטע דיענסטען. בלייבט,
...ער ריין־מאַטעריעלער חשבון.
...יין פלייסיג ווען מען קריגען
...ערפאַר. וואס וועט זיין די
...י פּראָצענט פון דער גראָס־
...ויפיעל איז אומגעפעהר די
...מע? מר. פּלאַם גיט אַן די
... ביליאָן דאָלער א יאָהר. 5
...כט אוים 200 מיליאָן דאָלער
...לו ווען דער לייבאָר דיווי־
...ילט ווערען גלייך (און לויט
...לען די אַנגעשטעלטע קרי־
...ען חלק איידער די ארביי־
... די צוויי מיליאָן ארבייטער,
...ען איינעם אָננעהמען 100
...הר אלס א פּרעמיע פאַר
...סיגקייט. איך גלויב קוים
...לער א וואָך איז אזא גרויסע
...ער ארבייטער זאָל זיין
...נטערעסירט און אָנהאַלטען
...פישענסי. קיין אנדער אַנ־
...פלייסיגקייט איז אין דעם
...ון מעהר ווי פינף פּראָצענט
...מען אויך ניט קריגען, ווייל
...פּלאַן איז דאָך, אז עס זאָל
... ניט קאָסטען אזוי טייער
...ף די באַהנען, און עס זאָל
...טען קאָסטען א סך ביליגער
...אכט ווי אוטער דער איצ־
...ם.

...וויידזשעס? פון וועמען און
...ן די אייזענבאַהן־ארבייטער
...ערע וויידזשעס? עס קען
...יין, אז עס וועלען זיין ציי־
...רבייטער וועלען זיך טאַקע
...העכערע פאַרדינסטען. פון
...יט וואס פאַר א פּנים ווע־
...רען העכערונגען? די איינ־
...באַהנען וועט דאָך זיין באַ־
...י רעיטס וואס די אינטער־
...רס קאָמישאָן וועט האַ־
...ן צו באַשטימען. וועלען די
...וען צופּאַסען זייערע באַ־
...ו די וויידזשעס וואס די
... וועט זיין אימשטאַנד צו
...רליך, זיי וועלען זיין מאַ־
...כטעט צו זיין „ריזאָנייבל“.
...איז שוין אָפּגערעדט. דאס
...אראט געגען זיך אליין. א
...י אייזענבאַהנען וואלט גע־
...רפּאָרײשאָן קען ניט נאַכ־
...פּט פונקט פון קאָנטראַקט
...רען די באַהנען, און דער
... צוריקציהען דעם טשאַר־
...ויים קאָרפּאָרײשאָן.

וואַסזשע, אלזאָ, זיינען די מאַטע־ריעלע פאַרציגע פאַר די ארבייטער? די פלייסיגקייט־פּרעמיע איז נישטיגקלין; די וויידזשעס הענגען אָפּ פון דעם, ווי די ביזנעס געהט און פון די רייטס וואס די אינטערסטייט קאָמערס קאָמישאָן וועט באַשטימען. פאָדערען העכערונגען איז ניט שעהן, און סטרייקען איז פשוט א פאַר־ברעכען. דאס איינציגע, וואס די ארביי־טער וועלען קריגען אלס א באַלוינונג פאַר זייער עקסטרא־פלייסיגקייט איז דער באַ־וואוסטזיין, אז זיי האָבען געגעבען דעם פּובליקום א מעגליכקייט צו קריגען ביליי־גערע רייטס און די סוחרים ביליגערע פראַכט־פּרייזען.

דער פּלאַם־פּלאַן איז פיללייכט בעסער און פּראַקטישער איידער די 100 פּראָצ. גאָווערנמענט אונערשיפּ. ער איז זיכער פּראַקטישער פון דער פאַרשווענדערישער פּריוואַט־פיהרונג פון די אייזענבאַהנען. אָבער ער איז ניט רעוואָלוציאָנער און ניט ווייט־געהענד דערפאַר וואס ער באַציהט זיך בלויז אויף די אייזענבאַהנען. ער איז ניט קיין שטיק סאָציאַליזם, ווייל ער ערקלערט ניט קיין קריג דער קאַפּיטאַ־ליסטישער סיסטעם, ער אַנערקענט זי אי־בעראַל, אויסער די אייזענבאַהנען, וואו ער זוכט אויסצוראָטען ניט אזוי קאַפּיטאַ־ליזם ווי מיס־פאַרוואַלטונג און פאַרשווענ־דונג. דעריין ליגט אי די מעלה און אי דער חסרון פון דעם פּלאַן. די מעלה איז, וואס די רעגירונג און די אַלגעמיינע קאַ־פּיטאַליסטישע געזעלשאַפט קען דעם פּלאַן אָננעהמען „אָן איטס מעריטס“, אויף אזוי פיעל וויפיעל ער איז פּראַקטיש אָדער ניט. דער חסרון פון דעם פּלאַן איז אָבער, וואס אלס א רעוואָלוציע אין דער עקאָנאָמישער סיסטעם איז ער פון א קנאַ־פּער באַדייטונג און אלס א פּראַקטישע לעזונג פון דער אייזענבאַהן־פראַגע בלייבט ערשט צו זעהן אויב ער טויג. מר. פּלאַם וואַגט ניט צו קוקען אריבער די גרענעצען פון דער אייזענבאַהן אינדוסטריע. ניט נאָר וואַגט ער ניט, נאָר עס אַרט איהם ניט וואס עס טוט זיך דאָרט. ער איז אויסען די אייזענבאַהנען, ווייל ער איז א פאַרשטעהער פון די בראָדערהודס. די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר שטיצט דעם פּלאַן מיט א האַלבען מויל, ווייל, ווי קען מען זיך איינרייסען מיט די מעכטיגע בראָדערהודס? די גאַנצע גע־שיכטע איז לאָקאַל, פּראָווינציאַל און גע־בויט אויף דעם צווייפעלהאַפטען באָדען פון „לייבאָר דיווידענד“. דער פּלאַן, ווי אימיצער האָט וויציג באַמערקט, איז א מין צעך־סאָציאַליזם אויף א קאַפּיטאַליסטישען באָדען.

דאָך איז דער דאָזיגער פּלאַן א צייכען פון דער צייט. דער אַמעריקאַנער ארביי־טער איז אַרויס פון די פּעלענעס פון „עי פעיר דעים וואָרק פאָר עי פעיר דעים וויידזשעס“. ער וואַגט צו דענקען וועגען א דירעקטער, אַקטיווער אָרגאַניזאַטאָרי־שער ראָל אין דער פיהרונג פון די אינדוס־טריען. די רויהע מאַסע מוסקולען ווערט באַזעעלט פון דענקען און שטרעבען. אלס אַן אָנהויב איז דאס געוויס ערפרעהענד.

קאָנגרעסלייט מיט יוניאָן ביכלאך אין קעשענע

פון ב. מיימאַן.

האָנ. פרעדריק נ. זיהלמאַן

דעם קאָנגרעסמאַן וואס מיר נעהן אייך היינט פאַרשטעלען, האָנ. פרעדריק נ. זיהלמאַן, פון מערילענד, האָט א זעהר לאַנגען צעטעל, אַן עהרען ליסטע פון עמ־טער וואס ער האָט געהאַלטען אין טרייד יוניאָנס. א מיטגליעד איז ער פון דער „אַמעריקאַן פלינט גלעז וואָרקערס יוניאָן“ שוין פאַר זעהר, זעהר א לאַנגער צייט. אזוי לאַנג אז ער אליין געדענקט שוין ניט. ער איז שוין אויך געווען פּרעזידענט פון זיין לאָקאַל יוניאָן, פּרעזידענט פון דער סענטראַל לייבאָר יוניאָן, און פון 1916 ביז 1917 איז ער געווען פּרעזידענט פון מערילענד סטייט פעדערײשאָן אָוו ליי־באָר.

אין די הלכות פון מאַכען געזעצע איז מר. זיהלמאַן אויך שוין ניט קיין גרינער. איידער ער איז איינגעטראָטען אין דעם קאָנגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען איז ער שוין געווען זיבען יאָהר צייט א סטייט סענאַטאָר. אין קאָנגרעס איז ער שוין אויך דעם צווייטען טערמין און, ווי מען זאָגט אין דער געוועהנליכער שפּראַך: „ער האָט שוין געכאַפּט דעם שנים“...

ווען איהר הערט דיזע טייל פון מר. זיהלמאַנ'ס ביאָגראַפיע, הויבט איהר ניט ווילענדיג אויף די אויגען און באַטראַכט איהם. איהר הערט פון איהם, אז ער האָט געאַרבייט ביי זיין טרייד ביי א פערטעל יאָהר הונדערט, געווען א סטייט סענאַטאָר זיבען יאָהר צייט און איז שוין איצטער דעם צווייטען טערמין אין קאָנגרעס, שטעלט איהר זיך פאָר אז ער מוז שוין זיין א מענש אין די יאָהרען. איהר וואַרפט א בליק אויף איהם און זעהט אז איהר רעדט נאָך צו גאָר א יונגען מאַנטשיק. און איהר וואונדערט זיך ווי האָט ער דאס אזוי פיעל אַריינגעפּאַקט אין אזא קורצער צייט.

מר. זיהלמאַן איז נאָך קיין פולע פערצ־ציג יאָהר ניט אַלט. ער איז געבוירען גע־וואָרען דעם צווייטען אָקטאָבער, 1879. ווען ער איז אַלט געוואָרען עלף יאָהר איז ער געגאַנגען אַרבייטען אין א גלאָז פאַב־ריק. ער קומט פון א משפּחה פון שוויי־צאַרישע גלאָז ארבייטער. זיינע עלטערען זיינען אַרבער געקומען פון דער שווייץ און זיך דאָ גלייך גענומען צו זייער היימי־שער מלאכה, גלאָז־בלאָזעריי. זיין פאָטער איז געווען דער ערשטער אין אַמעריקא וואס האָט אויסגעפונען ווי אזוי צו מאַכען דינגע גלעזער. קאָנגרעסמאַן זיהלמאַן קען מיט שטאָלץ זאָגען אז ער איז דער איינצי־גער קאָנגרעסמאַן וואס קען אייך ערקלעה־רען אלעס וואס איהר ווילט וויסען וועגען גלאַזוואָרג. איהר בעסער הויבט זיך ניט אָן מיט איהם אויף דיזער טהעמא.

ווען מר. זיהלמאַן איז נאָך געווען אין די גאָר יונגע יאָהרען האָט ער איינגעזעהען די ווערדע פון בילדונג. ער האָט נישט געקענט געהן אין די סקולס, הײ סקולס און אוניווערזיטעטען, זייענדיג א קינד פון ארבייטער, אָבער דערפאַר האָט ער זיך אליין געלעהרענט ווי וויים ער האָט נאָר געקענט. ער איז איצטער א גוט בעלע־זענער מענש. געלעזען האָט ער ניט נאָר די שעהנע ליטעראַטור, וועלכע אַפּעלירט שטאַרק צו דער פאַנטאַזיע פון דעם יונגען מענשען, נאָר אויך גאַנץ ערנסטע און אפילו זעהר טרוקענע שריפטען, אָבער וועלכע גיבען א סך אינפאָרמאַציאָן. דאַרפט איהר מעהר, ווען ער איז אַלט גע־ווען 16 יאָהר האָט ער געלעזען אפילו די „קאָנגרעשיאָנאַל רעקאָרדס“. קיין בעסערן ביישפּיעל פון געדולד דאַרף מען שוין ניט געבען. . . דיעזער סאָרט לעזען האָט איהם געמאַכט פאַר איינעם וואס האָט ווירקליך געוואוסט וואס עס קומט פאָר אין דער וועלט. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אז ער ווייסט א סך מעהר ווי זיינע מיטאַרבייטער, סאַי אין ליטעראַטור און סאַי אין פּאָליטיק. דאס האָט אין גיכען איהם דערהויבען צו דער שטופע פון א פיהרער פון ארבייטער. ווערט מען גאָר א פיהרער, קומען שוין די איבעריגע זאַכען אליין אלס נאַטירליכע קאָנזעקווענץ.

ווען מר. זיהלמאַן איז ערוועהלט גע־וואָרען צום סטייט סענאַט, איז ער אין גאַנצען אַלט געווען דרייסיג יאָהר. מען האָט איהם דערפאַר א נאָמען געגעבען „דער בײבי סענאַטאָר“, אָבער דאס האָט איהם ניט געשטערט נאָר אין גיכען צו ווערען דער „מינאָריטי ליעדער“ פון דעם סענאַט. ער שיינט צו זיין בעגאַבט פון דער נאַטור מיט דער פעהיגקייט צו זיין א פיהרער.

דעם אויסערליכען איינדרוק מאַכט מר. זיהלמאַן גאָר ניט פון קיין ארביי־טער. זיין קליידונג, זיין שפּראַך און זיין גאַנצע באַנעהמונג איז מעהר פון אַן אַריסטאָקראַט ווי פון אַן איינפאַכען אַר־בייטער. ער שיינט צו זיין א מענש מיט זעהר הויכע אַמביציעס. מעהרסטענטיילס מענשען מיט הויכע אַמביציעס קוקען אויס לעכערליך, אָבער מר. זיהלמאַן האָט גע־נוג ווילענסקראַפט, ענערגיע און נישט קשה'דיגע פעהיגקייטען זיינע אַמביציעס צו דערגרייכען. ער האָט, ווי מען זאָגט, מיט וואס צו „בעקען“ זיינע אַמביציעס, און דערפאַר מאַכט ער א גאַנץ גוטען פער־זענליכען איינדרוק טראָץ זיין אַביסעלע צו קאַלטער האַלטונג.

* * *

„וואס נאָך אייער מיינונג, דאַרף זיין די הויפּטאויפגאַבע פון אַן ארבייטער קאָנגרעסמאַן?“ — האָב איך געשטעלט די ערשטע פראַגע מר. זיהלמאַנ'ען.

„אַן ארבייטער קאָנגרעסמאַן, האָט זיהלמאַן געענטפערט, האָט א בעשטימטע אויפגאַבע אין דעם אַמעריקאַנעם קאָנ־גרעס. ער דאַרף דיזער העכסטער געזעצ־געבענדער קערפּערשאַפט פון לאַנד ער־קלעהרען די ריכטיגע בעדירפניסע, פאַר־לאַנגען און ווינשע פון די גרויסע ברייטע מאַסען פון פאָלק. ער, דער ארבייטער קאָנגרעסמאַן, ער, וואס איז אליין געווען אַן ארבייטער און האָט אליין דורכגעלעבט די ליידען און פריידען וואס דער געוועהנ־ליכער ארבייטער לעבט דורך איז אין א פיעל בעסערער פּאָזיציע צו פאַרשטעהן די ברייטע מאַסען ווי 99 פּראָצענט פון די לאָיערס וואס פילען אַן אונזערע לעגיס־לאַטיוועס האַללס.“

ביים אינטערוויוען די פריהערדיגע ארבייטער קאָנגרעסלייטע האָב איך גע־פונען אז דיזעלבינע פראַגע וואס איך האָב געשטעלט מר. זיהלמאַנ'ען האָט ניט גע־טוינט פאַר די מעהרסטע פון זיי; זי איז געווען צו ברייט, צו אַלגעמיין, זיי האָבען ניט געוואוסט ווי זיך צו נעהמען צו איהר און מיר אַלץ געבעטען איך זאָל די פראַגע מאַכען מעהר ספּעציפיש, זי באַשרענקען אויף קאָנקרעטע ביישפּיעלע ניט גלאַט פרעגען אין אַלגעמיין „וואס אַן ארבייטער קאָנגרעסמאַן דאַרף טהאָן?“ מיט מר. זיהלמאַנ'ען האָב איך געהאַט אַן אנדער עקספּיריענס. פאַר איהם איז דיזע פראַגע געווען גאָר ניט צו ברייט. עס האָט ביי איהם אַרויסגערופען א שטראָם פון גע־דאַנקען און פראַזאַריע, אזוי אז עס איז געוואָרען פאַר מיר אַביסעל צו שווער איהם נאָכצופאָלגען, און איך בין גאָר ניט זיכער, אז איך וועל איבערגעבען פונקט זיינע ווערטער. אלעס וואס איך וועל פּרובירען

...ן אַן אַריינגעהטען אין הויז
...ן אמת, אז די מלאכים האָבען
...ע: צו זינגען לויב־געזאַנגען
...עולם, אָבער דאָ וועט מען זיי
...רבייטען מיט א גוטען פּאַנאַ־

...ן וועט ווייטער ענטוויקלען
...קען זיין, אז מען וועט זיך
...ען געגען גאָט — אָט בונ־
...ך הייבטיגע צייטען אפילו
...ער סקאַט, און געגען ווע־
...ווילסאָנ'ען... און אז מיר
...ונטשעווען, זאָג איך, געגען
...עם דור הפלגה, וועט מען
...יען קיין טורעם פון בבל.
...ה טאָן צום הימעל א סקאַ־
...גען.
... פראַנקרייך וועלען, ווי גע־
...ן ווערען צו ווייניג קינדער,
...ט אין דער נעקסטער מלחמה
... לעבעדיגע מאַגסבילען און
... דערביי, אז די וועלט זאָל,
...ערען, וועלען מיר מאַכען
... די הימלען און וועלען
...ם הימלישען אוצר פון
...רמים וועט די פראַגע זיין

...לען זיך אָנקלאַפּען ביים באַ־
...ען הימעל און ערד.

True translation fil... Postmaster at New Y... Sept. 5, 1919, as requi... of Congress approved ... known as the "Trad... Enemy Act."

...לם, למשל, וועט נאָך אַמאָל
... געגען די אַליאירטע און

ווען די מלחמה ווידער פיהרען מיט דער הילף פון גאָט, און די נייטראַליטעט פון די הימלען וועט אויף אזא אופן צושטערט ווע־רען, איז ווייסט איהר, וואס מיר וועלען טאָן? מיר וועלען מאַכען א בלאָקאַדע אויפ'ן הימעל און מיר וועלען אַהין ניט צולאָזען די תפילות ותשבחות פון דער ערד און מיר וועלען ניט אַריינלאָזען קיין פּאַ־נאַגראַפען. און דעמאָלט וועלען די הימלען ווערען פאַרשמאַכט, ווייל תפילות און לויב־געזאַנגען זיינען פאַר די הימלען פּונקט ווי ברויט מיט פּוטער פאַר דער ערד. און די הימלען וועלען זיך מוזען אונטערגעבען.

און ווייטער:

ביז איצט פלעגט מען די הימלען שפּאַל־טען מיט טרערען, מיט פאַסטען, מיט תשובה און צדקה. איצט וועט מען זיי שפּאַלטען מיט עראָפּלאַנען און דירזשיבלען.

אום יום־כפּור וועט איהר פון היינט אָן און ווייטער קענען עסען „העם סענדוויטשעס“ און ניט נעמען א וואָרט עברי אין מויל און אפילו מאַכען פּאָגראָמען אויף סאָציאַליס־טען און אַנאַרכיסטען, און איהר וועט ניט דאַרפען תשובה טאָן אויף אייער זינד. איהר וועט נאָר שיקען א מיליטערישע עקספּעדי־ציע צו די הימלען, וועט אָנשטעלען געגען זיי א פּאָר האָוויצערס און וועט פאָדערען: סליחה ומחילה! און זייט זיכער, אז מען וועט אייך שוין פאַרגעבען און איהר וועט אום הושענא רבה באַקומען דאס ריכטיגע קוויטעל.

און בבל וועלען זיך די הימלען אויס־גלייכען מיט דער ערד... אוים מיוחסים!

מיר וועלען דאָרט איינפיהרען די ריכ־טיגע ציוויליזאַציע, און זאָלען זיי דאָרט אויך פאַרזוכען וואס גוט איז, און וואס עס הייסט פאַרשוואַרצט צו ווערען ווי אין פּסוק שטעהט.

ביי אונז וועלען מענשען גע'הרג'עט ווע־רען פון אויטאָמאָבילען און ביי זיי וועלען די מלאכים און די הייליגע אין גן עדן איבערגעפאָהרען ווערען פון עראָפּלאַנען.

און מיר וועלען אָנהויבען קומען צו זיי אין די הימלען אויף „וואַקיישאָן“ און מיר וועלען פאַראומרייניגען די הימלען פונקט ווי מיר האָבען עס געטאָן מיט די קעטסקיל בערג.

און בעת „וואַקיישאָן“ וועלען מיר שוין זעהן, אז מלאכים זאָלען פאַלען, ווי עס קען נאָר פאַלען אומשולדיגע מלאכים אויף וואַקיישאָן. און אויב זיי וועלען אפילו קיין מענשען ניט ווערען דורכ'ן פאַלען, ווע־לען זיי שוין אָבער מעהר קיין מלאכים ניט זיין און וועלען אונז מעהר ניט רייצען און מעהר ניט שטעכען די אויגען מיט זייער באַדערישער אומשולד.

און וואס אַנבאַלאַנגט אונז, אידען, ווע־לען מיר אָרגאַניזירען א לעגיאָן, וועלען אַטאַקירען די הימלען און מיט גוואַלד ברענ־גען משיח'ען אויף דער ערד. נאַטירליך, קען עס פּאַסירען, אז מען זאָל איהם אין אַמעריקא ערקלערען פאַר א באָלשעוויק דער־פאַר, וואס ער איז אַן אימיגראַנט און א איד, אָבער ברענגען וועלען מיר איהם דאָך. וועט ער זיצען אין געפענגניס אויף עלים איי־לאַנד, אָבער אויף דער ערד וועט ער שוין זיין.

און אזוי וועלען פאַלען די הימלען צו־ליעב דעם פּראָגרעס פון לופטשיפאַהרט.

און וועגען דעם לאָמיר חלום'ען. מיין פריינד!

וואלטען בעגאנגען להיפוך פון דער גאנצער טרייד־יוניאן באוועגונג.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 5, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

און, אז דאס וואלט אזוי געוועזן, ווען דעם קען קיינער גאר ניט צווייפלען, וועלכער וויל נאר זיך אליין ניט פארבלענדען די אויגען. מיט א פאר טעג פריהער, איידער די קאנווענשאן פון דער א. פ. א. ל. האט אנגעהויבען איהרע קאנווענשאן־זיצונגען אין אטלאנטיק סיטי, האט די גרויסע מאשיניסטען־יוניאן, דאכט זיך, אבגעהאלטען איהר קאנווענשאן אין דערזעלבער שטאדט, און זי האט ענטשידען צוריקגעוויזען א רעזאלוציע פאר די אמנעסטיע פון די געוויסענהאפטע מלחמה־געגנער, פאר דער באפרייאונג פון דעבס'ן, און ז. וו. ווי וואלט אזא יוניאן געקאנט געצוואונגען ווערען צו אן אנדער האנדלונג דורך די אויטאריטעט פון דער פעדערישאן? און וואלט זי געקאנט אויף א ווייל<? געצוואונגען ווערען, איז עס ניט זיכער, אז זי וואלט געזוכט אלערליי וועגן, ווי זיך צו באפרייען פון אזא דעספאטיזם?

ניט לאנג צוריק האט מען אין ענגלאנד, פראנקרייך און איטאליען גערעדט פון א דזשענעראל סטרייק פאר דעם 21־טען יולי, פאר דער באפרייאונג פון אלע די, וואס זיינען געוועזן ארעסטירט אין דער צייט פון מלחמה, אלס איהרע געגנער, פאר א באלדיגער דעמאביליזאציע, פאר דאס ניט אריינמישען זיך פון די באטרעפענדע רעגירונגען אין די איצטיגע רוסישע מהומה, פאר דער צוריקציהונג פון די סאלדאטען, פאר דער אויפהייבונג פון דער רוסישער בלאקאדע און א. וו. פון דעם גאנצען סטרייק האט זיך אויסגעלאזען גארניט מיט גארניט. דאס איינציגע לאנד, וואו מען האט יע געמאכט אן ערנסטען פארזוך, איז געוועזן איטאליען. פאר וואס איז דערפון גארניט געווארען? ווייל די גאנצע אידעע פון דעם סטרייק האט געשטאמט פון די קעפ פון די ראדיקאלע פיהרער, וועהרענד די גרויסע מאסען זיינען געבליבען גאנץ גלייכגילטיג צו דער באוועגונג.

די ראדיקאלע פיהרער האבען געמיינט, אז זיי דארפען נאר ארויסריידען דאס ווארט צו א דזשענעראל סטרייק, און גלייך וועלען די ארבייטער מאסען זיין מיט זיי. דער רעזולטאט האט באוויזען זייער גרויסען טעות, און דער פועל יוצא איז, דאס זיי האבען אט דורך אזא טאקטיק פון מיסברויכען מיט דער מאכט און אויטאריטעט, וואס זיי האבען אונצווייפעלהאפט געהאט, זיך שטארק דיסקרעדיטירט, און עס וועט געדויערען איצט א היבשע ווייליע, ביז זיי וועלען קענען צוריק קריגען דאס ביסעלע איינפלוס, וואס זיי האבען געהאט אין דער ארבייטער באוועגונג.

עס איז דאכט זיך, קלאר, אז וואלט אן דער שפיצע פון דער א. פ. א. ל. געווען א שטארק ראדיקאלע מאשין און מיט פולער מאכט צו האנדלען, דאך ווען זי וואלט געווען קלוג און ווען זי וואלט געהאט אין זינען די גאנצקייט פון דער ארבייטער־באוועגונג, וואלט זי, אונטער די הערשענדע אומשטענדען, ניט געקאנט, ניט געטארט אנדערש האנדלען, ווי עס האט געהאנדעלט די קאנסערוואטיווע א. פ. א. ל.

מען דארף געדענקען אט דעם גרויסען אמת, אז אין דער ארבייטער־באוועגונג, ווי אין דער סאציאלער וועלט בכלל, מוז יעדע איבערבויאונג, וואס זאל האבען א קיום, און וואס זאל פיהרען צו עפעס בעסערעס, געטאן ווערען ניט פון אויבען, פון דאך, נאר פון אונטען, פון סאמע פונדאמענט. די ארבייטער־באוועגונג קען ניט בעסער, פארטגעשריטענער ווערען דורך א נייע קאנסטיטוציע פאר די א. פ. א. ל. די איז, אונטער די אומשטענדען, די אמבעסטען צוגעפאסטע. די פרייהייט פון יעדער יוניאן אין איהרע אייגענע אנגעלעגענהייטען, דאס איז די בעסטע גאראנטיע פאר די שטארקייט, פון דער ארבייטער־באוועגונג, וואס עס איז נויטיג, איז, אז יעדע יוניאן באזונדער, און יעדער מעמבער אין יעדער יוניאן זאל זיין דורכדרונגען פון דעם גייסט פון פרייהייט, פון יושר, און פון אן אמת'ער קלאסען־סאלידאריטעט. אזעלכע יוניאנס, מיט אזא מיטגליעדערשאפט וועלען שוין במילא באשאפען א גאנצע אנדערע צענטראלע קערפערשאפט.

פ. א.

דער פלאם פלאן פאר די ריילראודס

(א פאר קריטישע באמערקונגען) פון נ. בוכוואלד.

אנגענומען אז דער פלאמב פלאן באריהרט ניט אין עצם דעם רוקען־ביין פון דער עקזיסטירענדער אינדוסטריעלער סיסטעם, איז ער אבער אן ערפרישענדע ערשיינונג און באוויזט, אז אונזערע ארבייטער הויבען זיך שוין אן אויסצוטשוכען פון זייער שלעפעריגער פילאזאפיע פון „עי פעיר דעיז וואָרק פאר עי פעיר דעי וויידזשעס“. זיי וואגען שוין ארויפצוקלעטערן אויף א שפיץ בארג און קוקען אויף דעם ברייטען האריזאנט פון סאציאלע און עקאנאמישע מעגליכקייטען. פון דעם סאציאליסטישען, רעוואלוציאנערען שטאנדפונקט איז דער פארגעשלאגענער פלאן ווירקליך מעסיג אין זיין געוואגטקייט און ניט ווייט־געהענד אין זיינע מעגליכקייטען. דאך איז ער א סימפטאם פון א גוואלדיגער רעוואלוציע וואס קומט פאר אין דער וועלט־אנשויאונג פון דעם אמעריקאנער ארבייטער. די כוואליעס אין דעם ברויזענדען ים פון נייע סאציאלע באגריפען און עקספערימענטען האבען שוין, קענטיג, דערגרייכט אויך צו אונזערע ברעגעס. דער אמעריקאנער ארבייטער, די רויהע, אומגעהובעלטע מאסע מוסקולען פון ראדען'ס באריהמטער סטאטוע, הויבט שוין אן איבערלעבען די רוהלאזיגקייט פון סאציאלען דענקען; די פרימיטיווע רויהע מוסקולען זיינע הויבען שוין אן קאנוואולסירען פון א געדאנקען־דראנג.

איך ווייס ניט אויב סאוועטיזם איז דער איינציגער פראביר־שטיין פון אמת רעוואלוציאנערע און צו דער זעלבער צייט ווירקליך פראקטישע עקאנאמיש־פאליטישע איינריכטונגען, אבער דער פלאמב פלאן ענטהאלט אויך א שפור פון סאוועטיזם. לויט דעם דאזיגען פלאן האבען די אייגענטימער פון די אייזענבאהנען (די רעגיערונג) די קלענסטע דעה אין דער פיהרונג און די וואס זיינען באשעפטיגט אלס באצאהלטע מענשען (די ארבייטער און די אנגעשטעלטע) — די גרעסטע דעה. יא, געוויס, דער דעמאקראטישער פרינציפ איז נישט פאלקאם: די עטליכע טויזענד אנגעשטעלטע האבען א גלייכע דעה מיט די פאר מיליאן ארבייטער, אבער אין עצם איז דאס די אנערקענונג פון דעם פרינציפ, דאס די באשעפטיגטע אין דער אינדוסטריע און ניט די בעלי הבתים דארפען זיין די הויפט דעה זאגער. דאס איז א שפאן אין דער געהעריגער ריכטונג, ווי דער אמעריקאנער זאגט.

עס איז דאך בלויז איין טריט פון די אייזענבאהנען ביז די טעלעגראפען און טעלעפאנען, ביז דער פלייש־אינדוסטריע און אנדערע פונדאמענטאלע אל־נאציאנאלע אינדוסטריען. און אויב אין אלע וויכטיגע אינדוסטריען זאל אנגעווענדעט ווערען דער פרינציפ פון שטאאט־אייגענטום און ארבייטער קאנטראל, ווי ווייט איז דאס פון דעם פאדער־צימער פון סאוועטיזם? די איצטיגע אייגענטימער וועלען קריגען באצאהלט? טאקע אן עולה. אבער אויב פריוואט קאפיטאל וועט ניט קאנען מעהר זיין די קאנטראלירענדע מאכט אין די גרונד־אינדוסטריען פון לאנד איז דאך קיין גרויסער אומגליק ניט אויב אפילו די איצטיגע מאגנאטען וועלען קריגען באצאהלט פאר זייער אייגענטום בפרט נאך ווען, לויט דעם פלאן, וועלען די פראפיטען סטייען אויף אלעס. אמת'ער סאוועטיזם וואלט קאנפיסקירט די נאציאנאלע אינדוסטריען, אבער דאס וואלט דאך געווען א וואהרע רעוואלוציע און ניט קיין פ ל א ן ווי איינצואָרדנען דאס עקאנאמישע לעבען אין די גרעניצען פון די עקזיסטירענדע פאליטישע און רעכטליכע אינסטיטוציעס. אויף אזוי פיעל איז דער פארגעשלאגענער פלאן נאטירליך נישט רעוואלוציאנער, אבער, ווידער גערעדט, וואלט עס דען ניט געווען לינק־פלינלעריי פ ע ר ע ק ס ע ל א נ ס ווען די ארבייטער פארשטעהער זאלען אין פולען ערנסט פארשלאגען דער עקזיסטירענדער פאליטישער מאכט און דער עקאנאמישער און יורידישער סיסטעם זיך אויפצולעזען און מאכען פלאץ פאר א סאוועטען־רעזשים? אזעלכע זאכען שלאגט מען ניט פאר אלס ווירקזאמע פראקטישע פלענער; אזעלכע זאכען ווערען געבוירען אין דעם פייער און רויך, און בלוט פון א פאלקס־אויפשטאנד.

ניין, די צרה מיט דעם פלאם־פלאן איז ניט וואס ער ענטהאלט ניט גענוג סאוועטיזם. פאר אן אנהויב ענטהאלט ער א נישקשה'דיגע דאזע פון דעם דאזיגען אינגרעדיענט. די צרה איז וואס דער גאנצער פלאן איז געבוים אויף א וואקלענדען באדען.

לאמיר באטראכטען די קערפערשאפט וואס וועט אנפיהרען די געשעפטען פון די אייזענבאהנען. מר. פלאם שלאגט פאר א קארפאריישאן, וועלכע זאל באשטעהן פון 15 פערזאן: פינף פארשטעהער פון דעם „פובליקום“, אדער פון דער רעגירונג, ערוועהלט פון פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען; פינף פארשטעהער פון די אנגעשטעלטע און פינף פון די ארבייטער. די קארפאריישאן איז נישט קיין פריוואטע קערפערשאפט און דאך איז זי ניט קיין רעגירונגס־קערפערשאפט. זי קריגט איהר טשארטער פון דעם קאנגרעס, און דער קאנגרעס קען דעם טשארטער צוריקציהען אויב די קארפאריישאן קומט ניט נאך איהרע פליכטען.

טאמער מאכט זיך א שלעכט יאהר און עס איז דא א דעפיציט (און פריוואט קאפיטאל און פריוואטע אינדוסטריען קאנען אויף דעם דאזיגען געביעט פיעל מיטווירקען) איז אוים קארפארישאן. קיין פריוואטען קאפיטאל קען און וויל די קארפאריישאן ניט קריגען; פון וואנען צו דעקען דעם דעפיציט איז נישטא; די רעגירונג איז ניט מחויב צו דעקען איהם. די פריהערדיגע בעלי בתים מוז מען צאהלען פאר זייער „פראפערטי“; און אז מען קען ניט צאהלען איז דער קאנטראקט געבראכען, און אוים שולכעל! נאטירליך, מר. פלאם ערוואַרטעט אז עס וועט ניט קומען צו אזא זאך ווי א דעפיציט, אבער איז עס דען אן אבסאלוטע אונמעגליכקייט, בפרט נאך אין די ערשטע פאר יאהר?

דאס איז נומער איינס. צווייטענס, וועט דער פארגעשלאגענער פלאן ניט זיין קיין גליק פאר די אייזענבאהן ארבייטער גופא. מר. פלאם האפט, אז די פראדוקטיוויטעט פון די אייזענבאהנען וועט זיין ניט בערך גרעסער אונטער דער נייער פיהרערשאפט, ווייל די ארבייטער וועלען פשוט זיין פאראינטערעסירט מאטעריעל, אז קיין ענערגיע און קיין מאטעריאלען זאלען ניט געהן אין ניוועץ. ווארום זיי, די ארבייטער, וועלען דאך קריגען א „לייבאר דיווידענד“ וואס וועט, לויט דעם פלאן, באטרעפען פינף פראצענט פון דער גראס־איינגאהמע.

דעם עצם פרינציפ פון אזא מין „לייבאר דיווידענד“ דארף מען נעהמען „וויטה עי גריין אוו סאלט“. דאס איז א מין ארטיקעל וואס איז, אדער גוט, אדער שלעכט. עס איז די האפנונג פון סאציאליסטען, אז אין דער סאציאליסטישער ארדנונג וועלען די ארבייטער זיין ניט וועניגער נאר מעהר פלייסיג ווי אונטער דער איצטיגער ארדנונג, ווייל דאן וועלען זיי ארבייטען ניט פאר די בעלי הבתים, נאר פאר דעם כלל פון וועלכען זיי זיינען א טייל. וויל מען, קען מען אנווענדען דעם זעלבינגען קוק אויך אויף דעם פלאם־פלאן. מען קען אבער, פארקעהרט, אין איהם זעהן א מין פראפיט־שערינג סיסטעם, וואס איז באוואוסט אלס א מיטעל צו פארהיטען סטרייקס און קלאסען־באוואוסטזיין אין אלגעמיין.

די ארבייטער, אונטער דעם פלאן, וועלען ניט ארבייטען פאר זיך, וועלען ניט ארבייטען אין א סאציאליזירטער עקאנאמישער סיסטעם, נאר פאר

אין דער לופטען

(פעליעטאן.)

פון א. וואהלינער

איך בין איצט אויף וואקיישאן אין די קעטסקיל־בערג.

און איך ליעג איצט אויפ'ן שפיץ פון א הויכען, הויכען בארג, און די ערד אונטען זעהט אויס אזוי נישטיג און קליין. און פון־זיך ציהען זיך די הענט צו די הימלען — ציהען זיך און קענען ניט דערגרייכען.

און כאטש דו ביזט אזוי ווייט פון דער ערד, פיהלסט ווי קליין און נישטיג און מיאוס זי איז. און א פינסטערניש הויבט זיך פון איהר און שטיקט דיך און דריקט דיך. און עס דערטראגט זיך צו דיר געשרייען פון קאמף און דעם גערוך פון טויט.

און דער „בלאף“ שטייגט פון אונטען ארויף צו דיר אזש אויפ'ן שפיץ פון דיין בארג. דער „בלאף“ פון שלום. דער „בלאף“ פון קאמף קעגען יקרות — דער „בלאף“ פון אלץ מיט אנאנדער.

און דער מיאוס'ער גערוך פון די האטעלען און די נארישע קוויטשערייען פון די געסט.

און דער הימעל איז אזוי נאהענט, אבער דו קענסט איהם ניט דערגרייכען.

און אז דו קענסט דעם נאהענטען הימעל ניט דערגרייכען, חלומ'סטו וועגען איהם מיט מעהר לייזענשאפט און מיט מעהר וועהטאג, און דו חלומ'סט וועגען דער גליקליכער מענשליכער צוקונפט, וואס איז מעגליך געווארען א דאנק דער נייעסטער פליה־קונסט.

און דו חלומ'סט און דו זאגסט אזוי:

בויג אן דיין קאפ, אט מענשען־קינד, צו דער ברוסט פון דיין געליעבטער און זאג איהר אזוי:

איין וואונק, אט, מיין מלאך! און איך וועל זיך א הויב טאן אויפ'ן „אר־34“ און איך וועל דיר דערלאנגען דאס טעלערעל פון הימעל.

און איך וועל א טאפ טאן דעם נייעסטען עראפלאן און וועל זאר דיר ארויסרייסען דעם שענסטען שטערען פון הימעל און איהם איינפאסען אין דיין „דיימאנד רינג“.

און אז די לבנה וועט — לויט איהר אלטער געוואוינהייט — נארישוואטע־כיטרע אראפקוקען אויף אונז אין פארק בעת אונזערע נשמות וועלען אויסגעהן פאר ליעבע און אונזערע ליפען וועלען זיך דורשטיג ציהען פון איינעם צום צווייטען, וועל איך א פליה טאן און וועל איהר אפרעקען דאס נארישע, חוצפה'דיגע פנים.

און טאמער וועלען מיר, אט געליעבטע מיינע, ניט קענען קריגען קיין וואוינונג אין דעם איצטיגען מאנגעל אין הייזער און מיר וועלען ניט קענען גרינדען אויף דער ערד אונזער פאמיליען־גן־עדן, וועל איך דיך אויף א באפאנצערטער לופט־שיף ארויפברענגען אין דעם הימלישען גן־עדן, וואו די מוטער חוה און די מוטער שרה וועלען דיך אונטערהאלטען מיט רכילות אויף אלע ווייבערשע דורות.

און דארט וועל איך דיר אויפנעהען די שעהנסטע קליידער פון די סאמע ריכטיגע פייגענבלעטער.

און אז דו וועסט, אט מיין אייביגע, חשק האבען, ווי אלע נייגעריגע ווייבער, זיך א שפיעל צו טאן מיט פייער און די וועסט זיך אפברענען די פליגעלאך דיינע, וועסטו תמיד קענען האבען א תירוץ, אז דאס האסטו זיך געשפיעלט מיט דער זון אדער מיט דער שכינה און ניט מיט פארבאטענער ליעבע.

און אז דו וועסט קומען אין די מיטעלע יאהרען, ווען עס וועט זיך ביי דיר צוברענען די לוסט צו פארדארבען יונגע, מענערשע אומשולד, וועסטו האבען א וועלט מיט מלאכים ארום זיך.

און אז דו וועסט אויף דער עלטער, נאך א שטורעמדיגער פארגאנגענהייט — ווי געוועהנליך ווייבער מיט א שטורעמדיגער פארגאנגענהייט — דארפען ווערען א שטעלקע מיט'ן רבונו של עולם, וועסטו איהם האבען צו דער האנט.

אזוי, מיין קרוין, וועל איך דיר פארזיסען דיין לעבען דורך מיין עראפלאן פון לעצטען מאדעל.

און אט אזוי, ארומער פריינד מיינער, קענסטו חלומ'ען אויף דער ברוסט פון דיין שענהייט. און חלומ'ען אזוי קענסטו ניט דוקא אויף איהר ברוסט.

קום אהער און איך וועל דיר ווייזען, ווי אזוי אונזער ערד וועט זיך בכלל דורך דער לופט־פליהעריי דערנעהענטערען צום הימעל און וואס פאר נייע הימלישע באציהונגען עס וועלען זיך איינשטעלען צווישען די ערדישע און הימלישע ספערען.

איך זאג אזוי:

פריהער, אז א מענש האט באדארפט געבוירען ווערען, האט א ספעציעלער מלאך באדארפט אראפברענגען די נשמה. איצט וועט מען זי אראפברענגען מיט אן עראפלאן. דערמיט וועט מען אפשאפען די מלאכים־פראפעסיע און די מלאכים וועלען זיך מוזען נעהמען צו א ניצליכערער ארבייט. אפשר וועלען זיי לייזען די אנגעוועהטאגטע דיענסט־פראבלעם. אנשטאט צו נעהמען א דיענסט, וואס זאל מיט דער צייט ווערען דעם בעל־הבית'ס מלאך, וועט

בעני

(ערצעהלונג)

פון א. ליב שווארצבורג

...ינף יעהריגער אינגעל מיט ...כדיג פנימעל און געריכמע ... איז געזעסען אויפ'ן טראָ־ ...אָזענדיג די פיס אויפ'ן ...ט שטיל געווייגט. דער גע־ ...מנים פון פארטריקענטע ...י ארבעל פון די סיטצענע ... וועלכע ער איז געווען אנ־ ... נעווען פארשמוצט מיט

...פון איהם ביים טראָטואר ...שפיעלט א גרופע קינדער ...א הויף וואוקסיגען שטאר־ ...אר וועלכען ... איבעריגע ... געהאט רעספעקט.

...זעסען און האט מיט זשער־ ...וקט אויף די קינדער צו ...שיינט ער האט מורא גע־ ...ר פלעגט פון צייט צו צייט ...יט'ן ארבעל איבער'ן גע־ ...ט נאכהער זוכען נייע בלוט ... נאז וואס אלעקס — דער ... דער גרופע קינדער האט ...ן.

...נט האט בעני שוין אנגע־ ...זק צו וויינען נור ער האט ...וילט אויפהערען און האט ...רויסלאזען לאנגע ציהענדע ... זיינען געווען מעהר פא־ ...יעפע זיפצען איידער אויף

...ואהל פארטראָגען אין שפי־ ...ען מאהל ווען בעני פלעגט ...ליפ און אנפאנגען א צוויי־ ...ן זיך און א קוק טאָן מיט ... אויף בענין. ווען זייערע ... זיך באגעגנען, פלעגט ...ן מיט א טאן העכער זיין ...ט האס אבקעהרען זיך פון

...ינער געדאנק וואס האט ... פארנומען איז געווען נע־ ... אלעקס'ן, נור מיט וואס ... זאל ער עס דערגרייכען ... געוואוסט. פערשיעדענע ...ענדיג איינע די צווייטע ...ריעט אין זיין קינדישען ...ינעם פון זיי האט ער גע־ ... נישט קענען דורכפיהרען. ...יישפיעל אז דער אנקעל ...ומען און וואלט איהם גע־ ... וואלט ער געקויפט פיר ...טשעקערס, וואלט זיי אומ־ ... צו אלע קינדער זיי זאלען ... אלעקס'ן ניט שפיעלען. ... געוואוסט אז היינט וועט ..., ווייל ער איז נישט לאנג ...אט אז ער וואלט מיט ...געווארען אזוי, אז ער זאל ...ם אנטזאגען זיך איהם צו קענען א ווארף טון אלעקס'ן אויף דער ערד און לאזען איהם בלוט פון נאז אזוי ווי אלעקס האט איהם געטאן, אבער ער האט מורא צו געהן צו איהם פייטען און זעהן צו ער איז טאקע מיט אמאל געזונד געווארען. אין מיטען דערינען האט ער זיך דערמאנט אויף יענער מאמען וועלכע איז געווען איידער די נייע מאמע איז געקו־מען. אז יענע מאמע וואלט יעצט געווען וואלט ער שוין קיין דאגה ניט געהאט ווי אפצוצאהלען אלעקס'ן. גלייך ווי ער האט איהם געלאזען בלוט פון נאז וואלט ער אוועקלויפען אהיים און וואלט עס איהר דערצעהלט; זי וואלט שוין מסתמא אלעקס'ן ניט געשוויגען, זי וואלט איהם שוין געוויזען, אבער יענע מאמע איז שוין לאנג ניטא, אזוי לאנג, אז ער האט שוין פערגעסען ווי זי האט אויסגעזעהן. ער וויל זיך דערמאנען ווי זי האט אויס־געזעהן און מיהט זיך ארויסרופען איהר געשטאלט אין זינען, נאר אנשטאט איין געשטאלט שטעלט זי זיך איהם פאר אין פיעלע. אט זעהט ער זי ווי זי געהט צו איהם צו אין דער פריה אז ער כאפט זיך אויף פון שלאף. זי קומט צו זיין וויגעלע און לאכט, ער וויל זי אבנארען פערמאכט ער די אויגען און מאכט זיך שלאפענדיג און אז זי וויל שוין אוועקגעהן צוריק שטעלט ער זיך מיט אמאהל אויף, כאפט זי ארום פאר'ן האלז, דריקט זיך צו איהר און פערלייגט זיינע הוילע פיסלאך ארום איהר טאליע. זי וויל איהם אראפווארפען פון זיך, הויבט זיך אן דרייען, ומאטערט זיך פאנאנדערנעמען זיינע פיסלאך, אבער ער האלט זיך שטארק שטארק און וויל זי נישט אפלאזען ביז וואנען זי טהוט איהם נישט א קוש און דאן ערשט לאזט ער זי אפ און וויל אראפשפרינגען אויפ'ן פלאר, אבער די מאמע ערלויבט איהם ניט, ווערט אויף איהם אין כעס און לאזט איהם פא־מעלאך ארונטער.

פאר יענער מאמעס כעס האט ער קיין מאהל מורא געהאט, און אז זי פלעגט איהם שלאגען פלעגט ער לאכען ווייל עס האט איהם נישט וועה געטאן.

ער געדענקט ווי איין אנדערש מאהל פלעגט ער זיך אין דער פריה, אז דער טאטע און די מאמע פלעגען נאך שלאפען שטיל, שטיל ארויסגנב'ענען פון זיין בע־טעל, פלעגט ארויפקריכען צו דער מאמען אין בעט און נעמען שפיעלען מיט איהרע לאנגע האאר, פלעגט טיעף ארייגלאזען אין זיי זיינע הענטלאך, פלעגט נעמען פלעכטען זיי צוזאמען ווי די מאמע טוט עס אדער פלעגט אנעמען א פולען הויפען האאר און פלעגט עס צושפרייטען זיך איבער'ן געזיכט אדער ארומדרעהען עס ארום זיינע הענטלאך און פארשטעלען אז ער איז צוגעבונדען צו דער מאמען. און אז איהם פלעגט ווערען קאלט, פלעגט ער לאנגזאם אויפהויבען די קוועלט און אריינ־קריכען אונטער'ן קוועלט, די מאמע פלעגט איהם דאן ארומנעמען און ער פלעגט איינשלאפען צוגעדריקט צו איהר און אז ער פלעגט ניט קענען איינשלאפען און שרעקען זיך פיר דעם קלאפען פון זייגער פלעגט ער נעמען טרובען איהר אין אויער און קיצלען זי. די מאמע פלעגט זיך דאן אויפכאפען, קוקען אויף איהם ברוגז און ווייזען אויפ'ן טאטען וואס שלאפט מיט איין אפענער האריגער ברוסט און שטארק כראפענדיג.

פאר דעם טאטען האט ער מורא, איבערהויפט דאן ווען ער פלעגט קומען אהיים א פערשמוצטער מיט שווארצע הענט און אלטע קליידער. טאמער פלעגט ער דאן ניט זיצען שטיל און פלעגט שרייען, אדער ארומטאנצען איבער'ן הויז פלעגט דער טאטע אראפכאפען דעם סטראפ און פלעגט איהם שמייסען. אזוי איז דער טאטע ניט קיין שלעכטער, ווען ער וואלט נישט געהאט קיין סטראפ וואלט ער געווען גאר א גוטער. איהם, דעם טאטען וועט ער ניט בעטען ער זאל געהן אנשלאגען אלעקס'ן ווייל ער ווייס אז ער וועט ניט געהן און אויב דער טאטע וועט קומען אהיים מיט אראפגעלאזענע אויגען און וועט ניט שמייכלען האט ער מורא אז ער זאל נאך איהם, בענין ניט אנשלאגען מיט'ן סטראפ אז ער וועט זיך פאר דעם טאטען קלאגען זיך אויף אלעק־סען. ער וועט עס גאר ניט דערצעהלען אין דער היים אז אלעקס האט איהם צו־בלוטיגט די נאז ווייל נאך מעהר איידער פיר'ן טאטען האט ער מורא פאר דער נייער מאמע וואס איז געקומען צו זיי נאכדעם אז מען האט יענע מאמע אוועק־געפיהרט אויף א וואגען מיט צוויי פערד. וואוהין האט מען עס זי אוועקגעפיהרט? ווארום קומט זי קיינמאהל נישט? ער געדענקט אז די טאנטע וואוהין מען האט איהם צוגענומען באלד נאך דעם ווי מען האט צוגענומען די מאמע האט איהם געזאגט אז די מאמע איז אוועק אין הימעל, אבער ווארום האבען דאס אלע גע־וויינט ווען מען האט זי אוועקגעפיהרט? ער, בעני, האט ניט געוויינט ווייל נאך א צייט איידער מען האט זי צוגענומען איז די מאמע געווארען איין אנדערע. פלעגט אימער ליגען אין בעט מיט פער־מאכטע אויגען, פלעגט קרעכצען און קיין מאהל נישט לאכען ער איז אויף דער מאמען געווען זייער אין כעס דערפאר. זי האט זיך געווען ארומגעשטעלט מיט אלערליי פלעשלאך פון וועלכע עס האט געשלאגען מיט א שלעכטען ריח אזוי, אז מען האט צום בעט נישט געקענט צוגעהן, האט ומיט קיינעם נישט גערעדט און אז ער פלעגט וועלען עסען פלעגט ער דארפען ווארטען ביז וואנען די נעקסט דאָריגע פלעגט קומען און געבען און זי פלעגט נישט וועלען אויפשטעהן. דאן איז די מאמע געווען זעהר שלעכט, נאך ערגער פון דעם טאטען. אין הויז איז דאן געווען אויך זעהר אומעטיג: דער טאטע פלעגט אומגעהן מיט אראפגעלאזענע ברעמען און פלעגט נישט רעדען, פלעגט אפילו אויף איהם נישט שרייען ווען ער פלעגט זיך צושטיפען: נאכהער געדענקט ער ווי איינמאהל ביינאכט איז אין הויז געווא־רען א טומעל, עס זיינען אנגעגאנגען פיע־לע מענשען, מען האט אראפגענומען די מאמען פון בעט און אוועקגעלעגט אויפ'ן פלאר און ארומגעשטעלט ארום איהר לייכטער וואס די מאמע פלעגט שטעלען אויפ'ן טיש פרייטאג און פארמאכענדיג די אויגען פלעגט זי עפעס שעפטשען אי־בער זיי. ער האט זיך געווען דערשראקען פאר דער מאמען און פאר די ליכט וואס האבען נעבען איהר געברענט און האט אנגעהויבען וויינען. עפעס א ליידי וועלכע ער האט קיינמאל ניט געזעהן איז צוגע־גאנגען צו איהם און האט איהם געהייסען שלאפען. נאך דעם אז ער האט זיך אויפ־געכאפט האט ער געזעהן ווי מען האט די מאמען אוועקגעלעגט אין א וואגען און אוועקגעפיהרט און דער מאמעס פיקטשור אויפ'ן וואנד האט מען איבערגעקערט.

נאכהער געדענקט ער איז געקומען די טאנטע און האט איהם אוועקגעפיהרט צו איהר. און א ער איז צוריק אהיים גע־קומען האט ער דערוויסט זי, די נייע מא־מע וועלכע איז אויף איהם שטענדיג אין כעס.

— בעני, בעני, דיין מא זוכט דיך האט איהם עפעס א אינגעל געזאגט.

ער איז לאנגזאם אויפגעשטאנען און איז אוועק אהיים.

אין'ם אריינגאנג האט איהם בעגע־גענט די מאמע און אז זי האט דערזעהן זיינע צוריסענע און קויטיגע אווער‌אלס און זיינע פערשמוצטע הענט און געזיכט האט זי אויף איהם א קוק געטאן אזוי אז בענין איז היים געווארען און האט געזאגט: — ווארט זאל נור דער פא קו־מען, דו וועסט שוין קריגען.

בעני האט איהר געוואלט דערצעהלען אז ער איז ניט שולדיג, דאס האט אלעקס אנגעלערנט די קינדער מען זאל ביי איהם אבנעמען די טשעקערס און אז ער האט ניט געוואלט לאזען, האט איהם אלעקס א קלאפ געטון אין נאז אזוי, אז בלוט איז אוועק. נור ער האט מורא געהאט פאר דער מאמעס אויגען און האט טיעפער געכליפעט. אז מען איז אריין אין הויז האט בעני געווארט אז זי זאל איהם נעמען שלאגען און דאן וועט ער איהר אלעס דערצעהלען, ווייל אליין אנפאנגען האט ער מורא געהאט נור זי האט געשוויגען און האט נור געקוקט אויף איהם. פאר וואס קוקט זי אזוי אויף איהם? וואס האט ער געטאן? דאס האט דאך איהם אלעקס צושלאגען די נאז, די אווער‌אלס האט ער איינגעריכט אז ער האט זיך א גליטש געטון און איז געפאלען אין א בלאטע. ער האט גאר נישט געטון. ניין, הפנים אז זי איז זעהר א שלעכטע. אפשר גלייכט זי אלעקסען מעהר איידער איהם? וואס איז זי אין גאנצען געקומען אהער? זאל זי אוועקגעהן און יענע מאמע זאל קומען!...

די טיר האט זיך געעפענט און דער פאפא איז אריין אין הויז. ווי נור בעני האט אויף איהם א קוק געטון האט ער פערשטאנען אז היינט איז ער אנדערש ווי אעל מאל. די ברעמען זיינען ביי איהם נישט געווען אראפגעלאזען און האט גע־שמייכעלט. בעני האט געפיהלט אז דער פאפא איז היינט א גוטער און ווען ניט די מאמע וואלט ער גארנישט מורא געהאט דערצעהלען איהם אז מען האט ביי איהם אבגענומען די טשעקערס און אז אלעקס האט איהם צושלאגען די נאז. א חוץ דעם וואלט ער איהם דערצעהלט אז ער האט היינט געזעהען ווי א פערד איז געפאלען אין סטריט און ווי מענשען האבען זיך ארומגעקליבען און געהויבען איהם, ווי עפעס א ליידי האט איהם געגעבען א פעני און ער האט געהאט א רייד אויף א קליינינקען פערדעלע אנגעטאן אין גאנ־צען אין גלעקלאך און גלאט אזוי וואלט ער אליין ריידען מיט'ן פאפא, נור די מאמע האט געקוקט און ער האט מורא געהאט עפענען דעם מויל. א דער פאפא האט א קוק געטון אויף דער מאמען האט ער זיך געווענדעט צו בענין און געזאגט:

— וואס איז, וואס איז דא געווען? פון וואנען האט דער פאפא געוואוסט אז עס איז דא עפעס געווען האט בעני ניט גע־קענט פארשטיין, ווער האט עס איהם דערצעהלט? נור ער האט זיך דערמאנט אז א פאפא ווייס אלעס אליין און דארף קיינעם ניט פרעגען.

— וואס איז דא געווען, „פרעגסטו?“ איך זעה פון איהם די ווערט נייעט, וואלט אכצעהן ומאל א טאג גע'הרג'עט געווארען ווען איך וואלט איהם נישט געהיט. ער איז איין אונגליק אויף ומיינע יונגע יאה־רען, דיין שמוציגער זוהן, גיב נור א קוק אויף איהם וועסטו זעהן.

אז דער פאפא האט עס דערהערט האט ער גארנישט געענטפערט נור די ברעמען האבען זיך ביי איהם צום שטעל אראפ־געלאזען. בעני איז זייער אין כעס געווא־רען אויף דער מאמען ניט דערפאר וואס זי האט איהם פאר'מסר'ט, ווייל היינט אז דער פאפא איז געקומען און געשמייכעלט, האט ער געוואוסט, אז דער פאפא וועט איהם גארנישט טאן. ער איז געווען אין כעס, וואס איבער איהר האט דער פאפא אויפגעהערט צו שמייכלען און האט אראפגעלאזען די ברעמען. און איהם האט זיך אזוי געוואלט, אז דער פאפא זאל שמייכלען...

די מאמע איז הפנים ברוגז געווארען אויפ'ן פאפא ווייל זי האט נור געשטעלט סאפער צום טיש און איז אליין אוועק. בעני איז געבליבען מיט'ן פאפא אליין אין הויז. נאכ'ן סאפער האט איהם דער פאפא צוגערופען צו זיך און וועקלענענ־דיג זיין האנד אויפ'ן קאפ האט ער צו איהם געזאגט. — בענעלע, ווארום ביזטו א שלעכטער, הא? זיי א גוטער וועל איך דיר ברייגגען פרעזענטען און וועל דיך ...ייכען.

בעני געדענקט ניט אז דער פא זאל מיט איהם אזוי ריידען. ער האט אויפגע־הויבען זיינע אויגען צום פאפא זעהן ווי קוקט ער יעצט. בעני איז געווען זיכער אז יעצט האט דער פאפא אויפגעהויבען די ברעמען און שמייכעלט, אבער ווי ער־שטוינט ער איז געווארען אז ער האט דערזעהען טרעהרען ביים פאפא אין די אויגען. עפעס האט זיך אריינגעריסען אין בענים הארצען און האט איהם צונג־

---

* * *

...נסען, דער באריהמטער ...ישער מעיאר פון סיאטעל, ...אט רעזיגנירט, דער מאן ...טרייקערס ניט געוואלט ...מוז ער ס י א ט ל ע ן.

* *

... מעגליך, אז עס זאל דעם ...ינגען צו געווינען, דורך ...דעם אמעריקאנעם עולם ...פון נאציאנען. ווילסאן ...נער. א וועלט־שם. אבער ...דערמאנען אן דעם אלטען ...אריהמטען שטאאטסמאן: ...יז צו איבערטרייבען! און ...ז צו א י ב ע ר צ י י־

* *

...נדע אקטיארען מענשלען ... זיינען שוין כמעט גלייך ...מאכער פון מיט א פאר ... זיי האבען שוין אויף א ...אס זוכט זיי צו צעברע־ ...איז ווי א קינד: איידער ...צו זיין גאנצער גרויסקייט ... עס פריהער איבערקומען ...נדער־קראנקהייטען. און ...אבען אפילו א שטיקעל ...פ...

* *

...ענקט אימער אז דאס לע־ ...ען פעדלער איז נאך נישט ווערט. איז לעצטע וואך געקומען א גענג־סטער און האט באוויזען דער פאליציי, אז זי האט געמאכט א טעות אין איהר אפ־שאצונג. דאס לעבען פון א אידיישען פעד־לער, האט באוויזען דער גענגסטער איז ווערט פולע הונדערט דאלאר! זיין בא־וויז איז געווען א שלאגענדער: פאר דער־שלאגען א פעדלער האט ער זיך געלאזט באצאהלען א גאנצען הונדערטער. אבער ווי טייער דער דאזיגער פרייז פאר א מארד זאל נישט זיין איז ער נאך אלץ ביליג ווי בארשט, ווען מען פארגלייכט איהם מיט די פרייזען, וואס די באריהמטע 4 גענג־סטער: לעפטי לואי, דזשיפ דהי בלאד און אז. וו. האבען זיך אמאל געלאזט בא־צאהלען פאר שיסען א מענשען: א גאנ־צען טויזענדער האט מען זיי געמוזט אפ־שטעקען פאר ערמארדען דעם געמבלער־קעניג ראזענטאל! איהר וועט זאגען, אז דאס איז דערפאר ווייל אין דער היינטי־גער ארדנונג איז א געמבלער מעהר ווערט פון א פעדלער. מעגט איהר זיך אזוי זאגען. אבער איך זאג אנדערש. איך זאג, אז דאס איז א צייכען פון דער צייט: מאכען א לעבען ווערט אלץ טייערער און טייערער, אבער מאכען א טויט ווערט אלץ ביליגער און ביליגער... אך, פאטער דערבארימדיגער! וואס ביזטו פארט איוי־סען מיט דיין קאפ־אראפדיגער און פיס ארויפדיגער וועלט־פיהרונג?

טהאן איז צו זיין טריי צום גייסט אבער ניט צום ווארט.

„עס איז געקומען א צייט" — זעצט מר. זיהלמאן פאר נאך אלץ זיין ענט־פער צו מיין ערשטער פראגע — „ווען די ארבייטער פראגע איז די וויכטיגסטע פראגע פון לאנד. עס איז די פראגע וואס וועט ענטשיידען די צוקונפט פון אונזער לאנד. עס וועט ענטשיידען אונזער ראלע אין דער וועלט און אויך אונזער אייגע־נעם וואהלזיין. אין דיזער צייט איז נאך טויזענד מאל וויכטיגער צו האבען אין קאנגרעס מענשען וואס האבען געריבען שולטערען מיט'ן פאלק, וואס ווייסען וואס עס איז נויטיג נים נאר צו פארבע־סערען די לעבענס צושטענדע פון די גרוי־סע מאסען, נאר אויך וואס עס איז נויטיג אום צו מאכען א פיעל ברייטערען און בע־סערען שטאאט, ווי צו געבען בעסערע ערציהונג און בעסערע בילדונג אום צו מאכען בעסערע בירגער, ווי צו ברייננען בעסערע פערשטענדניסע צווישען די פאר־שיעדענע אינטערסען, ווי צו מאכען שעה־נער און רייכער און פארנינפטיגער דעם צוזאמענלעבען פון אונזער פאלק.

„דער לאיער, ער האט זיין ספעציאלי־טעט, די וויסענשאפט פון יוריספרודענץ. אבער ווען עס קומט ארויף א פראגע וואס האט די אינטערעסע פון, וועל, פון די מענער און פרויען און קינדער אין די פאבריקען און די מינעס, און קליינע סטארקעלעך אדער שעפערלאך, אויף די פעלדער און וועלדער, אויף די פארמס און קאטאן פלאנטאצ'יעס — ווער ווייסט נאך בעסער וואס זיי דארפען ווי דער וואס איז אליין געווען אן ארבייטער? דער לאיער קען דאן ניט פארטרעטען זייערע אינטערעסען אפילו ווען ער זאל באמת דאס וועלען טהאן. דאס דארף זיין די אויפגאבע פון דעם ארבייטער קאנגרעסמאן."

נאך דיזער לאנגער דרשה, וועלכע איז אבסאלוט אמת, איז געווען נאטיר־ליך מיין פראגע: „צו דענקט ער ניט, אז אן ארבייטער וואלט מעהר געקענט אויפ־טהאן ווען ער זאל ערוועהלט ווערען אלס ארבייטער, פון א בעזונדערער ארבייטער פארטיי, איידער אלס רעפובליקאנער, ווי ער אליין איז ערוועהלט געווארען?"

„געוויס ניט!" — האט מר. זיהלמאן געענטפערט זעהר עמפאטיש. — „דער ארבייטער וואוט קען האבען פיעל מעהר מאכט ווען ער האלט זיך אן אין די פא־לעס פון א פארטיי וואס האט א סך שטימען, וואס האט קראפט און איינפלוס, וואס קען עפעס אויספיהרען און דורכפיה־רען. אליין אין א פאליטישער פארטיי זיינען די ארבייטער מאכטלאז.

„עס איז דא נאך א צרה מיט אן אר־בייטער פאליטישער פארטיי: זי גיט נאך נייע אורזאכען פאר קריגערייען און רייסע־רייען אין די אייגענע קרייזען. עס וועט אויך זיין שווערער צו קריגען די ארביי־טער צו שטימען פאר אן אייגענער פארטיי ווי פאר אן אייגענעם מענשען וואס לויפט אויף א טיקעט פון אן אלטער פארטיי. צו טרייען ברייננען אלע ארבייטער אונ־טער אן אייגענעם פארטיי באנער וועלען אריינקומען די אלע צוגעבונדענקייט צו די אלטע פאליטישע פארטייען, וואס ביי א סך איז נאך געבליבען ירושה פון זייערע זיידעס און פאטערס. ביי אנדערע קומען אריין די געזעלשאפטליכע, שטאד־טישע, אדער פרעטוירנאל צוגעבונדענקייט אין פאליטיק. די ארבייטער וועלען זיך אליין שאדען מיט'ן גרינדען אן אייגענע פארטיי אנשטאט צו זעהן קריגען זייער גאנצע מאכט פאר די אייגענע מענשען וואס לויפען אויף די טיקעטס פון די אנ־דערע פארטייען".

איך פרעגט ווייטער מיינע געוועהנלי־כע פראגעס: „זייט איהר פאר רעגיערונגס אייגענטהום?"

„ניין." ענטפערט מר. זיהלמאן. „איך בין פון אלע מאל א געגנער פון רעגיע־רונגס אייגענטהום. אונזער רעגיערונגס סיסטעם איז אזעלכע אונטער וועלכער רעגיערונגס פערוואלטונג פון די אינדאס־טריען מוז זיין א פעיליור. אונזער רע־גיערונגס סיסטעמע איז א פאליטישע ניט קיין אינדוסטריעלע. דיזע סיסטעמע איז אין אבסאלוטער געגענזאץ פון אינדאס־טריאלער עפישיענסי. דער דזשאב וואס דער פאליטישען גיט, איז א בעלוינונג פאר פאליטישער ארבייט און ווערט געגעבען צו דעם וואס קען דעליווערען די מעהרסטע צאהל שטימען אין די וואהלען און ניט צו דעם וואס קען אמבעסטען טהאן די ארבייט. איהר געפינט דארום די שרעק־ליכסטע מיספיטס אויף די בעסטע דזשאבס. די ארבייט ווערט ניט געטהאן ווי עס בעדארף צו זיין און עס איז א סך געזינטער פאר'ן לאנד אז די אינ־דאסטריען זאלען בלייבען אין די פריוואַ־טע הענט".

אזוי ווי מר. זיהלמאן איז ניט פאר א בעזונדערער ארבייטער פארטיי, ניט פאר רעגיערונגס אייגענטהום, ניט פאר'ן בענוצען דעם מיטעל צו סטרייקען צו אפט און ניט אנפיהרען קיינע לויטע אגיטאציעס און פראטעסטען, און ניט די אלע אנדערע זיבען זאכען וואס ווערען גע־וועהנליך געפריידיגט פאר די ארבייטער צו טהאן, האב איך איהם געבעטען צו גע־בען מיר זיין מיינונג וואס די ארבייטער זאלען טהאן אום זייער ווילען זאל אביסע־לע בעסער פארווירקליכט ווערען ווי ביז איצטער.

אויף דעם האט מר. זיהלמאן געגעבען דעם ענטפער, אז בילדונג, בילדונג און בילדונג וועט אם בעסטען העלפען די ארבייטער. די ארבייטער דארפען זיך ביל־דען ניט נאר אין די עלעמענטארע למודים נאר אויך זיך ערציהען פאליטיש. די ארבייטער האבען ליידער צו ווייניג מענ־שען צווישען זיך וואס פארשטעהען ריכ־טיג וואס זיי פעהלט און נאך ווייניגער מענשען וואס ווייסען ווי דאס צו פאדע־רען. אין ענגלאנד, צום ביישפיעל, זענען די ארבייטער פיעל בעסער פאליטיש ער־צויגען ווי ביי אונז אין אמעריקא. זיי האבען אויך צווישען זיך א סך מעהר גע־לעהרענטע מענשען. דאס ציינט זיך שטארק ארויס אין דער פיהרערשאפט אין די פאדערונגען און אויך די רעזולטאטען וואס די לייבאר פארטיי האט דארטען גע־בראכט.

מר. זיהלמאן איז פאלקאם גערעכט. עס פעהלט די ארבייטער זעהר, זעהר פיעל פאליטישע ערציהונג און אין אלגעמיין בילדונג. דאן וואלטען זיי אהנע צווייפעל אויך געהאט פיעל בעסערע פיהרער אין די יוניאנס און זיכער אויך א היבש בי־סעל פעהיגערע קאנגרעסלייטע...

ברידערליכע הילף

אין דעם שאפ פון ה. קויפמאן, 110 וועסט 23טע סט., איז אן ארבייטער קראנק געווארען און האט געמוזט אוועקפאהרען אין א קאונטרי פלאץ. אום ארויסצוהעל־פען דעם קראנקען ברודער האבען די אר־בייטער באשלאסען צו ארבייטען יעדע וואך אן עקסטרא שטונדע אווערטיים. דאס איז א גרויסארטיגער ביישפיעל פון מיטגעפיהל און ברידערליכער יוניאן־הילף. דער שאפ איז אונטער דעם קאנ־טראל פון דער הויז דרעס, קימאנא און בעטה ראב־מייקערס יוניאן לאק. 41.

פרעזענטירט דעם שאפ־טשערמאן

ברודער פיליפ קאטץ, דער שאפ־טשער־מאן פון דער נאוועלטי דרעס קאמפ. איז פרעזענטירט געווארען פון די ארבייטער אין דעם שאפ מיט א גאלדענעם זייגער, פאר זיין גוטער יוניאן־ארבייט.

א ווערטערבוך פאר קבצנים

פון א. ל. וואלפסאן

קוה

א כשר'ע בהמה'לע,
וואס טרוימט
פון היי און קלייען;
און לאזט זיך
מעלקען
אהן פראטעסט,
אבי זי האט
צו קייען.

אַרבייטאָרער

א האנד וואס שאפט
פאר אלעמען,
שאפט ראסט־לאז
טאג און נאכט;
און האט
א דענקונגס־אפאראט,
דאך זעלטען ווען
עס טראכט.

האהן

אן עוף אזא,
וואס וועקט
און רופט,
וואס וועקט פון שלאף
דעם מיעדען;
די מענשהייט צאהלט איהם
פאר זיין דיענסט
מיט מינצען, ווי דעם אידען.

איד

א גריבלער
אין דעם לעבען'ס סוד
און פארשט דעם קוואל
פון צרות;
די מענשהייט דאנקט
דעם גריבלער אב
און שלאגט
מיט,איהם כפרות...

נו, א וואך

— פון —
דר. ק. לעא

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 5, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ענגלאנד שיקט קיין פוילען אן אונ־טערזוכונגס־קאמיסיע, וואס זאל אונטער־זוכען די פאגראמען. דער אנפיהרער פון דער קאמיסיע איז דער באקאנטער איד און ציון־פריינד מר. סעמיועלס.

פארשטעה איך ניט: צו וואס אזוי פיעל אונטערזוכונגס־קאמיסיעס אויף אויסצוגעפינען זאכען, וואס זיינען אזוי קלאר אין זייער שווארצקייט, ווי שווארצע טינט אויף ווייסען פאפיר? וואס וועט אן אונטערזוכונגס־קאמיסיע אויפטאן, דערהויפט נאך ווען א איד איז איהר פיהרער?... דאסזעלבע וואס די אמעריקא־נער קאמיסיע טוט אויף מיט דעם איד מארגענטוי אלס איהר קאפ. עך, ווען די עליים וואלטען קיין פוילען אנשטאט צ ע ה נ ד ל י נ ג ע אונטערזוכונגס־קאמי־סיעס, געשיקט א י י ן רעגימענט סאלדאטען מיט א אידישען גענעראל אן דער שפיצע!... דאן וואלט מען שוין מעהר ניט באדארפט קיין אונטערזוכונגס־קאמי־סיעס.

* * *

דייטשלאנד, לייענען מיר, פלאנעוועט צו גרינדען אן אייגענע „ליג אוו ניישאנס" און אהין אריינגעמען רוסלאנד, יאפאן, עסטרייך־אונגארן, איטאליען, און אנדערע פעלקער, וועלכע זיינען נישט צופרידען מיט'ן ווערסאלער פרידען. דער פלאן איז אזא גוטער, אז אפילו די עליים וועלען איהם אננעמען. ווארים די עליים זיינען אליין אויך נישט שטארק צופרידען פון נעשלאסענעם פרידען. ענגלאנד, למשל, איז ניט צופריעדען, פאר וואס די שלום־טריטי האט איהר ניט צוגע'פסק'ענט ניט נור אלע ימים פון דער וועלט, נור אויך אלע פלאטען פון דער וועלט. וואס קומט ארויס וואס דייטשלאנד'ס ים־מאכט איז פארניכטעט, אז אמעריקא'ס ים־מאכט ווערט יעדען טאג גרעסער? ס'איז פונקט ווי אויסהיילען א מכה אויפ'ן האלז און קריגען א גרעסערע מכה אונטער'ן פאכווע. אמעריקא איז נישט צופרידען מיט'ן שלום ווייל ער מאכט פון איהר א פאליסמאן פון אייראפא, א פאליסמאן אהן ווידזשעס און אהן א קלאב, ווייל דעם קלאב וועלען טראגען ענגלאנד און פראנקרייך. און פראנקרייך איז נישט צופרידען פון שלום, ווייל ער האט נאך איבערגעלאזט אזא מין זאך ווי א דייטש פאלק אויף דער וועלט. אט דאס וועט פראנקרייך דעם שלום קיין־מאל נישט מוחל זיין! אזוי לאנג ווי עס לעבט נאך א דייטש אויף דער וועלט. פיהלט זיך קלעמאנסא נישט זיכער מיט עלזאס־לאריין און מיט סאארברוקען.

* * *

אן אומבאקאנטער לומפ האט אויף וואשינגטאן סעמעטערי צעגראבען און גע־שענדעט א גאנצע רייהע אידישע קברים. מסתמא עפעס א פאל... איטישען. אבער אין דער דאזיגער פאסירונג זעה איך א גרויסע טרייסט פאר'ן אמעריקאנער אי־דענטום. געוויס האבען מיר אויך דא אין לאנד א היבש ביסעל אנטיסעמיטען און פאגראמשטשיקעס, וואס וואלטען זעהר גערן אויסגעריסען אידישע בערד, ווען מען זאל זיי לאזען; אבער אט דא ליעגט אונזער טרייסט: מ'לאזט נישט און ווען אזא חברה־מאן דערפיהלט א חשק צו מאכען א פאגראמעל, מוז ער עס טון אויף א אידישען בית עולם, אויף טויטע מענשען, וואס לאכען פון זיין רציחה; ניין, מיך ארט א האר ניט דער פאגראם אויף אידישע קברים. פון דעסטוועגען ווילט זיך מיר־גראד איצט גלויבען אין דער אל־טער לעגענדע, אז טויטע קומען ביי נאכט ווארגען זייערע שענדער און מערדער. עך, ווען דאס זאל אמת זיין! וואו וואלט היינט געווען דאס פוילישע פאלק? גאט פון נקמה, מאך פון דער לעגענדע אן אמת!

* * *

בעת די ציגארען־פאבריקאנטען לאזען זיך קאסטען א פארמעגען צו צוברעכען דעם ציגארען־מאכער־סטרייק, ווערט דער סטרייק אלץ היציגער און פארשפרייט זיך אלץ ווייטער. אויף ציגארען־מאכער לשון הייסט דאס אזוי: בעת די ציגארען בא־סעס לאזען זייער געלד אוועקגעהן מיט'ן רויך, ברענט דער סטרייק ווי א גוטער צי־גאר און קאפ־וועהטאג קריגען פון איהם

אס ווידער אנבעטרעפט דעם
נזער, איז ערט, אונז ניט

— אין יענעם באטרעפנ־
ען מיר ניט געזאגט, אז די
ט אדער אומרעכט מיט דעם,
געגען דעם ווילען פון זייע־
אלע פיהרער. וועגען דעם
ם גארניט געהאנדעלט. עס
לט איבער דעם, אויב דער
א רעכט צו פאדערען און
ז די און די פיהרער. אין
נוערקענען די נייע פיהרער
מיר האבען ארגומענטירט,
האבען א רעכט צו מאכען א
זייער ארגאניזאציע, פונקט
רעכט צו מאכען א רעוואָ־
נד. צי די רעוואלוציע איז
פאר זיי, וועגען דעם קע־
ענע מיינונגען, אבער זיכער
אס גלויבט אין דאס רעכט
ימונג, קען ניט קומען און
רקען בלויז אייערע אלטע
מיט זיי וויל איך פאר־
מוט ער עס דאך, אזוי פאר־
ויט זייגע אייגענע פרינצי־
יז געווען דער תוך־געדאנק
קעל. לייענט איהם אבער
הר וועט זיך איבערצייגען,
קיין צוויי מיינונגען ניט
און נאר א שארלאטאן, א
עם ארויס'פשט'לען עטוואס,
צליך צו דעם געדאנק, וואס
נט בנוגע צו די קלאוקמאַ־
אנדערע ארבייטער, נעמליך,
וען אין אלץ א מאס, אז זיי
טען צו קריגען מעהר ווי־
בבות צו קריגען. אויב
ן אויספיהרען זייערע פא־
זיי ניט קיין גרעסערע, ווי
אויב זיי קענען עס ניט
ט עס געווען זעהר גוט, ווען
ילה ניט אזעלכע פאדערונ־
ייערע כחות זייגען, וועגען
און דערוויילענס קיין בא־
ניט האבען. וואס אנבע־
קלאוקמאכער, גלויבען מיר,
א שטיקעל ידיעה, ווי ווייט
ן זייערע פארלאנגען. דער־
יגען די זיעגרייכע קלאוק־
מיר אנגעוויזען, און ניט
איצטיגער זיעג באשטעהט
אס דער קלאוקמאכער קען
מיט א פאר דאלאר מעהר,
יסיאגענדיג זיך די נשמה
לויט אונזער מיינונג וואלט
מאכען צו גארניט דעם גאנ־
מת'ער זיעג באשטעהט אין
דער קלאוקמאכער זאל עס
טעהן, דער קלאוקמאכער קען
יגע אומשטענדען ארבייטען
לויט זייגע כחות, און פאר־
ענדיגע ווידזשעס, און ניט
מאנאטען דורך דאס יאהר,
און אפשר דאס גאנצע יאהר.
ט נאך אין דעם, וואס אונ־
אומשטענדען, אויב עס זאל
ן ריכטיג, דארף ניט זיין
ין טרייד, וואס זאל ארומ־
עס קען נאך געמאלט זיין,
געגוג ארבייט פאר עטליכע
אס וועלען צוקומען.
וועט פארעפענטליכט ווערען
איבעריגע מיינען, אז ליעבע
איז אזוי ערהאבען, אזוי
, אז מען קען עס גאר ניט
סדריקען, און אז אומזיסט
ה פון אלע פאעטען פון אלע
ען. אנדערע מיינען, אז די
יי גאנצע געשיכטע שטארק
אז, ווען ניט זיי, וואלטען
ל וועניגער געפלאגט. זיי
ויי מיט זייערע פאנטאסטי־
האבען עס צורייצט די
יי, און דאס עס איז גאר
ע, וועלכע זיי שילדערען עס
בע הימלישע פארבען. פא־
ע, וואס באטראכטען עס אלס
ראנקהייט. און אונז דוכט
ענש האט וועגען דעם זיין
זיין אייגענע פארשטעלונג.
ויר זיך ענטזאגען אייך צו
ונג וואס איז עס ליעבע אין
אונז דאכט זיך, אז אויב
קליך ניט, וואס דאס איז,
אט אם דאס, וואס מען רופט
שלעכט, קיינמאל ניט גע־
יר, דעם אמת געזאגט, ניט
קנא, נאר מיר באטייערען
הארצען. ניט ווייסענדיג
ניט דאס געשמאקסטע, דאס
העכסטע, דאס זיסטע, דאס
אס ניט דעם לעבען זיין

לאקאל 62 גיט א שענעם באנקעט צו ברודער ס. שאר

דעם דינסטאג אבענד איז אין פראַגרעס קאסינא האל געגעבען געווארען א גרויסארטיגער אבשיעדס־באנקעט לכבוד ברודער סעמועל שאר, מענעדזשער פון דער וואַיט גודס מייקערס יוניאן לאקאל 62. דער באנקעט איז אראנזשירט געווארען פון דער יוניאן, וועלכע האט איינגעלאדען אלס געסט די פראמינענטסטע פיהרער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, פון אלע אידישע יוניאנס און אויך פארשטעהער פון דער סאציאליסטישער פארטיי. עס איז אויך געווען פארטראטען די גאנצע עקזעקוטיווע פון דער יוניאן.

ס. שאר איז געווען פארבונדען מיט דער וואיט־גודס ווארקערס יוניאן אכט יאהר צייט. פיעלע שטורמדיגע טעג האט ער מיט דער ארגאניזאציאן איבערגעלעבט; ער איז אנגעקומען אין דער יוניאן ווען זי איז נאך געווען זעהר שוואך סאי אין צאהל פון איהרע מיטגליעדער, סאי אין איהר מאראלישער קראפט. און היינט צו טאג, ווען שאר פארלאזט זי, איז זי איינע פון די שטארקסטע און שענסטע יוניאנס אין דער אינטערנעשאנאל.

אלס אנערקענונג פאר זיין גוטע, אומערמידליכע ארבייט, האט עס די יוניאן אראנזשירט דיזען יום טוב.

דער טאאסטמאסטער איז געווען גענאסע מאקס פיין.

רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון די פאלגענדע געסט: דר. העגרי מאָשקאוויטש, דער באוואוסטער כלל טוער; אב' באראף, סעקרעטער־טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאנאל; אלעקסאנדער קאהן, פרעזידענט פון פיפלס רעליעף, עקס־קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן, ר. גוסקין, טשערמאן פון די געווערקשאפטען, יאזעף בראנדעס, וו. דייוויס, וועלכער וועט איצט פארנעמען דעם אמט, וואס שאר האט איבערגעלאזען; ב. וולאדעק, מענעדזשער פון „פארווערטס", און צום לעצט האט גערעדט דער בעל שמחה אליין.

גענאסע שאר האט ערקלערט, אז ער געהט בלויז אוועק פון דער יוניאן אלס באצאהלטער בעאמטער, אבער ער וועט אויך אויף ווייטער שטעהן מיט דער ארגאניזאציאן, ווי מיט דער גאנצער אידישער ארבייטער באוועגונג, זיין גאנצען לעבען. זיין רעדע איז געווען א ווארימע, א הארציגע און די אפלאדיסמענטען וואס שאר און די איבריגע רעדנער האבען באקומען, זיינען אויך געווען ווארימע, הארציגע.

די יוניאן האט אויך אלס אנדענקונג צו איהר פיהרער איהם באשאנקען מיט שעהנע מתנות.

ניט ענטוישט און יע ענטוישט.

(שלוס פון זייט 5.)

באצאהלען זייערע ארבייטער פאר די געזעצליכע יום טובים, וואס פאלען אוים אין דער ארבייטס־צייט. און וואס זעהען מיר? צוליעב דעם 4טען דזשולי האבען טויזענדער ארבייטער פארלארען א גאנצע וואך ווידזשעס און, ווי עס ווייזט אוים, האבען אונזערע יוניאן־פארשטעהער די זאך אביסעל פארשוויגען. צוליעב וועלכע מאטיווען ווייס איך ניט. און יעצט איז געקומען לייבאר־דעי, און וואס זעהען מיר? אז צוליעב איין טאג געהאלט וועלען טויזענדער ארבייטער פארלירען א גאנצע וואך ווידזשעס. און דאס קומט פאר פאר א יום טוב, דער יקרות אויף יעדער זאך איז אזוי גרויס. און ווי עס ווייזט אוים ווילען די יוניאן־פיהרער דעם לייבאר־דעי אינצידענט אויך פארשווייגען. טויזענדער ארבייטער וועלען פארלירען א גאנצע וואך ווידזשעס צוליעב דעם, וואס דער באס וואלט באדארפט באצאהלען פאר א טאג פאר ניט ארבייטען.

אלס מיטגליעד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, פאדער איך אויף אונזערע פארשטעהער, זיי זאלען נעהמען א פעסטע שטעלונג אין דער פראגע, אום דאס זאל ווייטער ניט פאסירען. אויב אזעלכע זאכען וועלען פארשווייגען ווערען, וועלען אונזערע באסעס מיט דער צייט אין גאנצען איגנארירען די יוניאן און מיר וועלען בלייבען מיט א יוניאן אויפ'ן פאפיער.

ווערטער רעדאקטאר! איך האף, אז מיינע ווערטער וועלען ניט שטארבען מיט דעם טויט פון פאפיער־קארב.

יעקב בליימאן,
מעמבער ל. 1, לעדזשער נומ. 98.

אנמערקונג פון דער רעדאקציע: ווי איהר זעהט, איז דער בריוועל ניט געשטארבען אין „פייפערקארב". ער האט דערלעבט צו זעהן די ליכטיגע שיין. אבער... וועגען דער פראגע פון די געזעצליכע יום טובים, וואס ווערט דא באריהרט, וואלט דער ברודער געטאן א סך בעסער — אויב עס איז נאר אזוי ווי ער שטעלט עס פאר — ווען ער זאל זיך ווענדען דעם וועגען אין אפיס פון דער יוניאן, איידער שרייבען א בריוועל אין רעדאקציע. אגב, פון וואנען ווייס ער אז דאס זעלביגע איז אויך געווען מיט דעם לייבאר דעי יום טוב? זיין בריוועל איז אנגעקומען דעם 31טען אויגוסט און געשריבען האט ער איהם, מסתמא נאך מיט א פאר טעג פריהער.

ארגאניזאציאנס־ארבייט אין קאנעקטיקוט סטייט.

(שלוס פון זייטע 1.)

שניידער פון ניו הייווען און הארטפארד האבען ארויסגעשטעלט פאדערונגען צו זייערע בעלי בתים. זיי פארלאנגען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך און א 50 פראצענט העכערונג אין די שכירות, און אויב די בעלי בתים זאלען דאס ניט נאכגעבען, זיינען די ארבייטער באריים צו סטרייקען דערפאר. אין ניו הייווען און הארטפארד ווערען די וואך אפגעהאלטען מאסען־פארזאמלונגען מיט ניו יארקער רעדנער און די צוויי שטעדט זיינען פול מיט דעם אינטערנעשאנעל ארגאניזאציאנס קאמפיין.

דאס אינטערעסאנטסטע אבער איז וואס עס קומט פאר אין דער שטאדט דענבורי.

די שטאדט דענבורי איז באקאנט געווארען איבער'ן גאנצען לאנד דורך דעם העטמערס סטרייק און דורך דעם פראצעס וואס די העט־מאנופעקטשורערס פון יענער שטאדט האבען אנגעפיהרט זייט יאהרען לאנג געגען דער יוניאן און געגען דער אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר. דורך דעם פראצעס איז דענבורי באקאנט געווארען פאר אן אנטי־יוניאן שטאדט, פאר א שטאדט וואו די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט איז ביטער באקעמפט געווארען.

מיינט אבער ניט אז אין דענבורי זיינען דא בלויז העטפעקטארים; דארט זיינען אויך דא קארסעט־פעקטארים און ברודער זיידמאן איז אויך אהין געקומען ארגאניזירען די קארסעט־מאכער. ווי ברודער זיידמאן גיט אונז איבער האבען די ארבייטער פון די קארסעט־שעפער זיך גאנץ פריינדליך אפגערופען און עס איז שוין דארט געגרינדעט געווארען א לאקאל פון אונזער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

איז דאס ניט ווירקליך, וואס מען רופט, „א צייכען דער צייט"?

וואס הערט זיך אין דער טשילדרענס דרעסמייקערס יוניאן לאק. 50?

(שלוס פון זייט 9.)

יוניאן, לויט דעם איצטיגען גרויסען יקרות אויף אלע לעבענס־מיטלען. מיר קאנען ניט פאראויסזאגען דעם אויסגאנג פון דער קאנפערענץ, אבער מיר וועלען זיכער לאזען וויסען אונזערע מיטגלידער וועגען אלעם וואס דארט וועט פארקומען.

* * *

אין אונזער לאקאל יוניאן איז פארגעקומען נאך א נייעס וואס איז ווערטה דערמאנט צו ווערען. נעמליך, די עטאבלירונג פון א פרעסער ברענטש. אויף דעם פארלאנג פון די פרעסער אין דער אינדוסטריע האט אונזער עקזעקוטיוו באארד באשלאסען צו עטאבלירען א באזונדער פרעסער ברענטש און דאס האט ארייגגעבראכט א נייע לעבען צווישען די פרעסער אין דעם פאך. ווי ווייט די פרעסער זיינען צופרידען מיט דעם ברענטש, האט מען געקאנט זעהן אויף דעם מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג אבענד, דעם 21טען אויגוסט. אלע, די פרויען ווי די מענער, זיינען זעהר צופרידען געווען אז עס איז באשלאסען געווארען דאס יעדער פרעסער אין טרייד זאל זיך רעדזשיסטרירען אין דער יוניאן. דאס קיין פרעסער זאל ניט באקומען א פלאץ צו דער ארבייט, בעפאר ער אדער זי, רעדזשיסטרירט זיך אין דער יוניאן. אלע פרעסער האבען זיך פארפליכטעט צו העלפען די יוניאן אין דער הינזיכט מיט אלעם מעגליכען. דאס צווייטע מאל וועלען מיר קאנען באריכטען וועגען דעם, מיט מעהר אייגצעלהייטען.

* * *

די טעטיגקייט פון דעם נייעם עקזעקוטיוו באארד וועט זיך ערשט אנפאנגען אויף דעם נעקסטען מיטינג, מיט דער ערוועהלונג פון די פארשידענע קאמיטעס, אין איינקלאנג מיט די רעקאמענדאציאנען פון דער „רולס און רעגולייישאנס קאמיטע". מיר האפען, דאס די אלע קאמיטעען וואס וועלען ערוועהלט ווערען, וועלען טאן דאס בעסטע פאר'ן וואוילזיין פון דעם לאקאל.

אונזער עקזעקוטיוו באארד האט אויך באשלאסען ווידער אנצופאנגען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין, אום צו ארגאניזירען אלע ניט־יוניאן שעפער וואס געפינען זיך אין דעם טרייד. אן אנפאנג איז געמאכט געווארען מיט דעם וואס ברודער ריזוטא איז אנגעשטעלט געווארען אלס ארגאנייזער, און קירצליך וועלען אנגעשטעלט ווערען נאך ארגאנייזער פאר דעם צוועק. עס פארשטעהט זיך, דאס אויך אין דער הינזיכט ווענדעט זיך א סך אן אונזער מעמבערשיפ. זיי קאנען א סך העלפען אונזערע ארגאנייזער צו מאכען אלץ א גרעסערען ערפאלג. עס איז צו האָפען אז זיי וועלען איצט טאן דאסזעלבע ווי אלע מאל, און העלפען מיט אלעם וואס זיי קאנען זייער יוניאן צו מאכען אלץ שטארקער און איינפלוסרייכער.

ה. גרינבערג,
מענעדזשער לאקאל 50.

קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאק. 1

א' ל. ג. וו. י.

א רעגולאר מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג אבענד, דעם 8טען סעפטעמבער

אין בעטהאווען האל, 21טען איסט 5טע סטריט

פ. קאטלער, מענעדזשער.

א בריעף פון ארגענטינא

(פון א מיטגליעד פון לאקאל 1.)

ווערטער חבר פרעזידענט ב. שלעזינגער!

איך פיהל א חוב אלס אקטיווער מיטגליעד פון דער קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל נומער 1, אין וועלכער איך בין פאר 5 יאהר צייט געוועזען א מיטגליעד, צו לאזען הערען פון זיך. איך געפין זיך אין בוענאס איירעס, ארגענטינע, פאר די לעצטע 2 יאהר, און אלס מיטגליעד פון דעם בויענאס איירעס שניידער פאראיין, און אויך אלס מיטגליעד פון די „קאמיסיאן אדמיניסטראטיווע", ווייל איך טאן אלעס וואס נאר מעגליך זיך צו זעצען אין פארבינדונג מיט דער אינטערנעשיאנעל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן. אבער א פריהער א פאר ווערטער וועגען דעם שניידער פאראיין פון בויענאס איירעס.

נאך אין יאהר 1898 האט זיך דא געגרינדעט אין שטאדט א שניידער פאראיין, וועלכער האט אנגענומען אלס מיטגליעד יעדען וואס באשעפטיגט זיך נאר מיט דער נאדעל, אחוץ היטעל־מאכער.

דער זעלבער פאראיין האט עקזיסטירט אויף דעם פאפיר ביז דעם יאהר 1910. דאס איז דאס יאהר, וואס גאנץ ארגענטינא האט געשטורעמט מיט פראפעסיאנעלע פאראייניגונג. דער זעלבער פאראיין איז, ווי מען גיט מיר איבער, אויך געוועזען געשטיצט אויף אנארכיסטישע פרינציפען.

פון 1910, ווען דער פאראיין האט דורכגעמאכט פיעלע זיגען איבער די שניידער בעלי בתים איז דא באגאנגען געווארען א פאליטישער מארד. עס איז ערמארדעט געווארען דער פאליציי שעף פאלקאן, און דאן האט די שווארצע מאכט אויסגענוצט די געלעגענהייט און האט צושטערט אלע פראפעסיאנעלע פאראיינען און צווישען זיי אויך דעם שניידער פאראיין. אבער אין יאהר 1916, האט זיך ווידער צוזאמענגענומען א גרופע אקטיווע מיטגליעדער פון דעם געוועזענעם פאראיין. זיי האבען גערופען פארזאמלונגען, פראפאגאנדירט ביז עס איז געלונגען צו זאמלען 11 הונדערט מיטגליעדער, די גרעסערע צאהל פון זיי אידען, אריינגערעכענט שוין די, וואס ארבייטען פאר זיך, מיט איינציגע העלפער. דאן האט פאסירט דאס די אידען האבען געפאדערט — כדי צו קענען מעהר פראפאגאנדירען צווישען די אידישע ארבייטער — א קאמיסיאן פון אידען ווי אויך אויסגאבען כדי מעהר אידישע ארבייטער זאלען קענען ווערען מיטגליעדער. די שפאנישע האבען דאס ענטזאגט, מאטיווירענדיג דאס מיט דער טענה אז עס זיינען נישט נויטיג קיין אויטאנאמישע סעקציאנען. עס האט געבראכט דערצו, אז עס האט זיך געשאפען א אידישע סעקציאן וואס האט אנגעהויבען זארגען פאר זיך אויף דעם פראפעסיאנעלען געביט. די פארזאמלונגען האבען געהאט ערפאלג און מיטגליעדער קומען צו פון טאג צו טאג.

ווען דער פאראיין פארמאגט שוין א 600 מיטגליעדער ווערט פארופען א פארזאמלונג, וואו עס ווערט באשטימט אויסצושליסען די הויז ארבייטער. אונזער פאראיין וואקסט אלץ מעהר, און מיר ווערען שוין גרעסער אין צאהל, ווי דאן ווען מיר זיינען געווען צוזאמען. עס זיינען אויך אריינגענומען געווארען קריסטען אלס מיטגליעדער, ווייל זיי ארבייטען אין די שעפער וואו אונזערע מיטגליעדער ארבייטען. מיר טרעטען שוין ארויס עפענטליך אין אונזערע בויענאס איירעס פרעסע און מיר באקומען שוין פלאץ אין די צייטונגען ווען מיר פארלאנגען עס. מיר פאנגען אן אונזער קאמף פאר מעהר לוין און ווייניגער שטונדען, אזוי אז די ארבייטער וואס האבען געארבייט אין 1916 פאר 3 דאל. און 2.75 דאל. 11 אין 12 שטונדען א טאג, זאלען היינט פארדינען 7 און 8 דאל., און ארבייטען 8 שטונדען א טאג. מיר האבען אויך 35 פראצענט פון אונזערע שעפער, וואס ארבייטען שוין בלויז 44 שטונדען א וואך.

מיר וואלטען שוין יעצט געווען גענוג גרויס און שטארק ווען נישט די בלוטיגע יאנואר טעג פון 1919, ווען די ווייסע גווארדיע האט צוברעכען אלע ארגאניזאציאנען און אויך אונזערע איז געוועזען צווישען זיי. עס האט אויך געקאסט דאס לעבען פון איינינע מיטגליעדער וואס זיינען געפאלען פון פאליצייאישע קוילען.

דאס שרעקט אבער נישט אפ די איבריגע מיטגליעדער און מיר שטעהען ווייטער אין קאמף מיט אונזערע בעלי בתים. דעם 7־טען מאי האט די פאליציי ארויסגעגעבען א דעקרעט צו פארמאכען אלע „שעדליכע" ארגאניזאציאנען און צו ארעסטירען די שעדליכע עלעמענטען. עס פאסירט דאס, וואס אימער. מיר געפינען זיך צוזאמען מיט יענע וואס מען פארדעכטיגט פאר שעדליך און מען ארעסטירט איינציגע פון אונזערע מיטגליעדער. דאס מאל אבער האבען מיר באקומען א שטארקען קלאפ, ווייל ווען די מאכט זאגט שעדליך, איז קיין פראגע נישט.

די קאמיסיאנס מיטגליעדער טוען אבער אלעס וואס מעגליך צו קענען עפענען דעם פאראיין. מיר שליסען זיך אן אן דער „פעדעראציאן אברעא רעגענאל ארגענטינא" וואו עס באלאנגען די גרויסע צאהל פון ארגאניזירטע פאראיינען און מיט דער הילף פון די זעלבע איז דער פאראיין ווידער געעפענט געווארען. די זעלבע פעדעראציאן פאדערט אויף דאס מיר זאלען זיך פאראייניגען מיט דעם פאראיין וואס מיר האבען זיך אפגעריסען, ווייל קיין צוויי פאראיינען פון זעלבען פאך ווערט נישט אנערקענט. יעצט אבער ווערט וועגען אונזער ארגאניזאציאן גערעדט מיט רעספעקט, ווייל מיר האבען דעם נאמען אין ארגענטינא אלס דער ריכטיגער שניידער פאראיין.

מיר האבען אויך מעהר מיטגליעדער ווי יענער פאראיין און מיר קענען זיך טאקע רופען אינטערנאציאנאל, ווייל עס געפינען זיך ביי אונז מיטגליעדער פון פארשיעדענע נאציאנען. מיר האבען אויך אפטיילונגען אין דער זעלבער שטאדט.

איך האף דעריבער אז איהר וועט געפינען פלאץ פאר דעם בריעף אין אייער ווערטע וואכענשריפט די „גערעכטיגקייט" און דאס איהר וועט אונז אויך צו שיקען די צייטונג כדי מעהר באקאנט צו ווערען מיט דער פראפעסיאנעלער באוועגונג פון נארד אמעריקא.

מיט ברודער גרוס,

מאקס הילער,

מיטגליעד פון „קאמיסיאן אדמיניסטראטיווע", בוענאס איירעס, ארגענטינא.

שלעפט צום פאפא, צו וועלכען ער האט זיך צוגעדריקט מיט זיין גאנצען מאגערען קערפערל און האט זיך הויך פונאנדערגעוויינט.

יעצט האט ער געוויינט פאר אלץ, פאר דעם צושלאגענעם נאז, פאר די טישעקערס, פאר וואס יענע מאמע קומט נים און אויך דערפאר וואס פאפא וועלכער קען אלץ און ווייס אלץ וויינט צוזאמען מיט איהם...

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

ס. מ. גייסט. — לויט מיר פארשטעהען, האנדעלט זיך דא נים וועגען רעכט אדער אונרעכט, נאר, אויב עס איז פראקטיש אדער נים צו לאזען ארבייטען די, וועלכע ארבייטען נים שבת יעדער טאג א שטונדע לענגער. געוויס, אויב די יוניאן און איהרע לייטע וואלטען געקענט זיין זיכער, אז אט די דאזיגע ערלויבניס וועט נים מיסברויכט ווערען, וואלט עס פון דער זייט פון דער יוניאן געווען אן עולה דאס נים צו דערלאזען. אייער אנרופען זיי מיט דעם נאמען „אנטיסעמיטען" וואלט געווען ביז צו א געוויסען גראד גערעכטפערטיגט. אבער עס איז לייכט צו פארשטעהן די מאטיווען פון דער יוניאן. זי גלויבט, אז דורך די ערלויבניס קען געעפענט ווערען א נייע טירעל פאר ארבייטען אווערטיים, מעהר וויפיעל עס איז ערלויבט; מיט איין ווארט, עס קען זיך אנהאטגען די אלטע גיים פון ארבייטען איבער די כוחות, און וויכטיג ווי עס איז פאר דעם פרומען אידען צו האלטען שבת, איז עס אבער נאך וויכטיגער פאר די יוניאן, אז אונזער דער שבת־מאסקע זאל זיך ווידער נים ארויס'גנב'ענען די אלטע סוועטינג־סיסטעם. אי וואס מכות זונטאג, קען דען דער טאג נים מיסברויכט ווערען פאר סוועטשעריי־צוועקען? איז דער תירוץ, אז פאר דעם פאל האט די יוניאן מסתמא אנגענומען געוויסע מיטלען, ווי אויפצופאסען, אז מעהר, ווי די באשטימטע צייט זאל נים געארבייט ווערען. איבעריגנס זעהען מיר נים איין ווארום איהר זאלט די פראגע נאך אמאל נים פארברענגען אויף די מיטינגען פון אייער יוניאן, און דורך אייערע פארשטעהער זאל די פראגע נאך אמאל אויסגעדראשען ווערען אויף די מיטינגען פון דזש. ב. אויב עס וועט זיך ארויסווייזען, אז זיי האבען געמאכט א טעות, וועלען די דעלעגאטען געוויס ענדערען זייער באשלוס. אבער עס איז ווירקליך נים רעכט צו ערקלערען זיי דערפאר, אלס אנטיסעמיטען. איהר, וועלכער רעדט וועגען „גערעכטיגקייט", ווייסט דען נים, אז עס איז זעהר אונרעכט צו געבען מענשען א שלעכטען נאמען? און דאן איז עס דאך אזוי נאריש. זיי, כמעט אלע אידען, זאלען מיט א מאל ווערען אלע אנטיסעמיטען! לעגט זיך עס דען אויפ'ן שכל?

מ. ר. פ—ן. — וועט מיט דער צייט פארעפענטליכט ווערען. שרייבט אונז צי איהר ערהאלט אירגענד וועלכע באלוינונג.

ע. 5. — מיר ווינשען אייך אז איהר זאלט פארברענגען אייער וואקיישאן אזוי שעהן, ווי מעגליך, און מיר ווינשען זיכער, אז אזוי וועט עס אויך זיין, וויבאלד קיין זארג, וועגען דעם, וואס איהר לאזט הינטער זיך, וועט איהר דאך נים האבען, וואס דאס איז, ווי איהר ווייסט, ווייט נים דער פאל מיט אונז, און וואס מאכט גאר ביז צו א גרויסען גראד קאליע דעם נויטיגען אפרות. א חוץ דעם, די 40 טעג רעגען און נאסקייט, וואס מען האט אונז צוגעזאגט, זיינען שוין באלד אוועק, און אייך ערווארט א צייט פון זונענשיין. האפענטליך, האט איהר נים פארגעסען צו מאכען אויך אלע נויטיגע אראנדזשמענטס פאר די פאסט. וואס אנבאלאנגט די קליפינגס, איז עס ווירקליך, נאר מיר ווילען נים, ווי איהר, געבען אויסדרוק צו אונזערע געפיהלען, אבער, אז מען קען נים בעסער מאכען, מוז מען מאכען א שוויג. הערצליכען גרוס צו דער גאנצער חברה.

ס. גר—סקי. — מיר פארשטעהען און שעצען דעם צוועק פון אייער שרייבען: נאך אמאל דערצעהלען איבער דער גרויסער פרעהליכער ענדערונג אין דער קלאוק אינדוסטריע, און וואס זי האט אויפגעטאן פאר דעם קלאוקמאכער, און ווי שטארק מיר דארום דארף זיין די יוניאן ביי דעם קלאוקמאכער. יע, א גרויסער, הייליגער צוועק. אבער אייער שרייבען איז לידער נים פון דעם סארט, וואס זאל ארויסברענגען בולט אט דעם געדאנק. פארוואס? — ווייל ווערטער אליין זיינען נים גענוג פאר דעם: צו זאגען, אז פריהער איז מיין לאנדסמאן געווען אויף צרות, נאר איצט איז ער גוט אפ, איז נאך נים גענוג, אז דער לעזער זאל אייך גלויבען. איהר וואלט עס אויסגעפיהרט, ווען איהר וואלט געקענט אויסמאלען א בילד (א בילד, אין ווערטער), פון זיין פריהעריגען צרה'דיגען לעבען, און דאן געבען א בילד פון זיין איצטיגען לעבען. אבער אט האט איהר נים געטאן, קען עס מאקי דערפאר נים פארעפענטליכט ווערען.

ל. סאלאוויאוו. — יע, מיר דערמאנען זיך עס גאנץ גענוי, ווען מיר האבען אייך פריוואט געזאגט: נים געזארגט, אויך די מילגרים־פירמע וועט זיין א יוניאן שאפ, און עס פרעהט אונז ווירקליך, וואס אונזער נבואה איז מקוים געווארען. מיר מיינען נים, נאר מירליך, צוליעב דעם זיך ערקלערען אלס נביא. יעדער איינער מיט אביסעל מארך אין קאפ האט עס געקענט פאראויסזעהן. מיט דער פארשטארקונג פון דער יוניאן בפרט און פון דער ארבייטער־באוועגונג בכלל קען עס גאר אנדערש נים זיין, אז סוף כל סוף זאלען די פאר'עקשנ'טע באסעס איינזעהען די נויטווענדיגקייט צו אנערקענען די יוניאן און צו האבען נאר צו טאן מיט יוניאן־לייט. וואס אנבעטרעפט אונזער קומען צו אייער מאס־מיטינג, קענען מיר אייך נים צוזאגען באשטימט. אויב מיר וועלען נאר קענען, וועלען מיר געוויס זיין, און אויך פון אונזער זייט אויסדריקען אונזער געפיהל פון אמת'ען פארגעניגען, וואס אויך די מילגרים־פירמע האט דערזעהען די ליכט. נאר טאמער נים, שיקען מיר אייך אונזער גליקוואונש דורך די צוילען, און אין דערזעלבער צייט ווילען מיר אויסדריקען אונזער מיינונג, אז כאטש די פירמע האט איינגעשטימט מיט איהר איינגענעם גוטען ווילען, ווי מיר פארשטעהען, צו מאכען איהר פלאץ פאר א יוניאן־פלאץ, דאך וועט דער שאפ ערשט נאר דאן זיין א גוטער און אמ'ער יוניאן שאפ, ווען די ארבייטער אין איהם וועלען זיין גוטע אמת'ע יוניאן־לייט. מיר מיינען, חלילה, איצט אין קיינעם קיין שטיין נים ווארפען, אבער עס מוז דאך געזאגט ווערען, אז ווען יעמאלט וואלט די גרויסע מאיאריטעט ארבייטער פון מילגרים שאפ באשטאנען פון פעסטע, איבערציינטע און איבערגעבענע יוניאן־לייט, וואלט די פירמע שוין דאן געמוזט נאכגעבען. האפענטליך זיינען די מאיאריטעט ארבייטער אין דעם מילגרים שאפ געקומען צו זייער ריכטיגען שכל, און זיי, פון זייער זייט, וועלען אויפפאסען, אז דער מילגרים־שאפ זאל זיין א יוניאן שאפ נים בלויז אין ווארט, נאר אויך אין דער מהאט.

לאקאל 82 אינט. ל. ג. וו. י. — אויך צו אייער באנקעט האבען מיר לידער נים געקענט זיין אנוועזענד. איהר וועט זיך מסתמא טרייסטען דערמיט, וואס איהר זענט אין דער הינזיכט נים געווען קיין אויסנאהם, ווארים פונקט אזוי האבען מיר געגלענצט מיט אונזער אפוועזענהייט אויף דריי פריהערדיגע באנקעטען פון אנדערע לאקאלס, וועלכע האבען אונז פונקט אזוי הערצליך איינגעלאדען, און פונקט צוליעב דיזעלבע אורזאכע נים געקענט, לידער, ערפילען זייער און אונזער וואונש. אבער מיר האפען, אז אייער באנקעט וועט זיין אזוי געלונגען, ווי אלע אנדערע, אז עס וועט זיין אן אוונט פול מיט לוסט און הערצליכער פרעהליכקייט, ווייל עס איז געווען ווירקליך א גלענצענדער זיעג פאר די גאנצע קלאוק־אינדוסטריע, און מעהר פון אלע, פאר אייך, וועלכע זייט נאך גאר א יונגער צווייג אויף דעם אינטערנאציאנאלען בוים, און ביי וועמען עס איז ווירקליך, אזוי ווייט ווי מיר ווייסען, דער ערשטער זיעג, אלס אן ארגאניזירטע קערפערשאפט. און וועלכער זיעג איז דען אזוי זיס, אזוי געשמאק און געדענקט זיך פאר דאס גאנצע לעבען, ווי דער ערשטער זיעג?

דעניש און אנדערע. — ניין, ווייל דער בחור חלשט אזוי אז מיר זאלען איהם אנרייבען א מארדע, ווארום ער געהערט נאך צו יענעם סארט נפשות, וועמען עס ארט נים, וואס מען זאל וועגען זיי נים זאגען, אבי עפעס זאגען, איז מאקי דערפאר וועלען מיר איהם איגנארירען גאר אינגאנצען. גלויבט אונז, אז מיר קענען זיך נים באלידיגען אויף אזא נפש, וואס ער זאל וועגען אונז נים זאגען. און דאן איז עס דאך קלאר, אז דער דענקענדער לעזער וועט באלד דערטאפען די שקרים

קומענדיג פון קאונטרי

איז נויטיג א גוטער אפפיהר־מיטעל

די שפייזען, וועלכע איהר בעקומט אין די קאונטרי זיינען אמאל נים אזוי גוט און פריש, און צו פארהיטען אייער געזונד איז דורכאויס נויטיג, אז קומענדיג אהיים זאלט איהר גוט אויסרייניגען דעם מאגען.

עקס־לאקס

דער בעריהמטער אפפיהר־מיטעל.

וועט רעגולירען די מאגענס פון אייער גאנצער פאמיליע און וועט אייך בעשיצען פון אלע שלעכטע פאלגען, וועלכע קומען פון א פערדארבענע און פערשטאפטע מאגען.

10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

אויפמערקזאם!

מיר האבען ערהאלטען טעלעגראמעס פון אונזערע קארעספאנדענטען אין יוראפ

אז געלדער וואס מיר האבען אוועקגעשיקט ביז דעם 1טען אוגוסט זייגען ערהאלטען

די גרעסטע בענקס בעזארגען און צאהלען אויס אונזערע ארדערס און טשעקס.

POLAND: Polska Krajowa Kasa Pozyczkowa, Warshaw.
CZECHO-SLOVAKIA: Bohmishe Union Bank.
AUSTRIA: Wiener Bank Verein.
ENGLAND: Credit Lyonnasi, London.
FRANCE: Comtoir National D'Escompte de Paris, Paris.
GERMANY: Deutsche Bank, Berlin.

אויב איהר ווילט שיקען געלד צו אייערע קרובים אדער אדער פריינדע אין פוילען, גאליציען, טשעכא סלאווקיא אדער אין אנדערע לענדער

דאן שיקט דורך אונז

וועט איהר זיין זיכער אז דאס וועט שנעל באזארגט ווערען און איהר בעצאהלט דעם ביליגסטען טאגעס קורס

אין דירעקטע פערבינדונגען

THE STATE BANK

376-378 GRAND ST., NEW YORK

BRANCHES:

100 Essex Street, New York
5th Avenue and 115th St., N. Y.
158th Street, Union and Weschester Aves., Bronx, N. Y.
Graham Ave. and Varet Street, Brooklyn, N. Y.
Pitkin Ave., Cor. Stone Ave. Brooklyn, N. Y.

לײדיס טײלארס און אלטערײשאן ארבײטער!

זייט גרייט צו דעם

מאנסטער מאס-מיטינג

(בעפאר דעם דזשענעראל סטרייק)

מאנטאג, 8טען סעפטעמבער, 6 אוהר אבענד

אין מענערקאר האל, 203-207 איסט 56טע סט.

קארנער 3טע עוועניו.

וזאו דער ענטפער פון די בעלי בתים וועגען אייערע פאדערונגען, ווי א 44 שטונדען ארבייטס וואך און א 50 דאלאר מינימום סקייל, וועט רעפארטעט ווערען.

די פאלגענדע פראמינענטע רעדנער וועלען אדרעסירען:

אב. בארא̈ף, סעק. טרעזשורער א. ל. ג. וו. י.
האנ. דזשארדזש דזשייקאב פענקין.
מאקס פיין, סעקרעטער פון די געווערקשאפטען.
עלמאר ראזענבערג, וויס פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.
ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט."
ארטורא דזשיאוואניטי, סעקרעטער איטאליען טשעמבער אוו לייבאר.
סעמיועל לעפקאוויטץ, אינטערנעשיאנעל וויס פרעזידענט, וועלכער איז אימער אונזער הויפט אנפיהרער פון אונזערע קאמפיינס, וועט זיין פארזיצענדער פון היסטארישען מיטינג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 80

ה. הילפמאן, סעקרעטער.

...ירען די טשערלייטע.

...אזעפין דיימי, די טשערלייד...
...סט פירמע הארוויץ און ליוויי
...ירט געווארען פון די ארביי...
...ם שאפ מיט א פראכטפאלער
...עם אייווארי סעט און א באקס
... איהר גומער יוניאן־ארבייט
...פ.
...שאזעפין דיימי דריקט אויס
... דאנק צו די ארבייטער פון
...עם פרעזענט.

...איהר א מוזיק לעה־רער?

...דבערג, דער באוואוסטער
...פיעלער, וועלכער האט די
... דעם גרויסען זשעניע, פרא־
...אפאלד אוער, דער לעהרער
...ליסט, מישא עלמאן און נאך
...ינסטלער
...נס אין פיעדעל שפיעלען
...עסיגע פרייזען, ספעציעל צו
...ער פון קלאוקמאכער.
אדרעס:
... מאונט עדען עוו., בראנקס.
...פאן: טרימאנט 1505.
... — נעמט דריטע עוועניו עלע־
...ן סטאפ ביי 171טע סטריט
...לעירמאנט פארקוויי.

...אר סעקרעטערע און ...שערס פון אונזערע לאקאלס!

...ען דא באקאנט מאכען צו די
... און מענעדזשערס פון אלע
...נאל לאקאלס פון ניו יארק,
...פון די קאנטרים, דאס די בא־
...ן דער טעטיגקייט אין זייערע
...ם זיי ווילען האבען געדרוקט
...ענדען נומער, מוזען מיר הא־
...אקציע ניט שפעטער ווי דינ־
...עלבע באציהט זיך אויך אויף
...נטען, בריעף־שרייבער און

...ע צייטונג
...לע אנדערע אידישע און ענג...
...נגען, ביכער און זשורנאלען
...ן געדרוקט אין די
...ייט פרינטינג קא.
... סט. ניו יארק
...פאן 5425 פרענקלין.

...קראוז
...טעס און בענערס
..., סאסייעטיס און ס. פ. בר.
...טלי יוניאן ארבייט.
...אן סטריט. ניו יארק

...אם פרינטינג קא.
...איסט בראדוויי
... אונזער עסטימייט.

A. DE...

... שארפט שערס.
...6טע עוועניו,
... יארק.
...29טע און 30טע סטריט.

...אן־קאאפעראטיוו
...סאסייעטי
...35 א. ל. ג. וו. יוניאן
...ויפט אויסשליסליך
...לילי טהעע
...אמבא טהעע
...טשאשני טשאי

...מערסי 2441
...לעאנארד פרעס
...23טע סטריט, נ. י.

שאַפּ-טשערלייטע און קלאוקמאַכער

אויפמערקזאם!

ברידער! ערלויבט קיינעם ניט ארויפקומען ארבייטען אין די שעפּער אָהן אַ וואָרקינג קאַרד פון דער יוניאָן.

יעדער איינער וועלכער קומט ארויף צו דער ארבייט מוז האָבען א וואָרקינג קארד פון זיין לאָקאַל, אָנצייגענדיג דעם נאָמען פון דער פירמא וואו ער נעהט ארבייטען.

מיר פאדערען אויף די שאפּ טשערלייטע אויפצופאסען אויף דיעזען באשלוס, ווייל די דזשאָינט באָארד וועט פּאָזיטיוו אייך האלטען פאראנטווארטליך פאר איבערטרעטען דיעזען געזעץ.

מיר מאכען אויך אויפמערקזאם אונזערע מעמבערס, דאָס נאָך דעם 15טען אויגוסט וועט אין קיין שאפּ ניט ערלויבט ווערען צו ארבייטען מעהר ווי 8 שטונדען א טאג. די ארבייטער פון די שעפּער וועלען דארפען ארבייטען 5 טעג א וואָך צו 8 שטונדען, דעם זעקסטען טאג ניט מעהר ווי 4 שטונדען.

ארבייטער וועלכע ארבייטען ניט שבת, וועלען קאָנען ארבייטען די 4 שטונדען אום זונטאג.

וועגען אווערטיים איז פאלגענדעס באשלאָסען געוואָרען:

איין (1) שטונדע אַ נאַכט אָווערטיים איז ניט ערלויבט צו ארבייטען

אָווערטיים מוז באשטעהן פון 2 שטונדען אדער 2 און א האלב שטונדען א נאכט.

און מעהר פון 10 שטונדען אָווערטיים דורך דער וואָך טאָר ניט געארבייט ווערען

שאפּ טשערלייטע און קלאוק מאכער! דיעזע באשליסע מוזען אומבאדינגט אויסגעפיהרט ווערען. מיר פאדערען אייך נאָך אַמאָל אויף צו פארלאנגען וואָרקינג קארדס ביי יעדען איינעם וואס קומט ארויף צו דער ארבייט.

היט אָפּ דעם געזוינס פון דעם 8 שטונדיגען ארבייטס טאָג!

דזשאָינט באָארד קלאוק סקוירט און ריפער מאכער יוניאָן.

ל. לאַנגער, סעק.

בּאַרנעט
ל. בּעקער

אפּטאמעטריסט און אָפּטישען

215 East Broadway
100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn
895 Prospect Ave., Bronx

די לאָקאלס פון אונזער אינטערנעשאָנעל

1. קלאוק אפּרייטאָרס יוניאָן — סעמ'ל דזש. רינגער, סעק., 238 4טע עוו., נ. י.
2. פילאַדעלפיא קלאוקמייקערס — מאקס סאַנלער, סעק., 244 ס. 8טע סט.
3. קלאוק און סוט פּיעס טיילארס — ד. רובין, סעק., 9 וו. 21טע סט., נ. י.
4. באלטימאָר קלאוקמייקערס — א. ראַטקאָוויץ, סעק., 1023 א. באַלטימאָר סט.
5. שיקאָגאָ קלאוקמייקערס — ה. סאָלאָמאָן, סעק., 1815 וו. דיוויזשאָן סט.
6. ניו יארק עמבראָידערי וואָירקערס — י. זארעמסקי, סעק., 519 בערגען עוו., בראָנקס, נ. י.
7. באסטאָן ריינקאוט מייקערס — דייוויד פּערלמוטער סעק., 38 קאסעוויי סט.
8. ליידיעס גארמענט וואָירקערס — ה. י. גרינבערג, סעק., 411 פּהילאָן בילדינג, סאָן פראנציסקאָ, קאַל.
9. קלאוק פינישערס יוניאָן — דזש. האַלפערן, סעק., 228 סעקאָנד עוו., נ. י.
10. אמאַלגאַמייטעד גארמענט קאטערס — דזשוליוס סעמועלס, סעק., 7 וועסט 21טע סט., נ. י.
11. בראַנזוויל קלאוקמייקערס יוניאָן — ה. בראָדסקי, סעק., 219 סעקמאָן סט., ברוקלין, נ. י.
12. באסטאָן פּרעסערס יוניאָן — 751 וואַשינגטאָן סט., באָסטאָן, מאַסס.
13. מאָנטרעאָל קלאוקמייקערס יוניאָן — דזש. שובערט, 37 פּרינס ארטהור סט.
14. טאָראָנטאָ קלאוקמייקערס — ס. יאנקאָלסקי, 208 ספּאַדינאַ עוו.
15. פילאדעלפיא וויסטמייקערס — ס. קאַפּלאָן, 38 נ. 11טע סט.
17. נ. י. ריפער מייקערס יוניאָן — דזש. העללער, 117 סעקאָנד עוו.
18. שיקאָגאָ קלאוק פּרעסערס — י. פּערלשטאַד, 1815 וו. דיוויזשאָן סט.
19. מאָנטרעאָל קלאוק קאטערס — דזש. קייזער, 37 פּרינס ארטהור סט.
20. נ. י. וואָטערפּרוף גאר. וואָירק. — ס. פרידמאָן, 22 וועסט 17טע סט.
21. נוואַרק ליידיעס טיילארס — נ. גלאַסס, 103 מאָנטגאָמערי סט.
23. נ. י. שוירטמייקערס יוניאָן — י. דזשאָזעפסאָן, 231 א. 14טע סט.
24. באסטאָן סקוירט מייקערס יוניאָן — 751 וואַשינגטאָן סט.
25. נ. י. וויסטמייקערס יוניאָן — 16 וועסט 21טע סט.
26. קליוולאנד קלאוקמייקערס יוניאָן — טשאַרלס קריינדלער, 305 סופּיריאָר בלדג.
27. קליוולאנד סקוירט מייקערס יוניאָן, טשארלס קריינדלער, 305 סופּיריאָר בלדג.
28. סיאַטל לייד. טיילארס יוניאָן — נ. קאָזאַקאָף, 719 30טע עוו.
29. קליוולאנד קלאוק פינישערס — 305 סופּיריאָר בילדינג.
30. סינסינאטי קאטערס יוניאָן — 311 אָדד פעלאָוס האָל.
31. לואיזוויל גארמענט מייקערס — דזש. עפּשטיין, 721 נ. מאַרקעט סט.
33. ברידזשפּארט קארסעט וואָירקערס — מערי דזשי. פּעפּער, 409 וואָרנער בלדג.
34. ברידזשפּארט קארסעט קאטערס — דזשאָס. קובעק, 147 קעטהרין סט.
35. נ. י. פּרעסערס יוניאָן — א. ע. קאָזאָן, 228 סעקאָנד עוו.
36. באסטאָן ליידיעס טיילארס — דזשייקאָב וואהיט, ק. אָ. באסטאָן דזשאָינט ב.
37. קליוולאנד פּרעסערס יוניאָן — 305 סופּיריאָר בילדינג.
40. ניו הייווען קארסעט וואָירקערס — לינאַ מ. דיקערסאָן, 285 גרינוויטש עוו.
41. נ. י. קימאָנאָ וואָירקערס יוניאָן — י. טשאַטקאָף, 22 וו. 17טע סט.
42. קליוולאנד קלאוק קאטערס — 305 סופּיריאָר בילדינג.
43. וואוסטער וואהיט גודס וואָירקערס — סעם קאָהען, 49 העריסאָן סט.
45. יונייטעד דעזיינערס אוו ליידיעס ווער — הערי בלומענטהאָל, 36 וו. 33 סט
46. פּעטיקאוט מייקערס יוניאָן — י. טשאַטקאָף, 22 וו. 17טע סט.
48. נ. י. איטאַליען קלאוקמייקערס — ס. נינפאָ, 231 14טע סט.
49. באסטאָן וויסטמייקערס יוניאָן — מיס דזש. פרידמאָן, 919 וואַשינגטאָן סט.
50. נ. י. טשילדרענס דרעסמייקערס — מיס ב. גאָלקער, 22 וו. 17טע סט.
52. לאָס אנדזשעלעס גארמענט וואָירקערס — ס. הערמאָן, 218 ס. בראָדוויי.
53. פילאָדעלפיא ליידיעס טיילארס יוניאָן — דזש. סטיינבאַק, 1737 ס. 9טע סט.
54. שיקאָגאָ ריינקאוט מייקערס — ה. שליימאָן, 1145 בלו איילאנד עוו.
56. באסטאָן קלאוקמייקערס יוניאָן — 751 וואַשינגטאָן סט.
58. נ. י. וויסט באָטאָנהאָל יוניאָן — מ. אוראָן, 80 א. 10טע סט.
61. מאָנטרעאָל קלאוק פּרעסערס — 37 פּרינס ארטהור סט.
62. נ. י. וואהייט גודס וואָירקערס — מיס מ. ליפשיץ, 117 סעקאָנד עוו.
63. סינסינאטי קלאוקמייקערס יוניאָן — מיס ע. בעטץ, 311 אָדל פעלאָוס האָל.
64. נ. י. קלאוק באָטאָנהאָל מייקערס — י. היבשמאָן, 112 וו. 21טע סט.
66. נ. י. באָנאַז עמבראָידערי יוניאָן — מיס ה. ספּינדלער, 220 א. 14טע סט.
67. טאָלידאָ קלאוקמייקערס יוניאָן — ס. סטרולאָוויץ, 721 אָגידאַ סט.
68. הארטפארד גארמענט וואָירקערס — א. פרימאַק, 16 לומיס סט.
69. פילאָדעלפיא קלאוק פינישערס — 244 ס. 8טע סט.
70. טאָראָנטאָ סקוירט מייקערס — 208 ספּאַדינאַ עוו.
72. באלטימאָר דרעס גודס וואָירקערס — סיליאַ סאָמאָראָדני, 515 מונסי בלדג.
73. באסטאָן אמאַל. גאר. קאטערס — 751 וואַשינגטאָן סט.
75. וואוסטער קלאוקמייקערס — ס. פּאָלאַנסקי, 8 אינגאָל סט.
78. סט. לואיס קלאוק אפּרייטאָרס — ה. קארגלוס, פּראַטוירנלאַ בילדינג.
80. ניו יארק ליידיס טיילאָר און אלטערייזאָן ארבייטער יוניאָן — ה. הילפמאָן, 725 לעקסינגטאָן עוו.
82. נ. י. ב. ב. ענד עקזאַמינערס — מ. דזש. אָשפּיז, 78 א. 10טע סט.
83. טאָראָנטאָ קאטערס יוניאָן — 208 ספּאַדינאָ עוו.
84. טאָלידאָ קאטערס יוניאָן — דאָן ה. דייווי, 217 וואָרטהינגטאָן סט.
86. קענעדע ליידיעס טיילארס יוניאָן — ל. רובין, גלען פאָלס, סט. דזשאָהן, נ. ב.
90. נ. י. פּרייוועט דרעסמייקערס — ה. סילווערמאָן, 175 א. בראָדוויי.
92. טאָראָנטאָ קלאוק פּרעסערס — ב. וואָלהענדלער, 110 אָגוסט עוו.
94. סעמפּל ענד ליידיעס טיילארס — 305 סופּיריאָר בילדינג, קליוולאנד, אָ.
97. ליידיעס טיילארס יוניאָן — דזשאָהן אוחרין, 218 ס. בראָדוויי, לאָס אנדזשעלעס
98. סינסינעטי סקוירט פּרעסערס יוניאָן — 311 אָדד פעלאָוס האָל.
100. שיקאָגאָ ליידיס וויסטמייקערס יוניאָן — דאָראַ ליפּשיץ, 1576 מילוואָקי עוו.
101. באלטימאָר גארמ. וואָירקערס — מ. טיטשי, 219 קילמאָר סט.
102. מאָנטרעאָל ריינקאוט מייקערס — 37 פּרינס ארטהור סט. א.
103. לאָס אנדזשעלעס ליידיס וויסטמייקערס — לאָס אנדזשעלעס, קאָל.
104. שיקאָגאָ ליידיעס טיילארס — טהיאָדאָר בזירק, 180 וו. וואַשינגטאָן סט.
110. באלטימאָר קאטערס יוניאָן — 925 א. באַלטימאָר סט., ס. קריימער, סעק.
112. מאָנטרעאָל ליידיס גארמענט וואָירקערס — 37 פּרינס ארטהור סט. א.
114. רייסין ראַבער ענד ריינקאוט מייקערס — רוטה אוליר, 1903 דאָגלאַס עוו.
115. נ. דזש. וויסט ענד וואהייטגודס וואָירקערס — פרידאַ שוואַרץ, 446 סטייט סט., פּערטה עמבאָי, נ. דזש.
116. ליידיעס וויסט ענד דרעסמייקערס — דזשעני לעווין, 217 רוזוועלט סט., ניו הייווען, קאָנג.
117. וואהייטגודס וואָירקערס יוניאָן — עטהעל באַרדי, 196 סט. דזשאָרדזש סט., ניו בראַנזוויק, נ. י.
118. ליידיעס גארמענט וואָירקערס — הייזעל דזשעקסאָן, סעקאָנד עוו. רד., קלינטאָן, איאָוואַ.
119. וויסטמייקערס יוניאָן — מרס. מערי מאַלטין, פעדערייזשאָן האָל, טראָי, נ. י.
120. ראָטשעסטער ליידיס טיילארס — ש. מילער, 100 פּארק עוו., ראָטשעסטער, נ. י.
121. וויינלאַנד וויסטמייקערס — מיס ס. ריעף, 430 וואוד סט., נ. דזש.
122. שיקאָגאָ עמבראָידערי וואָירקערס — לירא י. קיפער, 2421 וו. מעדיסאָן סט.
123. פּעטערסאָן ליידיס גארמענט וואָירקערס — הערמאָן גרין, 56 קליף סט.

GERECHTIGKEIT (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ לאזען.

...ען, מיר ... גערעכט ... צו ווע- ...ט זיך אונז ...רעכט". ... ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. I. No. 35. New York, Friday, September 12, 1919. פרייטאג, 12טער סעפטעמבער. PRIC...

...יסער ענטוזיאזם אין דעם ליידיעס טיילאר סטרייק

דער סטרייק איז שוין אין פולען גאנג. — די גרעסטע שעפער אין טרייד זיינען ארונטער צו דער מינוט וואס די יוניאן האט גערופען. — צווישען די סטרייקער הערשט גרויס באגייסטערונג. — איבער 100 פירמען האבען גלייך אריינגעשיקט אפליקיישאנס פאר א סעטלמענט. — די ברוקלינער ליידיעס טיילארס זיינען אין ליין מיט די ניו יארקער.

דער גענעראל סטרייק פון אונזער ניו יארקער ליידיעס טיילארס און אלטערײשאן שניידער יוניאן, לאק. 80 האט אויסגעבראכען צו דער מינוט וואס די יוניאן האט באשטימט, דינסטאג, 2 אזייגער נאכמיטאג דעם 9טען סעפטעמבער, 1919.

עס זיינען ארונטער די ארבייטער פון אלע ליידיעס טיילאר שעפער, פון די גרויסע שעפער ווי פון די קליינע, און די גאנצע אינדוסטרי איז אבסאלוט אפגעשטעלט. אלע שעפער זיינען פאלשטענדיג פאראליזירט און מען קען ערווארטען, אז דער סטרייק וועט זיך אויף לאנג ניט פארציהען.

צווישען די סטרייקער הערשט א מערקווירדיגע באגייסטערונג. אזא אמת'ען הארציגען ענטוזיאזם האט מען שוין ניט געזעהן ביי די ניו יארקער ליידיעס טיילארס זייט דעם יאהר 1913. די ליידיעס טיילארס פון די גרעסטע שעפער אין טרייד האבען ארונטערמארשירט צו דער מינוט וואס די יוניאן האט זיי גערופען. זיי זיינען ארונטער זינגענדיג די מארסעליעזע און אנדערע רעוואלוציאנערע ליעדער. זיי האבען מארשירט אין די סטרייק האלס מיט דיסציפלין און ארדנונג, ווי אלטע סאלדאטען פון אן ארגאניזירטער ארמעע.

די יוניאן האט גערופען דעם סטרייק דורך א רויטען צירקולאר מיט דעם פאלגענדען אינהאלט:

„ברידער און שוועסטער!

אין דעם מאמענט, ווען איהר וועט ערהאלטען דיזען אויפרוף, זאלט איהר אלע ווי איינער, פערלאזען אייערע בעסטען ארדנונג אייערע ארבייטס-פלעצער און קומען אין די אונטערגעצייכענטע האלס.

אייער פארלאנג פאר א רייז אין ווייידזשעס און די פארקירצונג פון די ארבייטס-שטונדען איז דורכאויס א גערעכטער און פארניגפטיגער, נאר די בעלי-הבתים אייערע ווילען זיך ניט רעכענען מיט אייער פארלאנג, ניט אכטענדיג, וואס דער פרייז פון לעבענסמיטעל איז אזוי הויך געשטיגען און ווילען ניט קאנסידערען אייער לאגע.

אויף צום קאמפף, און נאר דאן, פאראייניגטערהייט, מיט ענטשלאסענהייט פאר דער זאך, ווילען מיר זיעגען.

ליידיעס טיילארס, אלטערײשאן און ספעשעל ארדער שניידער יוניאן, ל. 80, א. ל. ג. וו. י."

און די ארבייטער האבען געענטפערט

(שלוס אויף זייטע 5).

זיעג פון די ליידיעס טיילארס אין שיקאגא

איצט, אז די ליידיעס טיילארס פון ניו יארק, לאקאל 80, זיינען ארויס אין זייער קאמפף, וועט די נייעס פון א זיעג פון די ליידיעס טיילארס פון שיקאגא, לאקאל 104, זיין באזונדערס גוטע נייעס, און וועט געוויס ווירקען ווי א גוטער טאניק אין זייער קאמפף.

וואס עס איז פארגעקומען אין שיקאגא, לויט דעם באריכט פון י. גרינבערג, ביזנעס אייגדזשענט פון לאקאל 104, איז ווי פאלגט:

דעם 11טען אויגוסט האט די יוניאן ארויסגעשיקט בריעף צו די מאנופעקטשורערס, דאס די נייע סקייל פון ווייידזשעס פאר די קאוט-מייקערס וועט זיין 44 דאלאר פאר 44 שטונדען, און אן אלגעמיינע העכערונג פון 30 פראצענט פאר אלע ארבייטער אין טרייד איבער זייערע איצטיגע ווייידזשעס. און דאס דארף פארקומען ניט שפעטער ווי דעם 25טען אויגוסט.

און צו דער מינוט זיינען די פאדערונגען נאכגעגעבען געווארען, און דערצו האט נאך די יוניאן געסיינט אן אגרימענט מיט דעם בלעקסטאן-שאפ, מיט וועלכען זי האט געהאט א סכסוך זייט לעצטען פעברואר.

דאס איז א גרויסער זיעג. איבערהויפט, ווייל ער איז געווען אזא שטילער. געווים איז די אינטערנעשאנאל העכסט גליקליך פון דעם רעזולטאט און גראטולירט דעם גאנצען לאקאל 104 און אלע זיינע פיהרער פאר דער געלונגענער שטיקעל ארבייט, וואס זיי האבען אויסגעפיהרט.

...שלעזינגער'ס טור ...ער ערפאלג

...שלעזינגער איז איצט אין ... פון זיין טעלעגראמע, ... ערהאלטען איידער מיר ... איז קלאר, אז זיין „וואר-...נהט מעהר פון ארבייט, ...לגרייכער ארבייט, ווי פון ...מענטס. עס איז קלאר, ... פארגעניגען פאר שלע-...ביים, ארבייט און ווידער

...פאלגרייכען אויפטו פאר ... אין לאס אנדזשעלעס ...לעזער. איצט וועט זיך ...טע ווידערהאלען אין סאן ...דאן צוריק נאך ניו יארק. ... טעלעגראמע פון 16טען

...ט זעהר גוטע מיטינגען ...טיוו באארד און מיט די ... לאקאל 8. האב ארויס-... א בריעף צו די קלאוק-...ם אסס'ן פון סאן פראנ-...רען איינגעלאדען צו א ... ערווארטען, אז זיי ווע-... דעם זעלבען סקייל פון ... די קלאוקמאכער פון ... האבען געקראגען. די ...ט שטאטפינדען מארגען ... גלויב, אז זונטאג וועל ...לאזען סאן פראנציסקא ...ו איך וועל פארבלייבען ... טאג אדער צוויי, און ...ם, און האף צו זיין אין ...ר פון מאנאט. אין לאס ...אלעס אין אן אויסגעציי- ...

...דזשאמין שלעזינגער."

...ט-פארצייכנים

...קייט", נומער 35.

... — ש. י. — מיטינג פון ...ד — ל. לאנגער.
...זייער אייבשטעלונג פון די ... אפיסעס — א סטעף רע-...
... פון פילאדעלפיא — א. ...ווי שעהנע מיטינגען.
...ט זיך ביי די סקוירט און ...ן לאקאל 23 ? — ה. וואנ-...
...ידיעס טיילאר סטרייק — ... 1.
... די באריהמטע גריכישע ...אסתר לוריע.
...לערונג פון'ם עקזעקוטיוו ...קאל 35. ווארום ער האט ...בן הרב.
... — טאמאס קראג.
...צום רעדאקטאר — מ. וואר-...
...אקטאר'ס נאטיץ ביכעל. ...עליעטאן.) — א. וואהלי-...
...ים אין דער ארבייטער בא-...ר גייעג נאך שטימען —
...ציאן און די צוקונפט — ... פוינטע.
...הערצער (איין אקטער) — ...על. נו, א וואך — דר.
...די סאציאליסטישע פארטיי ... בוכוואלד.
...וועלט — ראזע בעדריק-...האט מיר מיין מאמע דער-...ם) — י. ארלער.
...מועסען.
... 19 — אדווערטייזמענטס.
...עם 100 טויזענד דאלאר ...אראף. צוויי טעסעדזשעס.

דער קלאוקמאכער סטרייק אין טאראנטא, געענדיגט

א גוטער, א גינסטיגער סעטעלמענט. — אויך די סקוירט-מייקערס געווינען זייער סטרייק און קעהרען זיך אום צו דער ארבייט.

ענדליך איז געסעטעלט געווארען דער סטרייק פון די קלאוקמאכער פון טאראנטא, און אזוי, אז די ארבייטער האבען קיין אורזאכע ניט צו זיין אונצופריעדען, אדער אז עס זאל זיי דארפען פארדריסען ווארום זיי זיינען גאר לכתחילה ארויס אין סטרייק.

דער סטרייק, ווי באקאנט, האט זיך היבשליך פארצויגען, און מאנכע אונגעדולדיגע האבען שוין כמעט ווי זיך מיאש געווען, אז דער סטרייק זאל זיך ענדיגען צו גונסטען פון די סטרייקער. אבער דאס מאל, ווי אלע מאל, האט די אויסדויער-קראפט פון די ארבייטער זיך ארויסגעוויזען שטארקער ווי אלע פראפעציייהונגען.

ווי באקאנט האט זיך אין דעם סטרייק הויפטזעכליך געהאנדעלט וועגען דער אנערקענונג פון דער יוניאן פון דער זייט פון די באסעס. זיי זיינען געווען בארייט צו פארהאנדלען אינדיווידועל מיט זייערע ארבייטער אין זייערע שעפער, זיי האבען אבער ניט געוואלט פארהאנדלען מיט דער יוניאן אלס אזעלכער.

סוף כל סוף אבער האבען די הויפט-פארשטעהער פון דער באסעס אסס'ן פון טאראנטא, ווי צום ביישפיעל, מעקינאק ווינטערס, מקולאנד און אנדערע, איינגעוויליגט צו פארהאנדלען מיט א קאמיטע פון זיעבען, וואס האט רעפרעזענטירט די יוניאן און אן דער שפיצע פון וועלכער איז אויך געווען ס. קאלדאווסקי, דער מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן פון טאראנטא און אויך דער פיהרער פון דעם סטרייק, און אויף א מיטינג אין קינג עדווארד האטעל האבען ביידע צדדים איינגעוויליגט צום פאלגענדען סעטעלמענט:

1. קיין דיסקרימינײשאן געגען אירגענד ווועמען פון די סטרייקער.
2. קאטערס און טרימערס קריגען א לוין-העכערונג פון 5 דאלאר.
3. סעמפעל מייקערס קריגען א מינימום-ווייידזש פון 32 דאלאר פער וואך.
4. אונטער-פרעסערס קריגען א לוין העכערונג פון 4 דאלאר.
5. אלע אנדערע ארבייטער קריגען א צעהן-פראצענטיגע העכערונג אויף זייערע פריהערדיגע פארדיענסטען.
6. אן ארבייטס-וואך זאל באשטעהן פון ניט מעהר ווי 44 שטונדען.
7. אנדערהאלבען מאל באצאהלט פאר אווערטיים.
8. אכט געזעצליכע יום טובים, פאר וועלכע די ארבייטער קריגען באצאהלט.

וואס אנבאטרעפט וואך-ארבייט און אנדערע פארדערונגען, וועגען דעם וועלען נאך פארקומען קאנפערענצען צווישען די פארשטעהער פון דער באסעס אסס'ן און פון דער יוניאן, ביז מען וועט געפינען אן אויסגלייך, וואס זאל זיין צופריעדענשטעלענד פאר ביידע צדדים.

דערוויל, ווי פריינד קאלדאווסקי לאזט אונז וויסען טעלעגראפיש, זיינען נאך ניט אלע צוריק ביי זייער ארבייט, אבער עס וועט געוויס לאנג ניט נעהמען און אלע ארבייטער וועלען צוריק זיין אויף זייערע פלעצער.

עס קומט דארום די קלאוקמאכער פון טאראנטא, זייער געטרייען פיהרער, ס. קאלדאווסקי, וויס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, ווי אויך דער גאנצער אינטערנעשאנאל, וועלכע האט געהאלפען פינאנציעל און מאראליש די סטרייקער, אן אמת'ער, פון הארצען קומענדער מזל טוב. אונטער די אומשטענדען האבען זיי אויסגעפאכטען א גרויסען און א מוטיגען קאמפף, און זיי מעגען זיין צופרידען סיי מיט זייער קאמפף און סיי מיט דעם סעטעלמענט. עס איז אמת, אז זיי האבען ניט אלעס געוואונען, וואס זיי האבען געפאדערט, און צו וואס זיי האבען זיך געפיהלט פאלקאם בארעכטיגט, אבער אזא פעסטער ווילען און מוטיגקייט, וואס זיי האבען ארויסגעוויזען אין דעם נאר-וואס-געענדיגטען סטרייק, זיינען די בעסטע גאראנטיע, אז זיי וועלען נאר אין דער ניכער צוקונפט אויך האבען אויסגעפיהרט די אנדערע פאדע-

די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

די „יוניטי־האום" אין ארווילא און די „יוניטי־האוז" אין פארעסט פארק

א פאר געדאנקען צו דער שליסונג פון דער זומער־היים פון די פילאדעלפיער וויסט־מאכערינס.

ניט תמיד איז דער נאמען פון א אידעע, פון א שטרעבונג, פון א באוועגונג, פון אן ארגאניזאציע, אדער פון אן אנשטאלט, אזוי אמת־כאראקטעריסטיש אין זיין באצייכנונג פון דער זאך, וואס טראגט דעם נאמען, ווי אין דעם פאל פון דער זומער־היים פון די פילאדעלפיער וויסט־מאכערינס, וועלכע טראגט דעם נאמען „יוניטי־האום".

אט דער נאמען אליין דריקט אויס דעם גאנץ־באמערקבארען אונטערשיעד צווישען דער „יוניטי־האוז" — דעם גרויסען, רייכען און שעהנעם זומער־פלאטץ פון די ניו יארקער וויסטמאכערינס, אין פארעסט פארק, פענסילווייניא, — און דער „יוניטי־האום", די קליינע שטילע און רוהיגע זומער־היים פון די פילאדעלפיער וויסטמאכערינס, אין ארווילא, ניט ווייט פון פילאדעלפיא.

ווענען דער ערשטער, ווענען דער „יוניטי־האוז" פון די ניו יארקער וויסטמאכערינס איז שוין אין דער „גערעכטיגקייט" און אין די אנדערע אידישע און ניט־אידישע צייטונגען א היבש ביסעל געשריבען און דערצעהלט געווארען. עס איז קוים דא נויטיג ווידער אמאל צו פארקאשערען די ארבעל און נעהמען נאכאמאל באשרייבען די גרויסע צאהל קאטעדזשעס, וואס די „יוניטי האוז" פארמאגט, זייערע שעהנע, לופטיגע און ליכטיגע צימערען, מיט די נייסטע און מאדערנסטע איינריכטונגען און אויסשטאטונגען, די שעהנע געדיכטע וועלדער ארום און ארום, די פארטרוימטע בלויע בערג פון ווייטענס, דעם גרויסען וואונדער־שעהנעם טייך, מיט זיינע באדע־פלעצער און שיפלאך, דעם גארטען, שפאציר־אלעען, בלומען, לאנקעס און אלץ מיט־אן־אנדער, וואס שטעלט מיט זיך צונויף די ריעזיגע קאלאניע, וועלכע טראגט דעם נאמען „יוניטי־האוז".

דאס אלץ, און נאך מעהר ווי דאס, איז שוין אונזערע לעזער וואויל באקאנט. אבער ווי פיעל וויסען אונזערע לעזער ווענען דער „יוניטי־האום" פון די פילאדעלפיער וויסטמאכערינס? דאכט זיך, אז גארנישט. מיט דעם אויסנאהם פון איין קורצען ארטיקעל פון פריינד א. סילווער, דעם מענעדזשער פון דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן, וואס איז געווען געדרוקט אין דער „גערעכטיגקייט" מיט עטליכע וואכען צוריק, איז ווענען דער פילאדעלפיער „יוניטי־האום" אין אינזער פרעסע כמעט ווי גארנישט דערמאהנט געווארען. אמת, דאס איז ניט די שולד פון דער פרעסע, נאר פון דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן; דערהויפט, טאקע פון פריינד סילווער'ן אליין. אורטיילענדיג נאך זיין דערמאנטען ארטיקעל, האט איהם, סילווער'ן, הייסט עס, דער גוטער יאהר ניט גענומען; ער איז ניט בלויז אן ענערגישער פאך־ארגאניזאטאר און פעהיגער יוניאן־פארוואלטער, נאר ער קען — ווען ער וויל נאר — דיענען דער ארגאניזאציע אויף אן אויסגעצייכענטען אופן אויך מיט זיין פען. און אויב ער האט דאס ניט געטהאן אין א גרעסערער מאס בנוגע דער יונגער גראטענער בת־יחידה פון דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן — איהר „יוניטי־האום", האט פר. סילווער דערמיט, לויט אונזער מיינונג, באגאנגען אן עולה געגען דער „יוניטי האום".

אבער, אויב דאס איז אן עולה — זאלען זיך די פילאדעלפיער יוניטי־מיידלעך מיט איהם אפרעכענען פאר זייער קריוודע. מיר קאנסטאטירען דא בלויז דעם פאקט, אז די „יוניטי־האום" אין ארווילא איז אונזערע לעזער גאנץ־אומבאקאנט, אויב ניט פאלשטענדיג פרעמד. און דאך... און דאך איז אט די שטילע, געלאסענע און באשיידענע „יוניטי־האום" אין ארווילא איינע פון די שעהנסטע און הערליכסטע ארבייטער־אינסטיטוציעס אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג בכלל, און אין דער אידישער ארבייטער־באוועגונג אין אמעריקא בפרט.

ווען איך זאל קיין מורא ניט האבען פאר דעם צארן און איפערזוכט פון די ניו יארקער „יוניטי האוז". פאטריאטקעס, וואלט איך געזאגט, אז אין איינינע הינזיכטען פארדיענט די קליינינקע פילאדעלפיער „יוניטי־האום" מעהר ליב און אנערקענונג אפילו פון דער גרויסער רייכער „יוניטי־האוז" אין פארעסט פארק. און ווען מע וואלט מיך א נעהם געטהאן אויפ'ן צימבעל און א פרעג געטהאן: פארוואס און מיטוואס? וואלט איך געגעבען די קורצע אבער אויפריכטיגע תשובה: — פשוט דערמיט, וואס די פילאדעלפיער האבען א „יוניטי־ה א ו ם". אן איינינקייטס־ה י י ם, וואו איינינקייט הערשט פריי און אונגעשטערט, ווי א ווירטין ביי זיך אין דערהיים; וועהרענד, מיר, ניו יארקער, האבען א „יוניטי־ה א ו ז", א גרויסע, שעהנע, באקוועמע און קאסטבארע איינינקייטס־ה ו י ז, וואו איינינקייט איז א גאסט, א זעהר געווינשטער גאסט, א העכסט־אנגעלעגנטער גאסט, אבער דאך ניט מעהר ווי א גאסט! ניט גענוג פריי, אפט געשטערט און ניט זעלטען פ א ר ש ט ע ר ט; מיט איינעם ווארט: ביי אונז, ניו יארקער, איז די איינינקייט פארלויפיג נאך, ליידער, ניט די פאלשטענדיגע, אומבאשרענקטע און אומגעשטערטע בעל־הבית'טע; איינינקייט, עכטע, אמת'ע איינינקייט איז נאך אין דער פארעסט־פארק „יוניטי־האוז" נ י ט ב י י ז י ך א י ן ד ע ר ה י י ם.

אמת, די קליינינקע שטערונגען, וואס קומען דארט פון איינצעלנע אדער קליינע גרופען פערזאנען, זיינען קליינליך, גראשענדיג און פשוט לעכערליך, אבער טאקע דערפאר איז דער וועהטאג נאך גרעסער. איך וויל זיך דא ניט אריינלאזען אין א חקירה איבער דעם תמצית פון אט די קליינליכע און נארישע רכילות'לעך און „בארעדענישען". דאס איז כלל ניט וויכטיג. וואס איז יא וויכטיג איז, ווארום זאלען דערוואקסענע מענשען, מענשען מיט געזונטע מענשליכע חושים, ריידען און אפט האנדלען ווי קליינע שול־קינדער, וועלכע זיינען דם־שונאים דער לעהרערין און אפילו דער אייגענער מוטער דערפאר, וואס די לעצטע פארלאנגען פון זיי, אז זיי זאלען זיך האלטען אין ארדנונג ווען יענער רעדט, און זיך באציהען מיט רעספעקט צו יענעם'ס ווערטער; ניט א תל מאכען פון'ם הויז און די הויז־זאכען, וואס האט די עלטערען געקומען צייט און מיה אויפצובויען און צוזאמענצושטעלען; און נאך אזעלכע עכט־מענשליכע און זעהר נויטיגע מידות און כללים פון אויפפיהרונג, וועלכע יעדער מענש מוז אויסלערנען, אפילו ווען דאס ווערט אמאל גערופען מיט דעם נאמען דיסציפלין...

זאל עס באמת הייסען, אז די פילאדעלפיער וויסטמאכערינס זיינען קליגער פון אונזערע ניו יארקער — ווייניגסטענס פון א געוויסען טייל פון אונזערע ניו יארקער וויסטמאכערינס? הפנים אזוי! עס איז אפשר ניט קיין צופאל, וואס די פילאדעלפיער וויסטמאכערינס האבען זייער זומער־היים א נאמען געגעבען „יוניטי־האום" און ניט „יוניטי־האוז". דאס האט מסתמא זייער געזונטער איינינקייטס־אינסטינקט זיי אונטערגעזאגט אט דעם נאמען, וועלכער פאסט זיך אזוי אויסגעצייכענט פאר זייער שטילער, ליעבער, מיט רוה און גליק אטהעמענדער זומער־היים, וואס איז פול אין אלע ווינקעלעך מיט הארמאניע און איינינקייט.

די „יוניטי־האום" אין ארווילא געפינט זיך אין גאנצען א 25 מייל פון פילאדעלפיא. די „האום" באשטעהט פון בלויז א פאר געצעהלטע קאטעדזשעס, מיניאטיור געבויט. ווען מע קומט צו פאהרען אהין נאכדעם ווי מע האט שוין געהאט געזעהן די גרויסע „יוניטי־האוז" אין פארעסט פארק, ווארפט זיך דארט דאס ערשטע אין די אויגען דאס קליינקייט און באשרענקטקייט סאי פון די קאטעדזשעס און סאי פון'ם פלאטץ ארום די קאטעדזשעס.

די „יוניטי־האום" פארמאגט ניט מעהר ווי א זיעבען אקער לאנד, געגען די זיעבענהונדערט אקער לאנד פון דער „יוניטי־האוז" אין פארעסט פארק. אי דאס איז דאס לאנד דארטען — ניט בלויז דאס, וואס באלאנגט צו דער „האום", נאר גאנצע שטרעקען ארום און ארום — פלאך און אפען: ניט קיין וועלדער און ניט קיין בערג, צו וועלכע מען איז געוואוינט אין פארעסט פארק. אויך פעהלט דארט א טייך פאר באדען, שווימען און שיפען זיך, אדער כאטש א קליין טייכעל אויף נאר צו באדען זיך.

דער גרעסטער חסרון פון דער „יוניטי־האום" איז — אהן צווייפעל — דאס, וואס זי געפינט זיך בלויז עטליכע שפאן פון אן אייזענבאהן־ליניע, און מע הערט דארט בייטאג און ביינאכט דאס פייפען און טאראכקען פון לאקאמאטיווען און וואגאנען.

אבער, די אלע חסרונות, גרויס און באדייטענד ווי איינינגע פון זיי זיינען, ווערען זיי דערטרונקען אין'ם ים פון איינינקייט, גליקזעליגקייט און פרייד, וואס שיינען ארויס פון יעדען ווינקעל פון דער זויבערער, ליכטיגער און ציכטיגער „יוניטי האום".

דעם גרענצלאזען צוטרויען פון אלע יוניטי־מיידלעך צו דער הויז־פארוואלטונג, אין זייער שטענדיגע בארייטקייט צו דיענען און העלפען דער פארוואלטונג מיט וואס נאר זיי קענען — דאס איז ווירקליך מקנא צו זיין... און די טיעפע פריינדשאפט און שוועסטערליכע איבערגעבענהייט צווישען אלע יוניטי־מיידלעך דארטען, אין דער „יוניטי־האום", מעג זיכער דיענען אלס א מאדעל פון איינינקייט און סאלידאריטעט פאר גאר פיעלע און א סך גרעסערע ארבייטער־ארגאניזאציעס איידער די גאנצע פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן.

עס מעג דא, אגב אורחא, דערמאהנט ווערען, אז די „יוניטי־האום" איז פון דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן ניט געקויפט געווארען ווי זי איז איצט. געקויפט האט די יוניאן נאר דעם פלאטץ מיט איין שטיקעל אלטער „שענטי". די איצטיגע קאטעדזשעס דארטען, מיט דער באזונדערער ביבליאטעק און די אלע איינריכטונגען, ווי וואסערלייטונג, עלעקטרישע באלייכטונג, טעלעפאן און אנדערע זאכען — דאס אלץ האט די יוניאן דארט אליין אויפגעבויט.

ארום און ארום האט די „יוניטי־האום" ביז היינט געקאסט דער פילאדעלפיער יוניאן ארום 45 טויזענד דאלאר. און ווען מע האט אין זינען, אז די גאנצע מיטגלידערשאפט פון יענער יוניאן איז ארום איין זעקסטעל פון דער מיטגליעדערשאפט פון דער ניו יארקער וויסטמאכער יוניאן, באגרייפט מען ערשט די גאנצע גרויסקייט פון אט דער „יוניטי־האום"־אונטערנעהמונג.

צו דעם גרויסען פארגניגען פון די ניו יארקער וויסטמאכערינס זאל דא געזאגט ווערען, אז די מיינונג פון מבינים אויף לאנד אייגענטום, וועלכע האבען געזעהען ביידע, אי די „יוניטי־האוז" אין פארעסט פארק און אי די „יוניטי־האום" אין ארווילא, איז, אז אויב די קליינינקע „יוניטי־האום" אין ארווילא האט געקאסט 45 טויזענד דאלאר, איז די „יוניטי הויז" אין פארעסט פארק ווערט ניט נאר צוויי מאל אזוי פיעל, דאס הייסט, 90 טויזענד דאלאר, ווי עס איז פאר איהר באצאהלט געווארען; נאר זי איז ווערט פיער אדער פינף מאל אזוי פיעל ווי דער פרייז פון דער פילאדעלפיער „יוניטי־האום".

אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אז די „יוניטי האוז" פון די ניו יארקער וויסט מאכערינס איז א פארמעגען פון ארום א פערטעל־מיליאן דאלאר. און אט דער גאנצער ריעזיגער פארמעגען, מיט זיינע אונצעהליגע באקוועמליכקייטען און פארגניגענס, איז פאר דעם נוצען און געברויך פון די טויזענטער ארבייטער־מיידלעך אין דער ניו יארקער וויסט און דרעס אינדוסטריע.

אך, ווען אלע, אלע אונזערע וויסט־מאכערינס וואלטען נאר געוואוסט ווי אזוי מיט אט דעם אוצר זיך ריכטיג צו באנוצען און ווי איהם אפצושאצען — וואס פאר אן אונערשעפליכער קוואל פון גליק, פרייד און הערליכער באגייסטערונג אט די „יוניטי האוז" אין פארעסט פארק וואלט דעמאלט פאר זיי געווען.

און דאס דערמאהנט אונז ווידער אן דער פילאדעלפיער „יוניטי־האום". און אן די ווערטער פון פריינד קאפלאן, דעם פינאנץ־סעקרעטער פון דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן. אויף זיין באזוך אין דער „יוניטי־האוז" אין פארעסט פארק, צוריק מיט עטליכע וואכען, האט פריינד קאפלאן אין עטליכע קורצע פשוט'ע ווערטער געזאגט צו די ניו יארקער וויסט־מאכערינס:

— קינדער, מיר, פילאדעלפיער, האבען איבערגענומען פון אייך, ניו יארקער, דעם „יוניטי־האוז"־געדאנק. מיר פיהלען זיך איצט בכוח אייך צו באצאהלען דעם גרויסען חוב. קומט צו אונז און נעהמט אייך אן מיט אונזער „יוניטי־האום"־געפיהל, מיט דעם געפיהל פון טרייהייט און איינינקייט: טרייהייט צו אייער שווער־פארהארעוועטער ארגאניזאציע און איינינקייט צווישען זיך אליין...

צו אלע קלאוקמאכער און וויסטמאכער

שוועסטער און ברידער!

די קלאוקמאכער און וויסטמאכער יוניאנס פון ניו יארק האבען זיך אונטערגענומען צו העלפען שאפען דעם 100 טויזענד דאלאר פאנד, צו העלפען דער סאציאליסטישער פארטיי און איהרע אינסטיטוציעס זיך פארטיידיגען געגען די פינסטערע כוחות פון דער רעאקציע וואס בושעוועט איצט אין אמעריקא, און ספעציעל ביי אונז אין ניו יארק! א חוץ דעם וואס דיעזע פינסטערע כחות האבען געמאכט אטאקעס אויף די רענד סקול און די „קאלל", פארשפרייטען זיי אויך אין דער פרעסע איבער'ן גאנצען לאנד ליגענס ווענען אונזערע יוניאנס, וועלכע קעמפען וואס ווייטער אלץ מעהר צו פארבעסערען דעם ארבייטער'ס לאגע.

די לוסק קאמיטע און די אנדערע קנעכט פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס מאכען ניט קיין אונטערשיעד צווישען דער סאציאליסטישער באוועגונג און דער טרייד יוניאן באוועגונג. זיי זיינען אויסען צו אונטערדריקען יעדער באוועגונג וואס איז געגען די אינטערעסען פון דעם קאפיטאליסטישען געלט זאק.

אלע אינטעליגענטע, קלאסענבאוואוסטע ארבייטער דארפען זיך ערנסט פארטראכטען ווענען דער לאגע. אין דער איצטיגער צייט פון דער רעאקציע מוזען די טרייד יוניאניסטען זיך ענגער צוזאמענבינדען מיט די סאציאליסטען! עס ליעגט איצט א הייליגע פליכט אויף די קלאוקמאכער, וויסט און דרעס מאכער און אלע אנדערע לאקאל יוניאנס פון אונזער פארטגעשריטענער אינטערנעשיאנאל, צו מאכען דעם 100 טויזענד דאלאר פאנד פאר אן ערפאלג.

די קלאוקמאכער און וויסט מאכער ספעציעל, קאנען געוויס ניט בלייבען הינטערשטעליג אין דער ארבייט. די סאציאליסטישע באוועגונג האט אונז אימער געהאלפען מיט אלע מעגליכקייטען אין אלע אונזערע סטרייקס און לאקאוטס, ווען מיר זיינען נאר אין טראבעל געווען און מיר טארען געוויס ניט איצט אוועקשטעהן פון דער סאציאליסטישער באוועגונג, ווען זי האט דורכצומאכען דעם שווערסטען קריזיס אין איהר געשיכטע. די קאפיטאליסטישע רעאקציע האט זיך פארשווארען צו דערשטיקען די פרייע, סאציאליסטישע אינסטיטוציעס און מר מוזען שטעהען ביי איהר זייט און דאס ניט דערלאזען! ווען מיר זאלען דאס איצט ניט טאן וואלט דאס געווען א פארראט ניט נאר צו דער סאציאליסטישער באוועגונג, נאר צו דער גאנצער ארבייטער באוועגונג!

מיר אפעלירען, דעריבער צו אלע שאפ טשערלייט פון די קלאוק, סקוירט און ריפער שעפער, און צו אלע טשערלייט און טשערליידיעס פון די וויסט שעפער, דאס זיי זאלען זעהען וואס גיכער צו זאמלען געלדער אויף די סובסקריפשאן ליסטען, וועלכע עס זיינען זיי פאר דעם צוועק צוגעשיקט געווארען. מיר אפעלירען אויך צו אלע אקטיווע מיטגליעדער אין די שעפער, צו העלפען די טשערלייט אין דער גרויסער הייליגער ארבייט.

די געלדער זאלען וואס גיכער געבראכט ווערען אין די אפיסעס פון דער קלאוקמאכער און וויסט מאכער יוניאנס. די אפטאון קלאוק שעפער זאלען ברייננען דאס געלד צום סעק.־טרעזשורער פון דזשאינט באארד, צו ברודער פיליפ קאפלאוויטש, 40 איסט 23טע סט. די דאון טאון קלאוק שעפער זאלען ברייננען דאס געלט אין דעם דאון טאון אפיס, צו ברודער ב. פריעד, 35 2טע סט. דאס געלט פון אלע וויסט שעפער זאל געבראכט ווערען אין אפיס פון דער וויסט מאכער יוניאן, 16 וועסט 21־טע סטריט, צום סעקרעטער, ברודער י. שעהנהאלץ.

אלע געלדער וועלען קוויטירט ווערען אין דער פרעסע.

ארבייטער טוט אייער פליכט!

פיליפ קאפלאוויטש.
ב. פריעד,
י. שעהנהאלץ.